מַהֲדוּרַת מַארקאָוויטש

סֵפֶר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

אִידִישׁ

## דְּבָרִים תשפ"ב

הֶערְלִיכֶע מַאֲמָרִים אוֹיף דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פוּל מִיט הִתְחַזְקוּת וְוִי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, מִיט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְן.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,

אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים,
אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא
אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְן חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ תובב"א

קרן הדפסה
היכל הקודש

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

סדר ועימוד, כריכה ושערים:
**א.י.ש. אשדוד**
08-8650078
0527627127

# מהדורת מארקאוויטש

נתנדב געווארן לזכות

**יואל** בן לאה

וזוגתו

**גענענדל יוטל** בת גיטל חי'

ובניהם

דער אייבערשטער זאל העלפן

אז זיי זאלן זוכה זיין

צו בנים ובני בנים

עוסקים בתורה ובמצוות

און צו געזונט

און צו שפע ברכה והצלחה

# לְזֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרַב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וֶהֱפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרַטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ,
עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת
מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל
הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה
לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן
י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה** ומשפ',

**אלחנן חיים** ומשפ',

**מרים העניא זיסל** ומשפ',

**שמעון** ומשפ',

**נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה**

הקדוש ברוך הוא ימלא

את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

# הַקְדָּמָה פוּן דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן עֵצוֹת. וָואס מִיט זֵיי קֶען יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיזְ'ן גְרֶעסְטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה אָדֶער שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ זָאג, קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", וַוייל יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען צוּנִי'ץ קוּמֶען סַיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיס נֶעמֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַדְרֵיגָה; אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ צוּנִי'ץ קוּמֶען פַארְ'ן נִידְרִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט אִים אוֹיךְ וַוייזְן אַ וֶועג אִין זַיין מַצָב, וִוי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רט) אַז דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר זַיין דוֹר, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת. אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם) מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ד, ט): "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" - "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן!"

**נָאךְ** דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַלֶעס נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס תּוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיינֶע

הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶועזְן זַיין עִיקָר צִיל אִין לֶעבְּן. זַיין מִיה אוּן פְּלָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, בָּרוּךְ ה', נָאר דוּרְךְ אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס וֶוערְט וַוייטֶער צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**אִינֶעם** הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער אַלֶע עֶקְן וֶועלְט. דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר זָאל נָאר זַיין, אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק זַיין, אַז עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ שִׂמְחַת הַחַיִּים, אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אַדוּרְך צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט גֶעשְׁמַאק, צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקַיֵּים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט פְרֵייד.

**אִין** דֶעם בִּיטֶערְן טָאג י"ז שְׁבָט תשע"ה לפ"ק, הָאבְּן מִיר פַארְלוֹירְן דִי גְרוֹיסֶע אֲבֵדָה שֶׁאֵין לָהּ תְּמוּרָה, וֶוען כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהֲרָא"ש, דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע אֲבֵדָה וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שִׁיעוּר, מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע לִימוּדִים מִיט וָואס מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אִין דִי וֶועגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים, אוֹיב לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִּיק אִיז נָאךְ דָא צְווִישְׁן אוּנְז.

**בָּרוּךְ** הַשֵּׁם אֲשֶׁר לֹא הִשְׁבִּית לָנוּ גוֹאֵל, אִין יָאר תשס"ט לִפְרָט קָטָן אִיז גֶעעֶפְנְט גֶעוָוארְן דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה "יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", דוּרְכְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דֶער תַּלְמִיד חָבִיב פוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיטְ'ן צִיל אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעלֶערְנְט.

**כָּאטְשׁ** וָואס אִין אָנְהֵייבּ אִיז דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע שְׁוֶועריקַייטְן, הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער צֶעוָואקְסְן אוֹיף גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, נִישְׁט נָאר אִין דִי רַאמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה לֶעבְּן דִי בָּחוּרִים מִיט דִי לְמוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר עֶס הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן אִיבֶּעראַל הֶערְט מֶען דִי דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה, טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי גָארֶער וֶועלְט שֶׁעפְּן הִתְחַזְקוּת פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת. בַּיי דִי דְרָשׁוֹת זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלוֹיז אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן לוֹיט וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, נָאר עֶר בְּרֶענְגְט עֶס מֶער אַרָאפּ אַז עֶס זָאל זַיין פַּאסִיג פַארְ'ן הַיינְטִיגְן דוֹר, מִיט דִי הַיינְטִיגֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריקַייטְן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָב, וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען בַּאנוּצְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין אוּנְזֶער הַיינְטִיגְן לֶעבְּן.

**אוֹיסֶער** דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט טֶעגְלִיךְ אִין יְשִׁיבָה - רֶעדְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִין דִי שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, דִי דְרָשׁוֹת וֶוערְן גֶעזָאגְט מִיט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בְּרֶען אוּן פֵייעֶר, וָואס שְׁנַיידְט דוּרְךְ אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן פוּן הָארֶץ.

**שַׁבָּת** אִינְדֶערְפְרִי לֶערְנְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָאר סֵפֶר הַקָדוֹשׁ 'סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת' וִוי דֶער מִנְהָג אִיז אִין בְּרֶסְלֶב, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פְלֶעגְט אַרַיין הֶערְלִיכֶע פְּשָׁטִים, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, בְּעִיקָר בַּאצִיט זִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיט חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת וָואס אִיז אַ יְסוֹד בַּיים רֶבִּי'ן. דָא אִינֶעם סֵפֶר הָאבְּן מִיר אַרוֹיס גֶענוּמֶען דֶעם לָשׁוֹן פוּנֶעם סֵפֶר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אִין קוּרְצְן נָאר דֶער תּוֹכֶן פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

**שַׁבָּת** נָאכְמִיטָאג בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת לֶערְנְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פָאר אַ תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, גֶעוֶוענְלִיךְ לוֹיט דִי עִנְיָנִים פוּן דִי פַּרְשָׁה.

**גֶעוִויסֶע** שַׁבָּתִים אִיז אוֹיךְ דָא אַ בָּאטֶע, וואוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאךְ דִי סְעוּדָה, אִינְאֵיינֶעם מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת אוּן נִיגוּנִים אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט דִבְרֵי הִתְחַזְקוּת מִיט עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**דִי** שִׁיעוּרִים וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואכְן טֶעג וֶוערְן רֶעקָארְדִירְט אוּן אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן הַאטְלַיין "קוֹל בְּרֶסְלֶב", וואוּ יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען אִיבֶּער הֶערְן דִי דְרָשׁוֹת אוּן שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. אָבֶּער אַזוֹי וִוי דִי שִׁיעוּרִים וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין דִי שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים וֶוערְן נִישְׁט רֶעקָארְדִירְט, הֶערְט זִיךְ אַ נָאכְפְרַאגֶע פוּן

פִילֶע אִידְן אִיבֶּער דִי גָארְער וֶועלְט וָואס בֶּעטְן זִיךְ כְּסֵדֶר 'לָמָּה נִגָּרַע', מִיר ווִילְן אוֹיךְ קֶענֶען הֶערְן דִי אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע זְמַנִּים.

**הָאבְּן** מִיר גֶענוּמֶען דֶעם מִיה אוּן פְּלַאג זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען דִי לִיכְטִיגֶע דִיבּוּרִים אוּן עֶס אַרָאפּ שְׁרַייבְּן, אוּן עֶס אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן אִין אַ פַּארְמַאט פוּן גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, עֶס אִיז גֶעוָוארְן צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה דֶערְמִיט יֶעדֶע וָואךְ.

**יֶעצְט** וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ בְּסִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן דֶעם 'עֶרְשְׁטְן בַּאנְד' "אֲשֶׁר הָיָה אֵל יוֹאֵל", וָואס עֶנְטְהַאלְט שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בִּשְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, דַאנְקֶען מִיר אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָּה וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אוּן מִיר בֶּעטְן אַ תְּפִלָּה אוֹיף וַוייטֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן וַוייטֶער הָאבְּן דִי זְכִיָּה אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

מִיר ווִילְן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן מִיט דֶעם סֵפֶר, סַיי מִיטְ'ן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן פוּנֶעם זִכָּרוֹן דִי דִיבּוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט, וָואס נָאר אַ דַאנְק זֵיי הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען דֶעם חוֹמֶר פוּנֶעם גַאנְצְן סֵפֶר, אוּן סַיי מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט ווִי טֵייפְּן, נִקּוּד אוּן הַגָּה.

מִיר מוּזְן בַּאטָאנֶען, אַז כָּאטְשׁ וָואס מִיר הָאבְּן אַרַיין גֶעלֵייגְט פִיל כֹּחוֹת אַרָאפּ צוּ שְׁרַייבְּן דִי דִיבּוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיז אָבֶּער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל זַיין גֶעשְׁרִיבְּן פִּינְקְטְלִיךְ אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט עֶס גֶעזָאגְט, וַוייל עֶס אִיז זִיכֶער אַז מֶען פַארְגֶעסְט גֶעווִיסֶע אֵיינְצְלְהֵייטְן פוּן דִי שִׁיעוּרִים בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט טוֹעֶה גֶעוֶוען אִין גֶעווִיסֶע זַאכְן, דֶערְפַאר אוֹיבּ טְרֶעפְט אִיר טָעוּתִים אִינֶעם סֵפֶר זָאלְט אִיר עֶס לֵייגְן אוֹיף אוּנְז, אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען רִיכְטִיג דִי דִיבּוּרִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעֻלָּה, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

**הַמּוֹצִיאִים לָאוֹר**

# תֹּכֶן הָעִנְיָנִים


פַּרְשַׁת דְּבָרִים ........ טז

תִּשְׁעָה בְּאָב ........ כט

פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן ........ נג

פַּרְשַׁת עֵקֶב ........ עט

פַּרְשַׁת רְאֵה ........ קג

פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים ........ קלג

פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא ........ קסג

פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא ........ קעא

פַּרְשַׁת נִצָּבִים ........ קפט

פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ ........ ריט

פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ........ רלט

# פַּרְשַׁת
# דְּבָרִים

# פָּרָשַׁת דְּבָרִים

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת דְּבָרִים, שַׁבָּת חֲזוֹן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פָּארְגֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן אִינֶעוֵוייניג. מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס דָא אִין קוּרְצְן:

**דֶער** מְמוּנֶה פוּן דִי אוֹצְרוֹת פוּנֶעם קֶענִיג, אוּן דֶער גִבּוֹר, אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זֶענֶען צוּזַאמֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְזוּכְן דֶעם קֶענִיג מִיט זַיינֶע לַייט וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן בִּשְׁעַת עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְט.

**אוֹיפְ'ן** וֶועג זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מְדִינָה וָואס דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַז דֶער עִיקָר אִיז 'חָכְמָה', אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶער 'חָכָם' פוּנֶעם קֶענִיג אַלְס מֶלֶךְ. זֶענֶען זֵיי אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם 'חָכָם' וָואס אִיז גֶעוָוארְן מֶלֶךְ אִין דֶער מְדִינָה אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן.

**זֵיי** הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט וָואס מֶען קֶען טוּן מִיט דִי מְדִינָה וָואס זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גֶעוָוארְן אִין דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט.

הָאט דֶער חָכָם גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם קֶענִיג אַז פוּן אַלֶע תַּאֲוֹת קֶען מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסֶער פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה, דוּרְךְ דֶעם וֶועג פוּן דִי שְׁוֶוערְד קֶען מֶען אֲפִילוּ אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. אוּן דֶער חָכָם הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וויל אוֹיךְ מִיט גֵיין אוֹיפְזוּכְן דֶעם קֶענִיג. זֶענֶען אַלֶע פִיר גֶעגַאנְגֶען ווַייטֶער אוֹיפְ'ן וֶועג.

### מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט טְרָאסְטְן

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט: עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי 'חֲבֵרִים', מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט טְרָאסְטְן, פַארְבָּארְגְט נִישְׁט קַיין קְרֶעדִיט קַארְדְ'ס אוּן חַתְמְ'עט נִישְׁט קַיין עֲרֵבוּת פַאר קֵיינֶעם, אֲפִילוּ פַארְ'ן בַּאגְלֵייבְּסְטֶער מֶענְטְשׁ.**

**אַ** אִינְגֶערְמַאן פוּן יְרוּשָׁלַיִם הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט בָּרַבִּים, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט:

'דָאס וָואס דֶער ראֹש יְשִׁיבָה רֶעדְט מֶען זָאל אַבְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, רֶעדְט מֶען פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן נִישְׁט ווי אַזוֹי מֶען אִינְוֶועסְטִירְט, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס דָאךְ יָא ווי אַזוֹי מֶען אִינְוֶועסְטִירְט'. און עֶר הָאט אִינְוֶועסְטִירְט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלַארְן אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, צוּם סוֹף הָאט עֶר גֶעבֶּעךְ פַארְלוֹירְן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט.

**עֶר** אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא וֶועסְטוּ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַלֶעס קֶענֶען צוּרִיק בַּאקוּמֶען", דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעהַאט הִתְחַזְקוּת, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְּמָרָא, בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט אַלֶעס צוּרִיק בַּאקוּמֶען. עֶר הָאט נָאכְמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶּועק צוּ לֵייגְן גֶעלְט, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אַוֶּועק גֶעלֵייגְט אַ מִילְיָאן שֶׁקֶל, בִּיז זַיין 'בֶּעסְטֶער חַבֵר' הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זַיין אַן עָרֵב נָאר פַאר אֵיין וָואךְ, עֶר הָאט אוּנְטֶער גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם שְׁטַר עֲרֵבוּת און יֶענֶער אִיז אַנְטְלָאפְן... יֶעצְט דַארְף עֶר בַּאצָאלְן דֶעם שְׁטַר עֲרֵבוּת, און וִויבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט, נֶעמְט מֶען אִים אַוֶּועק זַיין הוֹיז.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ עַנְק, אַז אֵיינֶער בֶּעט דִיר "בָּארְג מִיר טוֹיזְנְט דָאלֶער", "זַיי אַן עָרֵב אוֹיף טוֹיזְנְט דָאלֶער", זָאלְסְטוּ אִים בָּארְגְן און וֶוערְן אַן עָרֵב נָאר לוֹיט וִויפִיל גֶעלְט דוּ וָואלְסְט אִים סַיי ווי גְרֵייט גֶעוֶוען צוּ 'גֶעבְּן פַאר צְדָקָה', וַוייל אַפִילוּ דוּ מֵיינְסְט 'דֶער אִיז מַיין בֶּעסְטֶער חַבֵר, אִיךְ וֶועל אִים פַארְבָּארְגְן, עֶר וֶועט מִיר זִיכֶער בַּאצָאלְן', וֶועט עֶר מָארְגְן אַוֶּועק לוֹיפְן און דִיר נָאכְרֶעדְן בַּארֶעדְן און בַּאגְרָאבְּן.

### נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווי חֲבֵרִים,
### אוֹיבּ יָא - אִיז דָאס דִי וַוייבּ

**אַ** אִינְגֶערְמַאן מֵיינְט 'אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ פֶּעסְטֶע גְרוּפֶּע חֲבֵרִים, דָארְט רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן סְתָּם זַאכְן, דָארְט רֶעדְט מֶען פוּן גָאר וִויכְטִיגֶע זַאכְן, פוּן דִי וַואלְן און פָּאלִיטִיק'. און זַיין וַוייבּ רוּפְט אִים: "קוּם אַהֵיים, דִי קִינְדֶער וִוילְן דִיר זֶען", אַנְשְׁטָאט טוּן וָואס אִיז וִויכְטִיג, זַיין אַבִּיסְל אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי וַוייבּ און קִינְדֶער, לוֹיפְט עֶר צוּ זַיינֶע חֲבֵרִים. זָאלְסְטוּ וִויסְן, בַּאלְד וֶועסְטוּ גֶעוואוֹר וֶוערְן אַז דַיין 'בֶּעסְטֶער חַבֵר' הָאט דִיר צוּגֶענוּמֶען דַיין גֶעלְט און אַרוֹיס גֶעטְרָאגְן פוּן דַיין בִּיזְנֶעס. חֲבֵרִים טוֹישְׁן זִיךְ אַזוֹי שְׁנֶעל ווי וֶועשׁ...

**דֶעמָאלְט** כַאפְּט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף פוּן שְׁלָאף, עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זֶען 'אֵיין מִינוּט, עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער', אָבֶּער דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, וֶוען דֶער גִבּוֹר אִיז שׁוֹין דָא און דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין גְרֵייט צוּ הֶערְן וָואס

מֶען זָאגְט אִים, אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער אִים צוּ הֶעלְפְן.

**אִין** דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן וֶוען עֶס טוּט זִיךְ שׁוֹין אִין שְׁטוּב, אוּן דִי ווייבּ דַארְף בִּיגְלֶען אוּן צַאמְלֵייגְן וֶועשׁ בִּיזְ'ן דַאךְ, אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אַז מֶען קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים אַזוֹי פִּינְקְטְלִיךְ, אָבֶער יוּנְגֶערְהֵייט וֶוען עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן אִינְדֶערְהֵיים, דִי ווייבּ אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי פַּארְנוּמֶען, שְׁטֵייט דִי וַוייבּ אוּן וַוארְט יֶעדֶע מִינוּט אִיר מַאן זָאל אַהֵיימְקוּמֶען, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן קַיין 'בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים' צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי טֶעג אוּן נֶעכְט אִינְדְרוֹיסְן.

**אַ** אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר וֵויינֶען: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר הֶעלְפְן? אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט דֶעם טָעוּת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט שֵׁיין צוּ מַיין וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעשְׁלָאגְן, אָבֶער נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק ווי זִי לֵייגְט עֶס אַרָאפּ... אוּן זִי אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען", וָואס קֶען אִיךְ אִים יֶעצְט הֶעלְפְן? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיר הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט! וֶוען דֶער גִבּוֹר אִיז שׁוֹין דָא אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּרִיק צוּ דְרֵייעֶן, דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז מֶען זָאל נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז דֶער גִבּוֹר קוּמְט, לָאמִיר שׁוֹין גֵיין צוּם בַּעַל תְּפִלָּה, פַּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רַבִּי'ן.

**פַארְוָואס** בִּיסְטוּ בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן?! - דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע קַשְׁיָא אוֹיף אַ אִינְגֶערְמַאן. מִילָא אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶעגֶ'גְט, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט וואו צוּ גֵיין בַּיינַאכְט, זִיצְט עֶר אוּן הַאלְט דְרָשׁוֹת מִיט יֶעדֶע בָּחוּר בִּיז פַארְטָאגְס, אָבֶער אַז דוּ בִּיסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ, גֵיי אַהֵיים.

**אַ** מֶענְטְשׁ לֶעבְט אִין אַ בָּאבְל פוּן חֲבֵרִים, עֶר מֵיינְט אַז עֶר הָאט חֲבֵרִים. גֵיי אַהֵיים, שְׁמוּעֶס אִינְדֶערְהֵיים, הֶער אוֹיס דַיין וַוייבּ, רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער.

**לָאמִיר זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים**

מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, מִיר זֶענֶען דָא אִין 'הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ'. לָאמִיר נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, לָאמִיר זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אָן אוֹיסְנַאם, אֲפִילוּ קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים, זָאלְן קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן. אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער "לוּשְׁמִיר", "סַיידִין", "וַוארְטִיס", "מֶעלְדִיוֶוען" - פוּן סֵפֶר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' דָארְט וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין.

**אִין** בְּרֶסְלֶב הָאט מֶען גֶעזָאגְט אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ אַז זַיינֶע סְפָרִים זֶענֶען נֵייעֶ זַאכְן, עֶס אִיז נִישְׁט 'דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ'.

וָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעטוּן? מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם 'לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' אוּן דֶעם 'לִקוּטֵי הֲלָכוֹת' אוּן עֶס גֶעמַאכְט ווִי "עֶפְּל סָאוּס", אַז מֶען זָאל זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט דַארְפְן אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַריינְצוּבַּייסְן אִינֶעם הַארְטְן עֶפְּל, נָאר מֶען זָאל עֶס קֶענֶען גָאר גְרִינְג עֶסְן, אָן דַארְפְן צְעקַייעֶן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דִי שְׁוֶוערֶע תּוֹרוֹת פוּן לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, וָואס אִיז אָנְגֶעפִּילְט מִיט 'בְּחִינוֹת בְּחִינוֹת', 'כַּנַ"ל כַּנַ"ל', עֶר הָאט עֶס צֶעדְרִיקְט אוּן צֶערִיבְּן אוּן גֶעמַאכְט פוּן דֶעם סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוְון, אַז מִיר פְּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין טִיפֶע תּוֹרוֹת זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין דֶערְמִיט.

### פְרֵיי זִיךְ מִיט אִידִישְׁקֵייט

**וֶוען** מֶען עֶפְנְט דִי סְפָרִים הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, מַיין שַׁבָּת אִיז חָשׁוּב, מַיין תְּפִילִין אִיז חָשׁוּב, מַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת זֶענֶען חָשׁוּב, מַיין מְזוּזָה אִיז חָשׁוּב, מַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס אִיז חָשׁוּב.

**קֶען** זַיין אַז מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ: 'דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן חִיזוּק אוֹיף שְׁמִירַת שַׁבָּת, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶען נִישְׁט גֶעהִיטְן קַיין שַׁבָּת?' - גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ קוּם פוּן אַ חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ דַיָּן אוּן גֶע'פַּסְקְ'נְט שְׁאֵלוֹת, בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג גֶעהִיטְן שַׁבָּת; אָבֶּער זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אִידִישְׁקֵייט, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט שַׁבָּת, זִיךְ מְחַיֶּה זַיין "אַה, אִיךְ הִיט שַׁבָּת!" דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען.

**אַסַאךְ** מָאל וֶוען אִיךְ טְרֶעף חֲבֵרִים פוּן מִשְׁפָּחָה, פְרֶעגְן זֵיי מִיר: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטְרָאפְן אִין בְּרֶסְלֶב?" אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען, אַז אִיךְ פְרֵיי זִיךְ הַיינְט 'בָּרוּךְ ה' אִיךְ הִיט שַׁבָּת', 'בָּרוּךְ ה' אִיךְ רֵייבֶער נִישְׁט שַׁבָּת', 'בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קַאר שַׁבָּת', 'בָּרוּךְ ה' אִיךְ נִיץ נִישְׁט מַיין טֶעלֶעפָאוֹן שַׁבָּת', 'בָּרוּךְ ה' אִיךְ בִּין אַ אִיד', ווַייל מֶען וֶועט מִיר אָנְקוּקְן ווִי אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן דִי לְבָנָה. וָואס 'הִיטְן שַׁבָּת', יֶעדֶער הִיט דָאךְ שַׁבָּת?! מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ וָואס פַאר אַ גֶעשְׁמַאק דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט בַּאקוּמְט בַּיים רֶבִּי'ן.

**מוֹהֲרָא"שׁ** דֶערְצֵיילְט, אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעזֶען ווִי עֶר כַאפְּט אָן דִי פֶעדֶעמֶער פוּן זַיין צִיצִית אוּן וֵויינְט, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס ווֵויינְט דֶער רֶבִּי?" אַ צַדִּיק וָואס אַ גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען הָאט דָאךְ נִישְׁט

מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵויין צוּלִיב דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, וָואס קָאסְט אֵינְגַאנְצְן אַפָּאר פְּרוּטוֹת, וָואס מֶען אִיז דוּרְכְדֶעם זוֹכֶה צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעצְט וֶועט מֶען דָאס אַוֶועק נֶעמֶען פוּן מִיר (עַיֵּין יוֹרֶה דֵעָה סִימָן שנא, סְעִיף ב)", [הַיינְט אִיז שׁוֹין צִיצִית אוֹיךְ אַ טַייעֶרֶע זַאךְ, אָבֶער אַמָאל פְלֶעגְט מֶען קוֹיפְן אַבִּיסְל וָואל, עֶס אָפְּוַואשְׁן, אוֹיסְקֶעמְן אוּן מַאכְן דֶערְפוּן פֶּעדֶעמֶער, הָאט עֶס כִּמְעַט גָארְנִישְׁט גֶעקָאסְט]. זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי אַזוֹי צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט דִי פְּשׁוּט'עֶ מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט יֶעדְן טָאג.

**דֶער** רֶבִּי גֶעבְּט אַרַיין אַ חִיוּת אִין יֶעדֶע מִצְוָה, אֲפִילוּ אִין דִי מִצְוֹת וָואס קוּקְן אוֹיס צוּ זַיין פְּשׁוּט. קוּשׁ דַיינֶע צִיצִית, זַיי זִיךְ מְחַיֶה דֶערְמִיט; זַיי זִיךְ מְחַיֶה מִיט דַיינֶע פֵּיאוֹת, טְרַאכְט נִישְׁט 'וָואס אִיז דֶען וֶוערְד מַיינֶע פֵּיאוֹת...' - דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יז): אֲפִילוּ פוּן אַ נִידְרִיגֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹרָא'דִיגֶע נַחַת פוּן זַיינֶע פֵּיאוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט.

**תִּשְׁעָה בְּאָב אָן אַ צַדִיק אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער**

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב, דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ מַיין תִּשְׁעָה בְּאָב פַאר אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ. תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַדִיק וָואס זָאל מִיר אָפְּלֶערְנֶען פְּשַׁט אִין דֶעם מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּעֲנִית ל:): "כָּל הַמִּתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם זוֹכֶה וְרוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ, וְשֶׁאֵינוֹ מִתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם אֵינוֹ רוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ", אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט ווִי דֶער וֵויינְט אוּן יֶענֶער וֵויינְט, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ וֵויינֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם 'הַמִּתְאַבֵּל', ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ טוּן דִי רִיכְטִיגֶע אֲבֵלוּת?"

**בִּיז** אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט, 'מִתְאַבֵּל זַיין' מֵיינְט פְּשׁוּט, פָאלְגְן דִי הֲלָכוֹת פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, פַאסְטְן, אוֹיסְטוּן דִי שִׁיךְ, זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְוואשְׁן וְכוּ', וֶוער עֶס הַאלְט אַיין דִי הֲלָכוֹת וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דִי שִׂמְחָה וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

**וֶוען** אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צֶען יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ חַבֵר אִין חֶדֶר, וָואס הָאט מִיר אַרַיין גֶעלֵייגְט שְׁטוּתִים אִין קָאפּ, עֶר הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ מַאכְן סְגוּפִים, אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין קְלֵיינֶע שְׁטֵיינְדְלֶעך אִין דִי שִׁיךְ, אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ מַאכְן וואוּנְדְן, אַז מֶען רַייבְּט אַסַאךְ אוֹיף דִי הוֹיט בִּיז עֶס וֶוערְט זֵייעֶר הֵייס וֶוערְט עֶס אַ וואוּנְד... דָאס אִיז זֵייעֶר ווֵייטָאגְלִיכֶע יִסוּרִים.

**נָאכְדֶעם** הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ וָוארְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָסְ'ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז "אַ לַאךְ אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת"; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז יֶעדֶער חַסִידִ'ישֶׁער בָּחוּר הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט דֶערְפוּן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָבֶער צוּגֶעלֵייגְט צוּ דֶעם: "אֵיין רֶגַע עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אִיז סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס פַּיינְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן מח)".

**וֶוען** מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק תִּשְׁעָה בְּאָב אוֹיף דֶער עֶרְד זָאגְן דִי קִינוֹת, דַארְף עֶס צוּגֵיין אָן קַיין עַצְבוּת, אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיךְ אוֹיסְלֵייזְן, נָאר אִיךְ וֵויין וַוייל עֶס טוּט מִיר וֵויי דֶער מַצָּב וִוי אַזוֹי אִיךְ אוּן אַלֶע אִידְן זֶעעֶן אוֹיס, אָבֶּער נִישְׁט מִיט קַיין עַצְבוּת חַס וְשָׁלוֹם.

### אוֹיבּ מֶען וֵויינְט פוּן עַצְבוּת - אִיז עֶס סִטְרָא אַחֲרָא

**מֶען** דַארְף טַאקֶע וִויסְן אַז אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס נָאר אוֹיבּ מֶען וֵויינְט פוּן שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ וֵוויין אַז עֶס טוּט מִיר וֵויי, אָבֶּער אוֹיבּ וֵויינְט מֶען פוּן עַצְבוּת אִיז עֶס סִטְרָא אַחֲרָא.

**הַיינְט** אִיז גֶעוָוארְן אַ מִנְהָג אַז מֶען רוּפְט אַ בַּדְחָן צוּ חֲתוּנוֹת אוּן עֶר פִירְט אַרַיין דֶעם עוֹלָם אִין אַ מָשָׁל פוּן אַ קֶענִיג וָואס הָאט פַארְטְרִיבְּן זַיין אֵיינְצִיג קִינְד... מֶען שְׁפִּירְט וִוי עֶס וֶוערְט עֶק וֶועלְט, דִי גַאנְצֶע זַאל הֵייבְּט אָן וֵויינֶען, פְרוֹיעֶן, מֶענֶער, חָתָן אוּן כַּלָה; דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט קְדוּשָׁה, דָאס אִיז עַצְבוּת וָואס קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס פַּיינְט.

### וִוי קֶען אִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**מֶען** זֶעט אִין דִי מַעֲשֶׂה וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט זִיךְ אַזוֹי מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם תַּכְלִית, אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי וִויל אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין, שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֵיין מִיט מַחֲשָׁבוֹת 'וִוי קֶען אִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

**עֶס** אִיז דָא בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס וִוילְן גֵיין הַפָּצָה אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין כַּאר, אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ זִיךְ אָנְצוּטְרָאגְן צוּ הֶעלְפְן דִי מַפִּיצִים, זֵיי טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען, זֵיי זָאלְן קֶענֶען רוּאִיגֶערְהֵייט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים אִין דִי וֶועלְט.

**עֶס** אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע בּוּשָׁה פַאר אַ 'תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' אַז עֶר בַּאגְנוּגְט זִיךְ בְּלוֹיז מִיט דֶעם אַז עֶר הַאלְט

אַ בֶּעג אִין זַיין קַאר כְּדֵי ׳ווען עֶר וועט גיין הַפָּצָה זָאל עֶר הָאבְּן מִיט וָואס צוּ גיין׳... - אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט הַפָּצָה, דְרֵייווּ כָּאטְשׁ אַ מֵפִיץ וָואס גֵייט יָא הַפָּצָה!

**יֶעדֶער** אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְף הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַפָּצָה, אָדֶער גֵיין אַלֵיינְס גֶעבְּן גִּלְיוֹנוֹת, סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פַאר מֶענְטְשְׁן, אָדֶער דְרֵייוְון אַ מֵפִיץ, אָדֶער אִים בָּארְגְן אַ קַאר וְכַדּוֹמֶה, אִין דֶעם זְכוּת ווֶעלְן מִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

### דִי הֵיילִיגֶע רֶעטוּנְגְס מִיטְלֶען

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהֶערְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע וָוארְט פוּן הַמֵּפִיץ הַגָּדוֹל ... נֵרוֹ יָאִיר. עֶר זָאגְט אַז אַ מֵפִיץ אִיז אַזוֹי ווִי דִי אַמֶעריקַאנֶער רֶעגִירוּנְג; דִי אַמֶעריקַאנֶע רֶעגִירוּנְג שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק אַלְּם רַחֲמָנוּת׳דִיגֶע לַאנְד, ווֶען זֵיי הֶערְן פוּן אַ טְרָאגֶעדְיֶע אִין אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער, בְּרֶענְגֶען זֵיי בַּאלְד אַהִין אַלֶעם וָואס פֶעלְט אוֹיס פַאר זֵיי, ווִי מֶעדֶעצִינֶען, קְלֵיידֶער, אוּן פֶּעקְלֶעךְ עֶסְן, אוּן אֲפִילוּ אוֹיב יֶענֶע לַאנְד זֶענֶען זֵייעֶרֶע פַּיינְט, אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דָארְט אַרַיין קוּמֶען ווייל מֶען וועט זֵיי דֶערְשִׁיסְן צוּם טוֹיט, ווֶערְן זֵיי נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט, נָאר זֵיי טְרֶעפְן אוֹיס פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד עֵצוֹת ווִי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען צוּ זֵיי, זֵיי פְלִיעֶן אַהִין מִיט מִילִיטֶערִישֶׁע עֶרָאפְּלַאנֶען אוּן וַוארְפְן אַרָאפּ אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעבְרוֹיכְן.

**דָאס** טוּעֶן דִי מְפִיצִים; זֵיי ווֶערְן נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן ווֶען אֵיינֶער שְׁרֵייט אוֹיף זֵיי "גֵיי אַרוֹיס", "קוּם נִישְׁט אַרַיין" וְכוּ׳, נָאר אַז מֶען לָאזְט נִישְׁט אַרַיין אוֹיף דִי גֶעהֶערִיגֶע וֶועג, גֵייט מֶען אַהִין מִיט דִי עֶרָאפְּלַאנֶען אוּן מֶען וַוארְפְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע רֶעטוּנְגְס מִיטְלֶען, מֶען וַוארְפְט אַרָאפּ גִּלְיוֹנוֹת, קוּנְטְרֵסִים, עֶס-דוּ-קַארְדְס אוּן יוּ-עֶס-בִּי׳ס.

### אַז אִידִישְׁקֵייט גֵייט אָן - דָאס אִיז דֶער עוֹלָם

**מֶענְטְשְׁן** פְרֶעגְן: "מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעדְרוּקְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט פוּפְצִיג יָאר ׳מִילְיָאנֶען סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים׳ וואוּ אִיז דֶער עוֹלָם וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ אִים?" דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי סְפָרִים "קוּם קַיין בְּרֶסְלֶב", "קוּם צוּ מִיר", מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן דִי סְפָרִים כְּדֵי עֶס זָאל ווֶערְן אַ חֲסִידוּת וואוּ מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פַארֶענְטְשֶׁעס; אִין דִי סְפָרִים שְׁטֵייט אֵיין זַאךְ, כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאל אָנְגֵיין, מֶענְטְשְׁן זָאלְן ווייטֶער לֵייגְן תְּפִילִין אוּן הִיטְן שַׁבָּת אוּן אַזוֹי ווייטֶער, אִין דִי קוּנְטְרֵסִים שְׁטֵייט: "גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "רֶעד שֵׁיין אִינֶדֶערְהֵיים", "זֵיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער".

**הַיינְט** אִיז שׁוֹין דָא בָּתֵּי מִדְרָשִׁים ׳הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳ אִין דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט, אָבֶּער

וֶוען מוהֲרָא"ש הָאט גֶעלֶעבְּט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים, מוהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט אֵיין קְלֵיינֶע אויסְגֶעשְׁפִּילְטֶע מִנְיָן אִין בָּארָא פַּארְק, אוּן גֶעזִיצְן אוּן גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, עֶר הָאט עֶס פַּארְשְׁפְּרֵייט אִין דִי מִילְיָאנֶען אַ יָאר! דָאס אַז אִידִישְׁקֵייט גֵייט אָן - דָאס אִיז 'דֶער עוֹלָם'.

**צַדִיקִים** זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ פַּארְשְׁפְּרֵייטְן סְפָרִים פוּן אֱמוּנָה אוּן הִתְחַזְקוּת, קוּמְט אַ מֶענְטְשׁ אִין שׁוּל אוּן טְרֶעפְט אַ גִלְיוֹן, עֶר לֵיינְט עֶס, עֶס גֵייט אַרַיין אִין אִים שְׁטִיקֶער אֱמוּנָה, דֶערְנָאךְ גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ וַוייטֶער צוּ זַיין אַדְמוּ"ר אוּן זַיין חֲסִידוּת, עֶר כַאפְּט אַלֵיינְס נִישְׁט אַז עֶר הָאט דָא בַּאקוּמֶען אֱמוּנָה, עֶר הָאט דָא גֶעזֶען אַ בְּרִיוו אַז אִינְדֶערְהֵיים דַארְף מֶען רֶעדְן שֵׁיין אֲפִילוּ וֶוען דִי מִנְהָגִים - דִי קְרוֹיט, אוּן קְרֶעפְּלֶעךְ זֶענֶען נִישְׁט גְרֵייט.

**דֶער** רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְס אַז מֶען קֶען נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אִינְדֶערְהֵיים, אֲפִילוּ דִי וַוייבּ בְּלָאזְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, קוּמְט מֶען אַהֵיים, אוּן מֶען אִיז מְקַיֵים שִׁיטַת רֶבִּי עֲקִיבָא (עַיֵין פְּסָחִים קיב.) מֶען נֶעמְט חָמֵצ'דִיגֶע מַצָה מִיט סַארְדִינְס, אוּן אוּיבּ פֶעלְט אוּיס לֵייגְט מֶען אוּיךְ צוּ אַ מֵייעֶר פוּן אוּיבְן... מֶען מַאכְט אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער.

**אַז** מִיר וֶועלְן פָּאלְגְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**נָאכְדֶעם** הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ".

**אַזוֹי וִוי מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען תִּשְׁעָה בְּאָב, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אויסְגֶערוּפְן נָאכְ'ן שִׁיעוּר:**

**מֶען** וֶועט דַאוֶונֶען מִנְחָה פְרִיעֶר. אוּן מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן נִישְׁט צוּ טוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פוּן אֲבֵילוּת בִּיז'ן זְמַן רַבֵּינוּ תַּם.

**עֶסְן** טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט פוּן דֶער שְׁקִיעָה.

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת דְּבָרִים, שַׁבָּת חֲזוֹן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קד.

לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קד

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט: **הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת,** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי פָּשׁוּטְ'עֶ עֲבוֹדוֹת, שֶׁל סְתָם בְּנֵי־אָדָם, הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים, פוּן דִי פָּשׁוּטְ'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן. **וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים, כְּדֶרֶךְ הֶהָמוֹן־עַם הַכְּשֵׁרִים,** אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי וָואס זָאגְן אַסַאךְ תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, אַזוֹי וִוי דִי פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ.

**וְהָיָה מַזְהִיר וּמוֹכִיחַ אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת,** דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אָנְזָאגְן אוּן אָנְוָוארֶענֶען מִיר זָאלְן זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת, **וְהָיָה מַקְפִּיד וְכוֹעֵס מְאֹד עַל מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו וְאֵינוֹ מִתְאַמֵּץ לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי־שַׁבָּת אוֹ שְׁאָר עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת,** אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זַיין זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלוּגֶער פוּן דֶעם, אוּן זִינְגֶען נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֵּה מַלְכָּה, אוּן טוּעֶן נִישְׁט אַנְדֶערֶע פָּשׁוּטְ'עֶ עֲבוֹדוֹת.

**כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת,** וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת, מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת - וִוי אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד. **כַּמְבֹאָר אֶצְלֵנוּ כְּבָר כַּמָּה פְּעָמִים. וְגַם הוּא בְּעַצְמוֹ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, קֹדֶם שֶׁהִגִּיעַ לוֹ הַחוּלַאַת הַכָּבֵד שֶׁנִּסְתַּלֵּק עַל־יָדוֹ, קֹדֶם לָזֶה, כָּל יָמָיו הָיָה מְזַמֵּר זְמִירוֹת הַרְבֵּה בְּכָל שַׁבָּת וְשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי־שַׁבָּת,** דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִינְגֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ זְמִירוֹת יֶעדְן שַׁבָּת אוּן יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

**זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז מֶער פוּן עֶנְדִיגְן מִשְׁנָיוֹת!**

**דָאס** אִיז דֶער גַאנְצֶע לִימּוּד פוּן רֶבִּי'ן - 'פְּשִׁטוּת'. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ זָאגְן 'לְשֵׁם יִחוּד'ס, 'יְהִי רָצוֹן'ס' אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַסַאךְ** מָאל וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ אַ 'בֵּייזֶער לַמְדָן', זַיין לֶערְנֶען וֶוערְט אַ נֶערְוְון זַאךְ, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת, אִיךְ קֶען דָאךְ אִין דִי

צַייט עֶנְדִיגְן מַיינֶע שִׁיעוּרִים, חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת', אוּן עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדֶע מִינוּט אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, אִינְמִיטְן קְרִיאַת הַתּוֹרָה אוּן אִינְמִיטְן זִינְגֶען זְמִירוֹת צוּ לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים. אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ טוּן, לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אִיז טַאקֶע אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ, אָבֶער זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז מֶער פוּן עֶנְדִיגְן מִשְׁנָיוֹת! דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פַארְהַאלְטְן מֶענְטְשְׁן: "פַארְוָואס זִינְגְסְטוּ נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת?!" וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט זִינְגֶען זְמִירוֹת קֶענְסְטוּ גֵיין אִין אַ זַייט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת.

### אֲשֶׁר בַּנַּחַל - מְהַפֵּךְ פַּשְׁטָא

**עֶס** שְׁטֵייט דִי וָואךְ אִין דִי סֶדְרָה (דְּבָרִים ב, לו): "מֵעֲרֹעֵר אֲשֶׁר עַל שְׂפַת נַחַל אַרְנֹן וְהָעִיר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וְעַד הַגִּלְעָד וְגוֹ'", הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט מוֹרָא'דִיג אַ שֵׁיין וָוארְט פוּן אַ בָּחוּר, אַז דִי טְרָאפְּן פוּן דִי וֶוערְטֶער: "אֲשֶׁר בַּנַּחַל". זֶענֶען 'מְהַפֵּךְ פַּשְׁטָא', ווייל דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע לִימוּד פוּן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל': "מְהַפֵּךְ" - עֶר דְרֵייְדְט דִיךְ אִיבֶּער, "פַּשְׁטָא" - זָאלְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת! פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין תְּפִילִין, פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הִיטְסְט שַׁבָּת, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין צִיצִית, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין מְזוּזָה, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין אִידִישְׁקֵייט. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶר דַארְף טוּן עֶפֶּעס שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת כְּדֵי זִיךְ צוּ קֶענֶען פְרֵייעֶן, אָבֶער וֶוען עֶר נֶעמְט דֶעם סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' וֶוערְט אִים לִיכְטִיג פַאר דִי אוֹיגְן, עֶס דְרֵייְדְט אִים אִיבֶּער עֶר זָאל זִיךְ אָנְהֵייבְּן פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת. וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דֶעם פְּשָׁט, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנְט פוּן דֶעם תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא: "כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, וָואס אִיז אִידִישְׁקֵייט? תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת!

**עֶס** אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶר נַאטוּר אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט אַ דְרֵיי קָאפּ, אָבֶער דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת. ווי אַזוֹי? אִין וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן וֶועל אִיךְ נִיצְן מַיינֶע חָכְמוֹת, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֵייגְן תְּפִילִין, צוּם דַאוֶונֶען, צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת, צוּ קִידּוּשׁ לְבָנָה, צוּ זָאגְן אַ לְשֵׁם יִחוּד, אַ יְהִי רָצוֹן, אוּן צוּ זָאגְן אֵיכָה - וֶועל אִיךְ עֶס זָאגְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן קַיין חָכְמוֹת. אוּן אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל דִיר דִינֶען בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת; אִיךְ ווִיל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַלֶע מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּ, מִיט מַיין תְּפִילִין, מַיין דַאוֶונֶען, מַיין מְזוּזָה, מַיינֶע בְּרָכוֹת, מַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס, מִיט מַיין בָּארְד, פֵּיאוֹת אוּן קַאפְּל".**

### פֶּתִי יַאֲמִין לְכָל דָּבָר

**מוֹהֲרָא"שׁ** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן, מֶען זֶעט אַז סְפָרְד'ִישֶׁע אִידְן

קוּמֶען שְׁנֶעלֶער צוּם רֶבִּי'ן ווי אַשְׁכְּנַזִּי'שֶׁע אִידְן. מִיר גֵייעֶן שׁוֹין בַּאלְד צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן, הַיינְט נַאכְט אִיז תִּשְׁעָה בְּאָב, נָאכְדֶעם קוּמְט דִי פְרֵיילִיכֶע טָאג חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, דֶערְנָאךְ גְרֵייט מֶען זִיךְ אוֹיף אֱלוּל אוּן מֶען טְרַאכְט שׁוֹין פוּן רֶבִּי'ן, בִּיז מֶען קוּמְט שׁוֹין צוּם רֶבִּי'ן. זֶעט מֶען אַלְץ בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן פִיל מִיט סְפָרַדִּי'שֶׁע אִידְן, פַארְוָואס קוּמֶען זֵיי שְׁנֶעלֶער צוּם רֶבִּי'ן? וַוייל דִי סְפָרַדִּי'שֶׁע אָפְּשְׁטַאמִיגֶע אִידְן הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת.

**יֶעדֶע** זַאךְ הָאט מַעֲלוֹת אוּן חֶסְרוֹנוֹת; דִי סְפָרַדִּי'שֶׁע אִידְן הָאבְּן דִי מַעֲלָה אַז זֵיי גְלֵייבְּן זֵייעֶר שְׁנֶעל אִין צַדִּיקִים, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען זֵיי אַיינְרֶעדְן שְׁטוּתִים, יֶעדֶער אִיז בַּיי זֵיי אַ בַּאבַּא, 'כְּבוֹד הָרַב', זֵיי בֶּעטְן פוּן יֶעדְן אַ בְּרָכָה וְכוּ', ווידֶער אַן אַשְׁכְּנַזִּי'שֶׁער אִיד וֶוערְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אִיבֶּער גֶערֶעדְט פוּן יֶעדְן בַּעַל מְקוּבָּל, אָבֶּער דֶער אַשְׁכְּנַזִּי'שֶׁער אִיד הָאט אוֹיךְ אַ חִסָּרוֹן אַז עֶר קֶען יֶעדְן אַוֶועק מַאכְן, אַפִילוּ אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים.

**זָאגְט** דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קג) עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ זַיין אַ 'פֶּתִי יַאֲמִין לְכָל דָּבָר' (מִשְׁלֵי יד, טו) - אַ נַאר אוּן גְלֵייבְּן אִין יֶעדֶע זַאךְ - אַפִילוּ אִין שְׁטוּתִים אוּן שְׁקָרִים, כְּדֵי אוֹיךְ צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֱמֶת, ווי אֵיידֶער צוּ זַיין אַן אוֹיבֶּער חָכָם, צוּ לֵייקֶענֶען אִין שְׁטוּתִים אוּן שְׁקָרִים, אוּן אוֹיךְ אַוֶועק מַאכְן דֶעם אֱמֶת חַס וְשָׁלוֹם.

### אַז מֶען וויל אַסַאךְ טוּט מֶען גָארְנִישְׁט

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן אַבִּיסְל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג. "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט" - הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן דֶעם נֵייעֶם גִּלּוּי: "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב", אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, הָאט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן, פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען מֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן מֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וויל מַאכְן 'אַ גַאנְצְן טָאג' הִתְבּוֹדְדוּת אָבֶּער וֶועגְן דֶעם רֶעדְט עֶר 'גָארְנִישְׁט' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי: דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין סַאךְ, גֵיי 'אַבִּיסְל' אַרוּם דַיין הוֹיז זָאג אַרוֹיס 'אַפָּאר וֶוערְטֶער' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וויל זַיין אַ אִיד", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וויל זַיין פְרֵיילִיךְ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער דָאס אוּן דָאס".**

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**אַזוי ווי מוֹצָאֵי שַׁבָּת איז גֶעוֶוען 'תִּשְׁעָה בְּאָב (נִדְחֶה)', הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶערוּפְן פַאר'ן בֶּענְטְשְׁן עֶטְלִיכֶע הוֹרָאוֹת בְּנוֹגֵעַ תִּשְׁעָה בְּאָב:**

**הַיינְט** בֶּענְטְשְׁט מֶען פַאר'ן זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת. מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טוּן קַיין מְלָאכוֹת בִּיז'ן זְמַן רַבֵּינוּ תַּם. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן, אַ אִיד וָואס הִיט גַאנְץ שַׁבָּת, אוֹיבּ רֵייכֶערְט עֶר אַ צִיגַארֶעטְל צֶען מִינוּט פַאר'ן זְמַן רַבֵּינוּ תַּם - הָאט עֶר פַארְלוֹירְן דִי גַאנְצֶע שַׁבָּת. מִיט צֶען מִינוּט קֶען מֶען פַארְלִירְן דֶעם שַׁבָּת!

**מֶען** גֵייט אַהֵיים גֵיין פַאר מַעֲרִיב. מֶען מַאכְט נִישְׁט הַיינְט קַיין הַבְדָלָה. מֶען טוּט זִיךְ אוֹיס דִי שִׁיךְ. מֶען זָאל זָאגְן פַאר דִי וַוייבֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט וַואשְׁן דִי כֵּלִים הַיינְט נַאכְט, מָארְגְן נָאכְמִיטָאג מֶעג מֶען וַואשְׁן דִי כֵּלִים. מֶען קֶען זִיךְ יֶעצְט נִישְׁט אִיבֶּערְטוּן קַיין נֵייעֶ וֶועשׁ, נָאר וָואס מֶען הָאט אַוֶועק גֶעלֵייגְט פוּן פְרַייטָאג אָדֶער וָואס מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶערְמִיט שַׁבָּת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען, אַזוי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי (בְּרָכוֹת פֶּרֶק ב, הֲלָכָה ד) אַז תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מָשִׁיחַ, אָמֵן.

# תִּשְׁעָה
# בְּאָב

# תִּשְׁעָה בְּאָב

**דִבְרוֹת קוֹדֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דִי זְכִיָה צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, לֵיל תִּשְׁעָה בְּאָב (נִדְחֶה), שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

אֵייִדֶער מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן 'מְגִלַּת אֵיכָה',
הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַקְדִים גֶעוֶוען.

## מִיר קְלָאגְן אוֹיף אוּנְזֶער חוּרְבָּן

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן סז): "וְהִנֵּה מַה שֶּׁעָבַר אַיִן", וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִיז מֶער נִישְׁט דָא, "כִּי כְּבָר נִשְׂרַף בֵּית־מִקְדָּשֵׁנוּ", דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז שׁוֹין פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, "אַךְ כָּעֵת, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְצַפֶּה לָשׁוּב אֵלֵינוּ וְלַחֲזוֹר וְלִבְנוֹת בֵּית מִקְדָּשֵׁנוּ", יֶעצְט וַוארְטְן מִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, "רָאוּי לָנוּ שֶׁלֹּא לְעַכֵּב, חַס וְשָׁלוֹם, בִּנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, רַק לְהִשְׁתַּדֵּל בְּבִנְיָנוֹ", דַארְפְן מִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דָאס אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, נָאר זֶען אִיר אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט דָא, אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס מֶען זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד, מֶען קְלָאגְט אוּן מֶען זָאגְט 'אֵיכָה', קְלָאגְט מֶען נִישְׁט אוֹיף אַ זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען, ווייל וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען - אִיז מֶער נִישְׁט דָא, נָאר מִיר קְלָאגְן אוֹיף אוּנְזֶער חוּרְבָּן, בְּשַׁעַת דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעצְט אַז מִיר זֶענֶען פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין גָלוּת צְווִישְׁן אוּמוֹת הָעוֹלָם, פַארְגֶעסְן מִיר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**בְּשַׁעַת** מֶען זָאגְט אֵיכָה דַארְף מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, אַז אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן חָרוּב וְנֶחְרַב, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְזִינְקֶען אִין מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

## נָאכְ'ן פָּארְזָאגְן אֵיכָה מִיט קִינוֹת הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעגֶעבְּן אַ לֶענְגֶערֶע שִׁיעוּר מִיט הֶערְלִיכֶע דִּבְרֵי הִתְחַזְּקוּת.

## נוֹשֵׂא א' - שִׂנְאַת חִנָּם

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (גִּיטִּין נה: נו.) דֶעם גַאנְצְן סִיפּוּר וִוי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַ חַבֶר 'קַמְצָא' אוּן אַ שׂוֹנֵא 'בַּר קַמְצָא', עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה, לְכָבוֹד אַ סִיוּם אָדֶער אַ חֲתוּנָה, אָדֶער אַ מְסִבָּה פַאר דִי אַרְבֶּעטֶער פוּן זַיין גֶעשֶׁעפְט, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שְׁלִיחַ זָאל גֵיין רוּפְן זַיין חַבֶר 'קַמְצָא', דֶער שְׁלִיחַ הָאט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיין שׂוֹנֵא 'בַּר קַמְצָא', אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה זֶעט דֶער אִיד וִוי זַיין שׂוֹנֵא זִיצְט בַּיי זַיין מְסִבָּה, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא, אִיךְ וִויל דִיךְ נִישְׁט זֶען אִין מַיין הוֹיז!" הָאט אִים בַּר קַמְצָא גֶעבֶּעטְן: "אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְשֶׁעם מִיךְ נִישְׁט, אַז עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין יָא אַזוֹי גֶעפִירְט אַז אִיךְ בִּין דָא, לָאמִיךְ דָא זַיין! אִיךְ בִּין דִיר גְרֵייט צוּ בַּאצָאלְן וִויפִיל עֶס קָאסְט מַיין פָּארְצִיֶע", זָאגְט עֶר אִים: "נֵיין, גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא!" זָאגְט אִים בַּר קַמְצָא: "אִיךְ בֶּעט דִיר, פַארְשֶׁעם מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן הַאלְבּ וִויפִיל עֶס קָאסְט דִיר דִי הַיינְטִיגֶע מְסִבָּה", הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "נֵיין! גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא!" זָאגְט אִים בַּר קַמְצָא וַוייטֶער: "וֵוייסְט וָואס? אִיךְ בִּין דִיר גְרֵייט צוּ בַּאצָאלְן וִויפִיל עֶס קָאסְט דִיר דִי גַאנְצֶע מְסִבָּה, נָאר טְשֶׁעפֶּע מִיךְ נִישְׁט, פַארְשֶׁעם מִיךְ נִישְׁט, לָאז מִיר דָא זַיין", הָאט עֶר אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן מִיט בִּזְיוֹנוֹת פוּן זַיין הוֹיז.

בַּר קַמְצָא אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט אַז דָארְט זֶענֶען גֶעזִיצְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער הָאט פַיינְט אַ צְוֵוייטְן, אֵיינֶער שְׁלָאגְט אַ צְוֵוייטְן, אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן, אוּן קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען פַאר אִים, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מַסֶר'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם קֵייזֶער, פוּן דָא הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי גַאנְצֶע חוּרְבָּן הַבַּיִת.

### פַארְוָואס מִיר זִיצְן נָאכְאַלְץ אִין גָלוּת?

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא ט:): דִי עֶרְשְׁטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן וַוייל מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, עֲבוֹדָה זָרָה, גִלּוּי עֲרָיוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים. וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ קֶען מֶען עֶס מַמָשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען זֶעט וִוי אִידִישֶׁע קֶענִיגְן הָאבְּן גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין אֵיין פְּלַאץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

וואו עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צְלָמִים און גֶעטְשְׁקֶעס, אֲפִילוּ אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט מֶען אַריין גֶעבְּרֶענְגְט אַן עֲבוֹדָה זָרָה; עֶס אִיז גֶעוֶוען גִּלּוּי עֲרָיוֹת; עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁפִיכוּת דָּמִים, מֶען הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט אֶמֶת'ע צַדִּיקִים און נְבִיאִים. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּארְטְרִיבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר.

**נָאךְ** זִיבֶּעצִיג יָאר זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים עֶזְרָא און נְחֶמְיָה און צוּרִיק אוֹיפְגֶעבּוֹיעט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגְקֵייט, עֶס אִיז מֶער נִישְׁט גֶעוֶוען דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע עֲבֵירוֹת, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶס אוֹיךְ חָרוּב גֶעוָוארְן, פַארְוָואס? וֶועגְן מֶען הָאט זִיךְ פַּיינְט גֶעהַאט אֵיינֶער דֶעם צְווייטְן.

**פִּירְט** דִי גְמָרָא אוֹיס (שָׁם): "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן", - דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מִיר זִיצְן נָאכְאַלְץ אִין גָלוּת, ווייל אִידִישֶׁע קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ נָאךְ אַרוּם, דִי עֲבֵירָה פוּן שִׂנְאַת חִנָּם אִיז נָאכְאַלְץ דָא צְווִישְׁן אוּנְז.

**וָואס אִיז דֶער אָפְּטַייטְשׁ פוּן 'גָלוּת'?**

**יֶעצְט** וֶוען מִיר זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד און מִיר ווייגֶען אוֹיפ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דַארְפְן מִיר זֶען וָואס מִיר קֶענֶען טוּן צוּרִיק אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הוּנְדֶערְטֶער מָאל, בַּיי אַלֶע שִׁיעוּרִים הָאט דָאס מוֹהֲרָא"ש דֶערְמַאנְט, און דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען יֶעצְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן קֶענֶען לֶערְנֶען און לֵיינֶען דִי בְּרִיוְון פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וֶועלְן זֵיי דָארְט זֶען ווִי מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט בְּרִיו נָאךְ בְּרִיו: "וָואס אִיז דֶער אָפְּטַייטְשׁ פוּן 'גָלוּת'? - פַּיינְטְשַׁאפְט!" אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ פַּיינְט אֵיינֶער דֶעם צְווייטְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט סוֹבֵל זַיין - דָאס אִיז דֶער גָלוּת!

**דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ אִין מִצְוֹת**

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א) אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ אִין מִצְוֹת און אַזוֹי פַארְנַארְט עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ אַוֶועק צוּ גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל מַאכְן אַ מַחֲלֹקֶת 'לְשֵׁם שָׁמַיִם', עֶר זָאגְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ: "דוּ וֵוייסְט, עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מִצְוָה פַּיינְט צוּ הָאבְּן דֶעם", "עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מִצְוָה פַּיינְט צוּ הָאבְּן יֶענֶעם", "עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מִצְוָה צוּ מְבַזֶּה זַיין דֶעם אִיד", "עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מִצְוָה צוּ טְשֶׁעפֶּען יֶענֶעם אִיד", דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט פַּארְנֶעמֶען און אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן קַיין שׁוּם אִיד אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּקְט אוֹיס צוּ זַיין אַ מִצְוָה.

**עַל** כָּל פָּנִים אוּנְז 'תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' וָואס מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, און דִי קְהִילָּה וֶוערְט גְרֶעסֶער און

גְרֶעסֶער, דַארְפְן מִיר זֶען צוּ טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט אַז מִיר זָאלְן כְּאטְשִׁיג הָאבְּן אַפָּאר רֵיינֶע אֱמוּת, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן "רֵיינֶע ד' אַמּוֹת"; אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אִין אֵיין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אִין אֵיין חֲבוּרָה, זָאלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן, מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֶוייטְן.

### אַלֶע טְרַאכְטְן אַנְדֶערְשׁ

**אַוַודַאי** אִיז דָא חִלּוּקֵי דֵיעוֹת אֵיינֶער מִיטְ'ן אַנְדֶערְן, אָבֶער דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקַייט פוּן דִי וֶועלְט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נח:): "כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶן שׁוֹנוֹת, כָּךְ דֵעוֹתֵיהֶן שׁוֹנוֹת", אַזוֹי וִוי אַלֶע זֶעעֶן אוֹיס אַנְדֶערְשׁ - אַזוֹי טְרַאכְטְן אַלֶע אַנְדֶערְשׁ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער זֶעט אוֹיס אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער הָאט אַן אַנְדֶערֶע מֵיינוּנְג, אַן אַנְדֶערֶע טַעַם, אַן אַנְדֶערֶע גֶעדַאנְק, אוּן אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר לֶעבְּט, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבּ אִיךְ דִיךְ נִישְׁט פַּיינְט, דוּ הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּן מִיר אוּן אִיךְ הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, אוּן עֶס אִיז גוּט, מִיר דַארְפְן נִישְׁט הַאלְטְן אֵיינִיג, לְמַעֲשֶׂה גְלַייבְּן מִיר אַלֶע צוּזַאמֶען אִין אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִין צַדִּיקִים, מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט.

**זַיין** בְּאַחְדוּת מִיט יֶעדְן מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ אָנְטוּן אַזוֹי וִוי דִיר, אַז דוּ גֵייסְט שַׁבָּת מִיט אַ שְׁטְרַיימְל - דַארְף אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ אָנְטוּן אַ שְׁטְרַיימְל, אַז דוּ גֵייסְט שַׁבָּת מִיט אַ הוּט - דַארְף אִיךְ זִיךְ אוֹיסְטוּן מַיין שְׁטְרַיימְל אוּן אָנְטוּן אַ הוּט, אָדֶער אַז דוּ גֵייסְט אָן אַ הוּט - דַארְף אִיךְ אוֹיךְ גֵיין אָן אַ הוּט... - נֵיין! אִיךְ פִיר זִיךְ וִוי אַזוֹי אִיךְ פִיר זִיךְ, אוּן דוּ פִיר דִיךְ אַזוֹי וִוי דוּ פִירְסְט דִיךְ, אִיךְ הָאבּ מַיינֶע שִׁיטוֹת אוּן דוּ הָאסְט דַיינֶע שִׁיטוֹת, אָבֶער מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט!

**אֵיי,** וָואס וֶועט מֶען זֶען אוֹיבְן אִין הִימְל, וֶוער אִיז דֶער עֶכְטֶער אִיד צְוִוישְׁן אוּנְז אַלֶע? - דֶער עֶנְטְפֶערְט אִיז: אַלֶע דְרֵיי זֶענֶען עֶכְטֶע אִידְן! אִיךְ מִיט דִי שְׁטְרַיימְל, דוּ מִיט דִי הוּט אוּן דוּ אָן דִי הוּט, אַלֶע זֶענֶען מִיר עֶכְטֶע אִידְן; אִיךְ גֵיי מִיט וַוייסֶע זָאקְן שַׁבָּת, דוּ גֵייסְט מִיט דִי שֵׁיינֶע גֶעבִּיגֶעלְטֶע הוֹיזְן - אוּן אַלֶע זֶענֶען מִיר עֶכְטֶע אִידְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ וֶועג וָואס נָאר אַזוֹי דַארְף מֶען גֵיין.

**דָאס** אִיז תִּשְׁעָה בְּאָב, אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְהֶערְן פַּיינְט הָאבְּן, אִיךְ דַארְף מִיךְ נִישְׁט מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט יֶעדְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין נָאר מִיט מַיין גַאטוּנְג מֶענְטְשְׁן, אָבֶער פַּיינְט הָאבְּן?! - מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ קֶענֶען לַיידְן!

### אַלֶע צְוֶועלְף שְׁבָטִים זֶענֶען עֶכְט

**יַעֲקֹב** אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט צְוֶועלְף שְׁבָטִים, אוּן אַלֶע צְוֶועלְף שְׁבָטִים זֶענֶען

עֶבְט, עֶס אִיז דָא אַלֶע סָארְטְן מִנְהָגִים און אַלֶע סָארְטְן נֻסְחָאוֹת, אִיךְ בְּלַייב מִיט מַיין װֶעג און דוּ בְּלַייבּ מִיט דַיין װֶעג, און מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט. מֶען זֶעט אִין דִי בְּרִיוְון ווִי מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מוֹהֲרָא"ש צִי זֵיי זָאלְן מְשַׁנֶה זַיין דֶעם נוּסַח בַּיים דַאוְוענֶען? מוֹהֲרָא"ש עֶנְטְפֶערְט זֵיי: זַיי נִישְׁט מְשַׁנֶה קַיין װֶערְטֶער בַּיים דַאוְוענֶען, דוּ דַאוֶוען דַיין נוּסַח פוּן וואו דוּ קוּמְסְט, און אִיךְ דַאוֶוען מַיין נוּסַח פוּן וואו אִיךְ קוּם.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין נוּסַח, אוֹיסֶער בַּיי אֵיין פְּלַאץ, סוֹף יִשְׁתַּבַּח דַארְף מֶען עֶנְדִיגְן: "מֶלֶךְ יָחִיד חֵי הָעוֹלָמִים", נִישְׁט "קֵל חֵי הָעוֹלָמִים", ווייל יִשְׁתַּבַּח אִיז אֵיין לַאנְגֶע בְּרָכָה מִיט בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, און אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט בַּיי בָּרוּךְ שֶׁאָמַר: "יָחִיד חַי הָעוֹלָמִים", דַארְף מֶען עֶנְדִיגְן מֵעֵין הַפְּתִיחָה. - "אָבֶער דִי גַאנְצֶע דַאוְוענֶען מִישׁ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אִין נוּסַח, יֶעדֶער זָאל דַאוְוענֶען ווִי אַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט".

### גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין קִנְאָה

**אַ** מֶענְטְשׁ װֶערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אֲפִילוּ װֶען עֶר אִיז נָאךְ גָאר קְלֵיין, דָאס אִיז דֶער סִיבָּה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זַיינֶע מִידוֹת. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַרָאפּ לֵייגְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זֶען ווִי אֲפִילוּ דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין קִנְאָה; מֶען זֶעט װֶען אַ קִינְד װֶערְט גֶעבּוֹירְן גֶעבְּן אִים אַלֶע כָּבוֹד, יֶעדֶער טְשַׁאטְשְׁקֶעט זִיךְ מִיט אִים, אַלֶע קוּקְן אוֹיף אִים, ווִי נָאר עֶס קוּמְט אַ נַייֶע בֶּעבִּי הֵייבְּט מֶען זִיךְ אָן שְׁפִּילְן מִיט דִי נַייֶע בֶּעבִּי, קֶען מֶען זֶען ווִי דֶער עֶלְטֶערֶער קִינְד װֶעט שְׁטִילֶערְהֵייט צוּגֵיין צוּם בֶּעבִּי אִים גֶעבְּן אַ צִיפּ אָדֶער אַרָאפּ וַוארְפְן, אָדֶער אִים שְׁלֶעפְּן בַּיים קַארְג, װֶען מֶען פְרֶעגְט אִים: "פַארְוָואס טוּסְטוּ דָאס?" װֶעט עֶר זִיךְ מַאכְן ווִי עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעמֵיינְט, עֶר װֶעט שְׁנֶעל לוֹיפְן אִים בְּרֶענְגֶען אַ צוּמִי און אַ בָּאטְי...

**עֶלְטֶערְן** דַארְפְן אַרַיין לֵייגְן גוּטֶע מִדוֹת אִין יוּנְגֶע קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, װֶען אַ קִינְד שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זַיינֶע שְׁכֵנִים און עֶר הָאלְט אַ נַאשׁ אִין דִי הַאנְט, און דֶער שָׁכֵן בֶּעט אִים פוּן זַיין נַאשׁ, זָאל מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם קִינְד עֶר זָאל גֶעבְּן אַבִּיסְל פַארְ'ן שָׁכֵן, אֲפִילוּ דֶער קִינְד ווִיל נִישְׁט און טַעֲנָה'ט: "אִיךְ ווִיל נִישְׁט גֶעבְּן, עֶס אִיז מַיינְס!" זָאל מֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען גוּטֶע מִדוֹת: "גֶעבּ אַװֶועק פַאר אַ שָׁכֵן", אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן דִי מְלַמְדִים אַרַיין לֵייגְן אִין זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט פַארְגִינֶען פַאר אַנְדֶערֶע, אַז אַ קִינְד בְּרֶענְגְט אִין חֶדֶר אַ שְׁפִּילְצַייג און הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט שְׁפִּילְן מִיט דֶעם, קוּמְט אַ חָבֵר און בֶּעט עֶס פוּן אִים, זָאגְט דֶער קִינְד: "נֵיין! עֶס אִיז מַיינְס!" זָאל מֶען אִים

אויסלֶערְנֶען "לָאז דַיין חַבֵר שְׁפִּילְן מִיט דַיין שְׁפִּילְצֵייג!"

### מִיר וֵויינֶען און קְלָאגְן אויף דִי יֶעצְטִיגֶע חוּרְבָּן

**פַאר** מֶען הָאט גֶעלֵיינְט אֵיכָה הָאבְּן מִיר פָּארְגֶעלֶערְנְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן סז) אויף וָואס מִיר קְלָאגְן הַיינְט; וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִיז מֶער נִישְׁט דָא, דִי בֵּית הַמִקְדָש אִיז שׁוין פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פַאר צְוֵויי טויזְנְט יָאר צוּרִיק, אויף וָואס וֵויינֶען מִיר? אויף וָואס קְלָאגְן מִיר? מִיר וֵויינֶען און קְלָאגְן אויף דִי יֶעצְטִיגֶע חוּרְבָּן, אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַאר אַ צְוֵויטְן, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל פַאר אַ צְוֵויטְן, מֶען קֶען נִישְׁט לַיידְן אַ צְוֵויטְן.

### גָאר שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה

**דֶער** נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר צוּ טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ, אִיךְ, אִיךְ, אִיךְ... און אוֹיבּ עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז פַאר'ן צְוֵויטְן גֵייט גוּט, מֶער און בֶּעסֶער פוּן אִים, הֵייבְּט עֶר שׁוין אָן צוּ הָאבְּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶע שִׂנְאָה אִין הַארְץ אויף יֶענֶעם. דַארְף מֶען אַסַאךְ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת בְּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן שֵׁיינֶע מִדוֹת.

**מֶען** הֶערְט אַלֵיין אִינְגֶעלַייט דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע 'מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה', "אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן אַ זַאךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט פַארְקִינְג, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן", דָאס זֶענֶען מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן, נָאכְדֶעם אִיז אָבֶּער דָא גָאר שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יָמִים וְשָׁנִים עֶר זָאל קֶענֶען טוּישְׁן אַ מִדָה, דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, אָבֶּער מֶען שֶׁעמְט זִיךְ עֶס צוּ דֶערְצֵיילְן, ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ זָאגְן פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס פַאר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט?! אָבֶּער אַמָאל אַמָאל הֶערְט מֶען אוֹיךְ אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת, וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ חַבֵר, רוּפְט זִיךְ אֵיינֶער אָן: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶער שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּר און אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט".

### אוֹיסְוֵויינֶען און אוֹיסְקְרֶעכְצְן

**אַזוֹי** ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כב) אַז אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל אוֹיפְרֶעגְן און עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן דִי מִדָה פוּן כַּעַס, יָארְן הָאט עֶר גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן", בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן.

**דָאס** קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער נָאכְמַאכְן, אַז אִיךְ הָאבּ אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגִינֶען אַ צְווייטְן, אִיךְ וויל נָאר אַז מִיר זָאל גֵיין גוּט אוּן פַאר אַנְדֶערֶע נִישְׁט, גֵיי וויין עֶס אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם, זָאג: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וֶוען ווֶעל אִיךְ שׁוֹין הָאבְּן אִין מִיר גוּטֶע בְּלוּט? וֶוען ווֶעל אִיךְ שׁוֹין הָאבְּן גוּטֶע אָדֶערְן? פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט?"** דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְוויינֶען אוּן אוֹיסְקְרֶעכְצְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען

**דָאס** אִיז דִי זַאךְ פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, אִיךְ גֵיי אָנְהֵייבְּן לִיבּ הָאבְּן אַ צְווייטְן, אִיךְ גֵיי מַאכְן פְּלַאץ אִין מַיין הַארְץ פַאר אַ צְווייטְן, אוּן דָאס אִיז מֶען נָאר זוֹכֶה דוּרְךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה'; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תִּשְׁעָה בְּאָב הָאט מֶען פוּן אוּנְז צוּגֶענוּמֶען דִי מִשְׁנָיוֹת, דִי גְמָרָא, [תִּשְׁעָה בְּאָב נָאכְמִיטָאג נָאךְ מִנְחָה מֶעג מֶען נָאר לֶערְנֶען דִי שִׁיעוּרִים וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג], אָבֶּער 'הִתְבּוֹדְדוּת' קֶען מֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין צַייט אִין יָאר וָואס דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אִיךְ** ווֶעל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן פְּלַאץ פַאר אַ צְווייטְן, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַ צְווייטְן, אִיךְ זָאל פַארְגִינֶען פַאר אַ צְווייטְן, אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְווייטְן, אִיךְ זָאל וויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אַלֶע שִׂנְאוֹת, אַלֶע קִנְאוֹת, אַלֶע רִשְׁעוּת, הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַנְהִיג אֶת הָעוֹלָם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי ווֶעלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי לֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי מִשְׁפָּחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם שָׁכֵן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם שׁוּתָּף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם אַרְבֶּעטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם נֶערְוֶוען קְרִיכֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם אָנְשִׁיקֶענִישׁ, וָואס אִיז שַׁיָּיךְ זִיךְ צוּ קְרִיגְן? וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ מַאכְן מַחֲלֹקֶת? וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט?! אַלֶעס קוּמְט דָאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

**בִּפְרַט** דָא אִין שְׁטֶעטְל, אַז עֶס ווֶערְט נִתְרַבֶּה מִשְׁפָּחוֹת, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם צוּטוּן, אוּן וֶוען אַ אֵיינֶער קוּמְט מִיר דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס אַ**

**מַעֲשֶׂה אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אָדֶער מֶען זֶעצְט זִיךְ צוּזַאם עֶטְלִיכֶע חֲבֵרִים אוּן מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן אוֹיף דֶעם אוּן יֶענֶעם, זָאל אִיךְ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט, וָואס דַארְף אִיךְ הֶערְן יֶענֶעמְ'ס מַעֲשִׂיּוֹת?! הֶעלְף מִיר, אִיךְ זָאל נָאר זוּכְן וואו אִיךְ קֶען מַאכְן לִיבְּשַׁאפְט פוּן אֵיינֶעם מִיטְ'ן צְוֵוייטְן".**

**תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשָׁה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ**

**אִיךְ** הָאבּ אֵיין יָאר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן אַ 'תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשָׁה' פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בִּימָה פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען אַזוֹי צוּ וֵויינֶען אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ בֶּעט עֶנְק בְּרַחֲמִים, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט פַיינְט אַ צְוֵוייטְן זָאל עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן דָא אִין אוּנְזֶער מִנְיָן אֵיינֶער וָואס הָאט פַיינְט אַ צְוֵוייטֶער אִיד", אוּן דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען.

**אַז** מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען דָא צוּם רֶבִּי'ן, דַארְפְן מִיר זֶען זִיךְ צוּ קֶענֶען לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן מְוַתֵּר זַיין אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן.

**דִי** זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, עֶס מוּז זַיין שָׁלוֹם. מֶען מוּז לֵייגְן אַלֶעס אִין דִי זַייט, מֶען דַארְף נִישְׁט 'אַזוֹי טוּן' אוּן 'אַזוֹי טוּן', לֵייג אַלֶעס אִין דִי זַייט אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ אָנְהֵייבְּן אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## נוֹשֵׂא ב' - עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים!

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית כט.) וֶוען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל טוּן גוּטְס, הָאבְּן זֵיי גֶעשִׁיקְט מְרַגְּלִים זֵיי זָאלְן קוּקְן צִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז טַאקֶע אַ גוּטֶע לַאנְד, וֶוען דִי מְרַגְּלִים זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר יד, א): "וַתִּשָּׂא כָּל הָעֵדָה וַיִּתְּנוּ אֶת קוֹלָם וַיִּבְכּוּ הָעָם בַּלַּיְלָה הַהוּא", אַלֶע אִידְן הָאבְּן גֶעוֵויינְט יֶענֶע נַאכְט, "אָמַר רַבָּה אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן: אוֹתוֹ לַיְלָה לֵיל תִּשְׁעָה בְּאָב הָיָה", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹחָנָן, יֶענֶע נַאכְט אִיז גֶעוֶוען תִּשְׁעָה בְּאָב, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ עֶנְק דָאךְ צוּגֶעזָאגְט צוּ גֶעבְּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן "אַתֶּם בְּכִיתֶם בְּכִיָּה שֶׁל חִנָּם",

איר ווייִנְט אוּמְזִיסְט, "וַאֲנִי קוֹבֵעַ לָכֶם בְּכִיָּה לְדוֹרוֹת", וֶועל אִיךְ עֶנְק בְּרֶענְגֶען אוֹיף וָואס צוּ וויינֶען.

**אַלֶע** יָארְן רֶעדְן מִיר פוּן דֶעם וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז נָאכְגֶעזָאגְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווייִנְט" - מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווייִנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווייל עֶר ווייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיר גוּטְס אוּן אִיךְ וויין ווייל עֶס טוּט מִיר וויי, דָאס אִיז דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ. מֶען רֶעדְט דָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווייִנְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט, 'וָואס גֵייט זַיין?' 'עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ', - "זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: דוּ טְרָאסְט מִיךְ נִישְׁט?! דוּ מֵיינְסְט אַז אִיךְ וִויל דִיר טוּן שְׁלֶעכְטְס?! וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען שְׁלֶעכְטְס חַס וְשָׁלוֹם!"

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט: וֶוען מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ: "וָואס טוּט זִיךְ?" אוֹיב עֶנְטְפֶערְט עֶר: "עֶס אִיז מִיר אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ", זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "דוּ זָאגְסְט אַז עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ? וֶועל אִיךְ דִיר בְּרֶענְגֶען זַאכְן וָואס וֶועט טַאקֶע זַיין גֶעפֶערְלִיךְ", אוֹיב עֶנְטְפֶערְט עֶר: "גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר!" זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "דוּ זָאגְסְט אַז עֶס אִיז דִיר אַזוֹי גוּט? וֶועל אִיךְ דִיר בְּרֶענְגֶען זַאכְן וָואס וֶועט דִיר טַאקֶע זַיין גוּט!"

**דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע נֵייעֶס!**

**אִיךְ** הָאבּ אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט צְווִישְׁן דִי בָּחוּרִים, וֶוען מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם: "וָואס מַאכְסְטוּ? דֶערְצֵייל מִיר עֶפֶּעס אַ נֵייעֶס", זָאל מֶען עֶנְטְפֶערְן: "ווילְסְט הֶערְן אַ נֵייעֶס? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ!" דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע נֵייעֶס! אִיךְ וִויל אַז דִי מְלַמְּדִים זָאלְן עֶס אוֹיךְ אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן עֶנְטְפֶערְן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ מִיר".

**אַמָאל** טְרֶעפְט אַ זֵיידֶע זַיין אֵיינִיקְל, אָדֶער אַ פֶעטֶער זַיין נֶעפְיוּ, מֶען פְרֶעגְט: "וָואס טוּט זִיךְ? דֶערְצֵייל מִיר עֶפֶּעס", זָאל מֶען עֶנְטְפֶערְן: "דוּ ווילְסְט אִיךְ זָאל דִיר עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ מִיר!"

**מֶענְטְשְׁן** זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ הֶערְן רֶעדְן אַזוֹי אָפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ צְווִישְׁן דִי לוֹמְדִים וָואס זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, רֶעדְט מֶען צְווִישְׁן זִיךְ תּוֹרוֹת, בְּחִינוֹת אוּן עִנְיָנִים, אָבֶּער רֶעדְן אַזוֹי אָפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַזַא גִּלּוּי אֱלֹקוּת - דָאס נִישְׁט, אוּן דָאס אִיז דֶער גָלוּת, אַז דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דִי** גוֹיִם הָאבְּן טַאקֶע פַארְבְּרֶענְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט

אוּנְז פַארְטְרִיבְּן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### אַ סְגוּלָה אוֹיף אַלֶעס

**אַסַאךְ** מָאל קוּמֶען צוּ מִיר אִינְגֶעלַייט, זֵיי פְרֶעגְן: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה, אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה, אִיךְ דַארְף אַ סְגוּלָה", דֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, דֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט גֶעזוּנְט, - זָאג אִיךְ: וֶוער וִויל אַ סְגוּלָה אִין לֶעבְּן וָואס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה, עֶס אַרְבֶּעט ווּאוּנְדֶערְלִיךְ אוֹיף וָואס אִימֶער, אוֹיף גֶעזוּנְט, אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף אַ הוֹיז, אוֹיף אַ קַאר, עֶס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אַלֶעס, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין לֶעבְּן! בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר!" - אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ גוּטֶע זַאכְן.

**מֶען** דַארְף אָנְהֵייבְּן זוּכְן דָאס גוּטְס אִין לֶעבְּן, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז עֶס זָאל זַיין נָאר שְׁלֶעכְט, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פוּל מִיט יִסוּרִים, מוּז קֶענֶען טְרֶעפְן עֶפֶּעס גוּטְס אִין זַיין לֶעבְּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַזוֹיפִיל גֶעלִיטְן אִין לֶעבְּן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט דִי וַוייבּ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט פַּרְנָסָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן; אוֹי וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אַלְץ גֶעלִיטְן, וָואס מֶען הָאט אַלְץ גֶעטוּן מִיט רֶבִּי נָתָן, מֶען הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן, עֶר הָאט גֶעהַאט מִתְנַגְדִים, מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט לֵייגְן אִין תְּפִיסָה, מֶען הָאט אֲפִילוּ אֵיינְמָאל גֶעדִינְגֶען אֵיינֶער זָאל אִים הַרְג'עֶנֶען, נָאר יֶענֶער הָאט גֶעבֶּעךְ גֶענוּמֶען אַ צְוֵייטְן אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן, אָבֶּער וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "וָואס מַאכְסְטוּ?" הָאט עֶר אַלְץ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים!"

**אַ** צְווייטֶער וָואלְט שׁוֹין לַאנְג גֶעוֵויינְט, אַ צְווייטֶער וָואלְט שׁוֹין לַאנְג גֶעשָׁאלְטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַ צְווייטֶער וָואלְט שׁוֹין לַאנְג גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁלָאגְט מִיךְ", וִוי מֶען הֶערְט לֵיידֶער אַזֶעלְבֶע אוֹיסְדְרוּקְן פוּן מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי זֵיי רֶעדְן, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן: "אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶנֶען אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁלָאגְט מִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיךְ", - פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ אַזוֹי?! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁלָאגְט נִישְׁט! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז!

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט פַיינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

**פָּארִיגֶע** וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעהַאט דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים א, כז): "וַתֵּרָגְנוּ

בְּשִׂנְאַת ה׳ אֹתָנוּ הוֹצִיאָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם״, די אידישע קינדער האבן זיך אפגערעדט, צוליב די פיינטשאפט פונעם אייבערשטן האט ער אונז ארויס געצויגן פון לאנד מצרים, זאגט רש״י: ״וְהוּא הָיָה אוֹהֵב אֶתְכֶם, אֲבָל אַתֶּם שׂוֹנְאִים אוֹתוֹ״, באמת האט דער אייבערשטער ענק יא ליב, נאר ענק האבן אים פיינט, ״מָשָׁל הֶדְיוֹט אוֹמֵר: מַה דִּבְלִבָּךְ עַל רְחִימָךְ, מַה דִּבְלִבֵּהּ עֲלָךְ״, דאס איז אזוי ווי דער משל וואס מענטשן זאגן, ׳וואס דו טראכסט אויף דיין חבר, מיינסטו אז יענער טראכט אויף דיר׳; דער אייבערשטער האט נישט פיינט אידישע קינדער!

**דער** יצר הרע קומט און רעדט איין דעם מענטש: ״דו האסט געזינדיגט, דו ביסט שוין פארטריבן פונעם אייבערשטן, דו דארפסט שוין זיין בעצבות און מרה שחורה״, - דאס איז ליגנט, דער אייבערשטער האט ליב אידישע קינדער, דער אייבערשטער ווארט מען זאל רעדן צו אים, דער אייבערשטער ווארט מען זאל צוריק קומען צו אים, דער אייבערשטער ווארט מען זאל תשובה טון, מען זאל אים איבערבעטן און זיך מתודה זיין, אזוי ווי א טאטע ווארט זיין קינד זאל קומען אים איבער בעטן: ״טאטי, זיי מיר מוחל״, ״טאטי, איך גיי שוין זיין וואויל״, דאס וויל דער אייבערשטער, זאג פאר׳ן אייבערשטן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם איך בין אראפגעפאלן אין אן עבירה**, זיי מיר **מוחל, איך** גיי שוין זיין וואויל״, - דער אייבערשטער וועט אננעמען דיין תשובה.

**לאמיר** זיך דאס פארנעמען, אנהייבן רעדן שיין, געענדיגט מיט וויינען; אז מען פרעגט דיר: וואס מאכסטו? ענטפער: ״שְׁכּוֹחַ אייבערשטער!״ וואס הערט זיך? ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם!״

## נוֹשֵׂא ג׳ - מען קען דערקענען א מענטש לויט זיין מויל

### שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיו

**ווען** יוסף הצדיק איז געווען אין תפיסה, שטייט אין פסוק (בראשית לט, ג): ״וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה׳ אִתּוֹ״, זיין הער האט געזען אז דער אייבערשטער איז מיט יוסף, פרעגן די הייליגע חכמים (מדרש תנחומא וישב ח) ווי אזוי האט דער גוי פוטיפר געזען אז דער אייבערשטער איז מיט יוסף? נאר ער האט געזען: ״שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיו״, דעם אייבערשטנ׳ס נאמען איז אים געלעגן אין מויל!

**דאס** קען מען גלייך זען, ווען מען פרעגט א אינגל, א בחור אדער אינגערמאן: וואס מאכסטו? וואס הערט זיך? אויב ער ענטפערט: ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם״, ״שְׁכּוֹחַ אייבערשטער פאר מיין לעבן״, ״דער אייבערשטער איז דא״, ״דער אייבערשטער איז גוט צו מיך!״ איז א סימן אז ער איז

אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים.

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים

**אַ** מֶענְטְשׁ קֶען גֵיין מִיט אַ גְרוֹיסֶע הוּט, מִיט אַ שֵׁיינֶע רֶעשְׁוָואלְקֶע, נָאךְ גֵיין אֵיינְגֶעבּוֹיגְן, און אוֹיסְקוּקְן ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער עֶס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, קֶען זַיין עֶר דַארְף פְּשׁוּט אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (אַטֶענְשָׁאן), וָואס הָאט עֶר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן? וָואס אִיז עֶר חָשׁוּב? עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין אֵיין דִיבּוּר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! אַז מֶען פְרֶעגְט אִים: וָואס טוּט זִיךְ? עֶנְטְפֶערְט עֶר: "גָארְנִישְׁט!" וָואס מַאכְסְטוּ? עֶנְטְפֶערְט עֶר: "וֶוער זָאגְט אִיךְ מַאךְ?!"

**אַז** מֶען ווִיל ווִיסְן צִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, הֶער וָואס עֶר רֶעדְט; אַז דוּ הֶערְסְט אִים רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, און אַנְדֶערְשׁ אִיז אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער' פוּן זַיין מוֹיל.

### הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער

**וֶוער** רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט 'נִיבּוּל פֶּה', דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שְׁטֵיין זֵייעַר וַוייט פוּן אִים. מֶען דַארְף זֵייעַר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה; קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן מִיט בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן עֲבֵירוֹת, קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן מִיט בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה. אֲפִילוּ אַ גוּטֶער בָּחוּר, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן אַזוֹי הַאלְבּ-וֶועגְס שְׁמוּצִיג, וֶועט עֶר אוֹיךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

**דִי** זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אִינְגֶעלַייט בַּיי דִי אַרְבֶּעט; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער, אוֹיבּ דַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער שְׁרֵייט שְׁמוּץ שְׁמוּץ, זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "קוּק אַהֶער, אָדֶער הֶערְסְטוּ אוֹיף רֶעדְן שְׁמוּצִיג אָדֶער גֵיי אִיךְ אַרוֹיס פוּן דָא!" אֶפְשָׁר וֶועט עֶר וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן דִי עֶרְשְׁטֶע מִינוּט, "דוּ זָאגְסְט מִיר וָואס צוּ טוּן?!" - אָבֶער מָארְגְן וֶועט עֶר דִיךְ מְכַבֵּד זַיין.

**דָאס** אִיז אוֹיךְ אַן עֵצָה פַאר וֶוער עֶס אַרְבֶּעט מִיט גוֹיִם, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט אִין פְּלָאמִינְג, דוּ הָאסְט גוֹיִם וָואס הֶעלְפְן דִיר אִין פְּלָאמִינְג, זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן: "דָא קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן עֲבֵירוֹת!" זָאג עֶס מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא.

### מֶען וֶוערְט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט

**נִישְׁטָא** אַזָא זַאךְ פוּן רֶעדְן עֲבֵירוֹת, ווַייל ווִי גֶעלוּנְגֶען דוּ בִּיסְט און ווִי עֶרְלִיךְ דוּ בִּיסְט, וֶוערְט מֶען נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ וֶועמֶען מֶען דְרֵיידְט זִיךְ, אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און פוּן אֱמוּנָה, וֶועסְטוּ

פְּלוּצְלִינְג אָנְהֵייבְּן רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן שְׁמוּצִיג וֶועסְטוּ אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן רֶעדְן שְׁמוּצִיג[א].

**דָאס** אִיז דִי מַעֲלֶה אַז מֶען קוּמְט אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', וַוייל וִוי נִישְׁט וִוי - הֵייבְּסְטוּ אוֹיךְ אָן צוּ שְׁמֶעקְן גוּט, אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אַרַיין אִין אַ בְּשָׂמִים גֶעשֶׁעפְט, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּזַאמְקְלוֹיבְּן אוּן הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקוֹיפְט, אָבֶער וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיס, הָאט זִיךְ אִין אִים עֶפֶּעס אָנְגֶעקְלֶעבְּט, עֶר שְׁמֶעקְט שׁוֹין אוֹיךְ גוּט. אָדֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ נֶעבְּן אֵיינֶעם וָואס רֵייכֶערְט, וֶועלְן אִים מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: "דוּ רֵייכֶערְסְט?" דִי וַוייבּ וֶועט שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים, זִי וֶועט אִים זָאגְן: "הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֵייכֶערְן", אוּן עֶר וֶועט זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶערֵייכֶערְט, אִיךְ בִּין נָאר גֶעזִיצְן אִין קַאר נֶעבְּן אֵיינֶער וָואס רֵייכֶערְט", זִי וֶועט עֶס אָבֶער נִישְׁט גְלֵייבְּן וַוייל עֶר שְׁמֶעקְט מַמָשׁ כְּאִילוּ עֶר הָאט גֶערֵייכֶערְט.

**אַז** מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ נֶעבְּן אֵיינֶעם וָואס שְׁמֶעקְט גוּט - הֵייבְּט מֶען אוֹיךְ אָן צוּ שְׁמֶעקְן גוּט, אוּן אַז מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ נֶעבְּן אֵיינֶעם וָואס שְׁמֶעקְט נִישְׁט גוּט - הֵייבְּט מֶען אוֹיךְ אָן נִישְׁט גוּט צוּ שְׁמֶעקְן; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז, וֶוען מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ נֶעבְּן אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, וֶועסְטוּ אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, אוּן אַז מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ נֶעבְּן אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט יִאוּשׁ וֶוערְטֶער, קְלָלָה וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ אוֹיךְ פְּלוּצְלִינְג אָנְהֵייבְּן רֶעדְן דִי וֶוערְטֶער.

---

א. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְמַאנְט דֶעם חֵלֶק שִׁיעוּר, אִין אַ בְּרִיוו וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס אַרָאפּ:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, יוֹם ג' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, הַלְוַואי וֶועסְטוּ פָאלְגְן, דוּ וֶועסְט פוּן הַיינְט אָנְהוֹיבְּן זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים וָואס גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וָואס רֶעדְן אֵיידְל. וַוייל וִויסְן זָאלְסְטוּ, אֲפִילוּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט נִישְׁט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן אַ נִישְׁט גוּטֶער, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער אִיד; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט צַדִיקִים, מִיט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן - וֶועט עֶר מִיט דִי צַייט אוֹיךְ וֶוערְן אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ וויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה; דִי מֶענְטְשְׁן מִיט וֶועם דוּ דְרֵייסְט זִיךְ זֶענֶען נִישְׁט גְלוֹיבִּיג, זֵיי זֶענֶען אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ אוּן זִי זָאל דִיר מְחַזֵק זַיין, דְרֵייְדְט אַייךְ נָאר מִיט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן. דִי עֶרְשְׁטֶע סִימָן אוֹיף אֵיינֶעם אוֹיבּ עֶר אִיז עֶרְלִיךְ - אוֹיבּ עֶר רֶעדְט אֵיידְל; דֶער וָואס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אוּן שֶׁעלְט - דֶער אִיז נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער, פוּן אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן.

(עֶצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת עֵקֶב תשפ"ב, קוּנְטְרֵס 267)

**פָּאלְגְט** מִיר, הָאט נִישְׁט מוֹרָא, גֵיי צוּ דַיין בַּעַל הַבַּיִת אוּן זָאג אִים: "קוּק אַהֶער, דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ וואוילֶער בַּעַל הַבַּיִת, אָבֶער אַז אִיךְ אַרְבֶּעט דָא קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן שְׁמוּצִיג!" אַוַודַאי וֶועט עֶר וֶוערְן אַבִּיסְל בֵּייז: 'וָואס הֵייסְט? דוּ וֶועסְט מִיר נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן, דָאס אִיז מַיין בִּיזְנֶעס, דָאס אִיז מַיין בִּנְיָן אוּן אִיךְ וֶועל דָא טוּן וָואס אִיךְ וִויל', זָאלְסְטוּ אִים נָאכְאַמָאל זָאגְן אָן מוֹרָא: "קוּק אַהֶער, צוּ מִיר קֶענְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן שְׁמוּצִיג!"

**מֶענְטְשְׁן** וֵוייסְן שׁוֹין אַז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן שְׁמוּצִיג; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַסַאךְ גְרִיסְן וִוי מֶענְטְשְׁן דֶערְצֵיילְן מִיר אַז זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "אָה, אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן אַז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן עֲבֵירוֹת", יָא, אַזוֹי אִיז עֶס, אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן עֲבֵירוֹת.

### עֶר לֶערְנְט זִיךְ אוֹיס פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים

**בַּיי** קִינְדֶער זֶעט מֶען דָאס זֵייעֶר שְׁנֶעל, וֶוען מֶען שִׁיקְט אַ נֵייעֶ אִינְגְל אִין חֵדֶר אַרַיין, קוּמְט עֶר אַהֵיים מִיט נֵייעֶ וֶוערְטֶער, "מְשׁוּגֶענֶער", "צֶעדְרֵייטֶער", וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אִינְדֶערְהֵיים. בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים נִיצְט מֶען נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער, אַז אִיךְ הֶער אַ קִינְד זָאגְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, זָאגְט מֶען אִים אַז מֶען גֵייט אַרַיין לֵייגְן פֶּעפֶער אִין זַיין מוֹיל! מֶען זָאגְט נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם וָוארְט "מְשׁוּגֶענֶער", "צֶעדְרֵייטֶער", אָבֶער אַז עֶר גֵייט אִין חֵדֶר לֶערְנְט עֶר עֶס זִיךְ אוֹיס פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועם עֶר דְרֵייְדְט זִיךְ.

### מִשְׁפָּחָה טֶעקְסְט גְרוּפֶּע

**אַז** דוּ בִּיסְט אַרוֹיפְגֶעסֵיינְט אוֹיף אַ 'מִשְׁפָּחָה טֶעקְסְט גְרוּפֶּע' - קוֹדֶם כָּל, אַז דוּ ווִילְסְט מִיר פָאלְגְן, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז בֶּאֱמֶת דַארְפְסְטוּ עֶס בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן, אוֹיבּ מֶען וֶועט דִיר זָאגְן אַז מִ'טְ'ן נִישְׁט זַיין אוֹיף דִי גְרוּפֶּע צֶעבְּרֶעכְסְטוּ דִי מִשְׁפָּחָה, זָאלְסְטוּ וִויסְן דָאס הֵייסְט נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אַ מִשְׁפָּחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דְרֵיי קִינְדֶער אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין מִשְׁפָּחָה גְרוּפֶּע, דִי מִשְׁפָּחָה אִיז נִישְׁט צֶעפַאלְן... אוּן אִיךְ קוּם פוּן אַ מִשְׁפָּחָה מִיט פֶערְצְן גֶעשְׁוִוויסְטֶער אוּן מִיר הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין מִשְׁפָּחָה גְרוּפֶּע.

**אִיךְ** זָאג דִיר "דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין גְרוּפֶּע", שֵׁייד זִיךְ אָפּ פוּן אַלֶע גְרוּפֶּעס, דִי טֶעלֶעפָאוֹן אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן צוּ הָאבְּן מְנוּחָה, אַז אִיךְ דַארְף אֵיינֶעם רוּפְן זָאל אִיךְ אִים קֶענֶען רוּפְן, אוּן אַז מַיין וַוייבּ זָאל מִיךְ קֶענֶען רוּפְן, דִי טֶעלֶעפָאוֹן אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן צוּ וֶוערְן מְשׁוּגָע, יֶעדֶע רֶגַע וֶוען אֵיינֶער אִיז לַאנְגְוֵוײלִיג, אֵיינֶער הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זָאל עֶר קֶענֶען עֶפֶּעס אַרוֹיסְשִׁיקְן, אַ

מֶענְטְשׁ הָאלְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אָדֶער טוּן עֶפֶּעס, דַארְף אִיךְ וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע פוּן יֶעדֶע נַארִישְׁקֵייט?!

**אָבֶער** אַז דוּ ווִילְסְט יָא זַיין אוֹיף אַ גְרוּפֶּע, זָאלְסְטוּ פוּן אֵיין זַאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַז אֵיינֶער שְׁרַייבְּט זִיךְ נִיבּוּל פֶּה, גֵיי אַרָאפּ פוּן דֶעם! וַוייל בַּאלְד רֶעדְסְטוּ אוֹיךְ אַזוֹי, וַוייל יֶענֶער הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה נָאר וַוייל עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַ צְוֵוייטְן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה.

## נוֹשֵׂא ד' - אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער וֶוערְן חָרוּב וְנֶחְרַב

מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ בְּלַייבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דִי וֶועלְט אִיז זַייעֶר שָׁאקְלְדִיג, אֵיין חִילוּק אִיז דָא וָואס אִיז אַמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען וֶוען אֵיינֶער הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט רַחֲמָנָא לִצְלַן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעטוֹישְׁט זַיין לְבוּשׁ, מֶען הָאט גְלַייךְ גֶעווּאוּסְט "הֲלָנוּ אַתָּה אִם לְצָרֵינוּ" (יְהוֹשֻׁעַ ה, יג), צִי עֶר אִיז פוּן אוּנְזֶערֶע אָדֶער נִישְׁט, הַיינְט זִיצְט עֶר אִינְאֵיינֶעם מִיט דִיר, עֶר זִיצְט מִיט דִיר בַּיי אֵיין חֲתוּנָה, עֶר עֶסְט שַׁבָּת בַּיים טִישׁ מִיט דִיר, עֶר עֶסְט הֶערִינְג אוּן פִישׁ מִיט דִיר, עֶר גֵייט מִיט אַ שְׁטְרַיימְל, בֶּעקִיטְשֶׁע מִיט וַוייסֶע זָאקְן, אוּן עֶר רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, עֶר רֶעדְט מִינוּת, עֶר רֶעדְט אַפִּיקוֹרְסוּת, עֶר מַאכְט חוֹזֵק פוּן רַבָּנִים, עֶר מַאכְט חוֹזֵק פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

זִיךְ דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ טֶעלֶעפָאוֹן אִינְדֶערְהֵיים, וֶועם ווִילְן זֵיי אַ טוֹבָה טוּן? זִיךְ אָדֶער דִיךְ?! זֵיי ווִילְן דָאךְ נָאר דַיין טוֹבָה!

**קִינְדֶער** וַויינֶען צוּ מִיר: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דֶער לֶעבְּן אִיז מִיר חָרוּב! אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן", אִיךְ קוּק אִים אָן: "וָואס? דוּ הָאסְט גֶעקוּקְט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן? וואוּ?!" זָאגְט עֶר: "בַּיינַאכְט אִין מַיין טַאטֶע'ס טֶעלֶעפָאוֹן!"

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, וָואס אִיז דָא מַעֲשֶׂה?

דוּ בִּיסְט דָאךְ שׁוֹין דָא, דוּ פַארְרוּפְסְט זִיךְ שׁוֹין אַ 'תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', אַ תַּלְמִיד מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן דוּ בִּיסְט נָאכְאַלְץ קְלוּגֶער צוּ הָאלְטְן אִינְדֶערְהֵיים אַן אֶבֶן נֶגֶף?! דַיינֶע קִינְדֶער, דַיינֶע זוּן אוּן טֶעכְטֶער גֵייעֶן זִיךְ יֶעצְט מוּטְשֶׁען!

### וֶועם ווִילְן זֵיי אַ טוֹבָה טוּן?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זַייעֶר גֶעוֵויינְט פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ:**

דוּ מַאכְסְט חוֹזֵק פוּן דִי תּוֹרָה? דוּ מַאכְסְט חוֹזֵק פוּן רַבָּנִים?! דִי רַבָּנִים וָואס בֶּעטְן

### דוּ לַאכְסְט נָאךְ פוּן רַבָּנִים?

**רִבּוֹנוֹ** שֶׁל עוֹלָם דוּ לַאכְסְט נָאךְ פוּן רַבָּנִים? דוּ שְׁפֶּעטְסְט פוּן רַבָּנִים?!

וָואס ווִיל עֶר דֶען? עֶר ווִיל דֶען עֶפֶּעס פַאר זִיךְ? עֶר ווִיל דָאךְ נָאר דִיךְ! אִיךְ

בִּין גֶעבִּינְדְן דִי הֶענְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּגֵיין צוּ יֶענֶעם אִים פָּארְהַאלְטְן, וַוייל אַז אִיךְ וֶועל אִים פָּארְהַאלְטְן וֶועט עֶר אָנְשְׁרֵייעֶן זַיין קִינְד: "פַּארְוָואס דַארְפְּסְטוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶעם וָואס טוּט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים? רֶעד גָארְנִישְׁט פוּן אִינְדֶערְהֵיים!" אָדֶער וֶועט עֶר וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר.

דִי הַארְץ קֶען פְּלַאצְן פוּן וָואס אִיךְ הֶער אַלְץ צַאם פוּן קִינְדֶער! דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעהַאט אַ סִיפּוּר, אַ קִינְד קוּמְט צוּ מִיר, עֶר וֵויינְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, פְרֶעג אִיךְ אִים: "וָואס? דוּ קוּקְסְט? וואוּ קֶענְסְטוּ קוּקְן? דוּ בִּיסְט דָאךְ אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶער קִינְד?!" זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ קוּק אִין מַיין טַאטֶע'ס טֶעלֶעפָאוֹן וֶוען עֶר שְׁלָאפְט!" אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן? פַּארְוָואס אִיז עֶר אַן אִיבֶּער חָכָם?! יֶעצְט מוּטְשֶׁעט זִיךְ שׁוֹין זַיין קִינְד, עֶר דַארְף נָאר קוּקְן אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִיסְט, נִישְׁט קַיין לַאנְגֶע זַאךְ, אוּן עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ שׁוֹין פַאר'ן לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. עֶר וֶועט זִיךְ דַארְפְן מוּטְשֶׁען נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דָאס אִיז מַמָּשׁ ווִי אַ קְלֶעבּ וָואס לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן דִמְיוֹנוֹת.

דוּ מַאכְסְט חוֹזֶק פוּן אַ רַב? דוּ מַאכְסְט חוֹזֶק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ?! דוּ בְּרֶענְגְסְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דַיין טֶעלֶעפָאוֹן?! עֶס אִיז דָאךְ אַ לָאו אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים כב, ח): "וְלֹא תָשִׂים דָּמִים בְּבֵיתֶךָ כִּי יִפֹּל הַנֹּפֵל מִמֶּנּוּ", לֵייג נִישְׁט קַיין בְּלוּט בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן אִינְדֶערְהֵיים קַיין קָאמְפְּיוּטֶער, לָאז דַיין שְׁטוּבּ זַיין אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוואַקְסְן זוֹיבֶּער.

**נֶע, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער...**

**מֶען** הֶערְט ווִי מֶענְטְשְׁן פָּאפְּן זִיךְ נֶעבֶּעךְ, זֵיי מֵיינֶען: 'נֶע, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע קִינְדֶער קוּקְן נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דִי אַלֶע דְרָשׁוֹת אִיז גֶעמַאכְט פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן נִישְׁט ווִי אַיין אוּן ווִי אוֹיס, מַיינֶע קִינְדֶער וֵוייסְן ווִי אַיין אוּן ווִי אוֹיס, מַיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן', 'מַיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט קַיין שִׁידוּכִים, מַיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען וַוארְטְן בִּיז דִי אַכְצְן, בִּיז דִי צְוָואנְצִיג'... - דַיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט דִי זַאכְן?! ווִיפִיל יָאר דוּ וֶועסְט נָאר לֶעבְּן וֶועסְטוּ נִישְׁט גֶעוואוּיר וֶוערְן וָואס דַיין קִינְד וֵוייסְט שׁוֹין הַיינְט יֶעצְט יוּנְגֶערְהֵייט!

**גֶעבּ** אַכְטוּנְג מִיט וֶועמֶען דוּ דְרֵייסְט זִיךְ, גֶעבּ אַכְטוּנְג וָואס פַאר אַ חֲבֵרִים דוּ הָאסְט, אֵיינֶער וָואס שְׁפֶּעט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן - לוֹיף אַוֶועק פוּן אִים, אֵיינֶער וָואס מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע זַאכְן - גֵיי אַוֶועק פוּן אִים, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

**אִידִישֶׁע** שְׁטִיבֶּער וֶוערְן חָרוּב וְנֶחְרַב, קִינְדֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַוֶועק פוּן

אידישקייט, ווייל מען טרייבט ארויס די שכינה פון שטוב, מען פאלגט נישט וואס די ערליכע אידן זאגן; דאס איז חרבן בית המקדש.

## נוֹשֵׂא ה׳ - מָרָה שְׁחוֹרָה אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת!

**מֶען טָאר נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה,** מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט דֶערְפוּן בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, אָבֶּער אַזוֹי וִוי נִישְׁט יֶעדֶער אִיז דָא גֶעוֶועֶן, וֶועל אִיךְ עֶס אִיבֶּער זָאגְן. ״עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא סַכָּנָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וִוי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה!״ מֶען זָאגְט פַאר אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס׳ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז ׳תִּשְׁעָה בְּאָב טָאר מֶען נִישְׁט לַאכְן, עֶס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת׳, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, תִּשְׁעָה בְּאָב דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט אַרוּמְלַאכְן, אָבֶּער עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אִיז אַ גַאנְץ יָאר אַ סַכָּנָה! אַ סְקוּנֶדֶע עַצְבוּת, אַ סְקוּנֶדֶע מָרָה שְׁחוֹרָה אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת!

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מח): ״שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ״, וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״אֲזַי תֵּכֶף הִיא עֲבֵרָה גְּדוֹלָה כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ עַצְבוּת, חַס וְשָׁלוֹם״, אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, ״כִּי עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אָחֳרָא (זֹהַר נֹחַ דַף עא)״, וַוייל טְרוֹיעֶר קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, ״וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס פַיינְט!

**מֶען טָאר נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה** מֶענְטְשְׁן מִישְׁן אוֹיס דִי יוֹצְרוֹת, מֶענְטְשְׁן וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, מֶען מֵיינְט אַז תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז אַ טָאג פוּן זַיין בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, וֶוען מֶען זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד, קוּמְט נִישְׁט אַרַיין קַיין שְׁרֶעק, אַ פַארְלוֹירְנְקֵייט, אַן אוֹיפְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אוֹיפְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, מֶען וֵויינְט וַוייל מֶען אִיז פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט דִי גוֹיִם צוּ פַארְבְּרֶענֶען דֶעם הוֹיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**מֶען דַארְף הַאלְטְן אֲבֵלוּת,** מֶען דַארְף זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט מֶען דַארְף זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד, יֶעצְט עֶסְט מֶען נִישְׁט, יֶעצְט בָּאדְט מֶען זִיךְ נִישְׁט, אוּן דִי פְּרוֹיעֶן טוּעֶן זִיךְ אוֹיס דִי צִירוּנְגֶען, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט, אָבֶּער נִישְׁט מִיט מָרָה שְׁחוֹרָה, נִישְׁט פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט, נִישְׁט פוּן דֶערְשְׁרָאקְנְקֵייט, פַארְקֶערְט, אִיךְ גְלֵייבּ וַוייטֶער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר!

## נוֹשֵׂא ו׳ - הַפָּצָה

**וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועלְן אַרַיין גֵיין אִין דִי וֶועלְט - קֶען מֶען זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף מָשִׁיחַ**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אִינְמִיטְן וֶועג זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעפָארְן אַסַאךְ זֶעלְנֶער פוּן דִי קָאזַאקְן, הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן אִיבֶּער רוּסְלַאנְד אוּן דִי רוּסְן, וָואס עֶס וֶועט זִיךְ טוּן מִיט זֵיי בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּן וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט זֵיי פוּן נָאךְ בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ בִּיז תְּחִיַּת הַמֵּתִים. רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי זֶענֶען דֶעמָאלְט מִיטְגֶעפָארְן אִינֶעם וָואגְן, אוֹיךְ אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס אֵיידֶעם ר׳ יוֹסְקָא דָארְט גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעזִיצְן נֶעבְּן רֶבִּי'ן, אוֹיסֶער דֶעם זֶענֶען גֶעוֶוען אִינֶעם וָואגְן נָאךְ צְוֵויי מֶענְטְשְׁן - אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - פוּן טֶעפְּלִיק; אַלֶע הָאבְּן גֶעקוּקְט דֶעם רֶבִּי'ן אִין פָּנִים בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס וֶועט זַיין דֶער סֵדֶר פוּן בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ. נָאכְדֶעם הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעוָואלְט אִיבֶּער שְׁמוּעֶסְן מִיט ר׳ יוֹסְקָא הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט פוּנֶעם גַאנְצְן שְׁמוּעֶס, אוֹיךְ וֶוען רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְגֵיין מִיט דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן פוּן טֶעפְּלִיק דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעזֶען אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן וָואס מֶען רֶעדְט, דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי ווִיל אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט ווִיסְן פוּן דֶעם גַאנְצְן שְׁמוּעֶס. רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן מִיט רָאשֵׁי תֵּיבוֹת, אוּן דָאס אִיז דֶער סֵפֶר ״מְגִלַּת סְתָרִים״. אַמָאל הָאט מֶען שְׁטַארְק צוּגֶעדְרוּקְט רֶבִּי נַפְתָּלִי עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס פוּן סֵפֶר ״מְגִלַּת סְתָרִים״ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ טָאר גָארְנִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן - אַזוֹי הָאט מִיר דֶער רֶבִּי אָנְגֶעזָאגְט - אָבֶּער אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן וָואס דָארְט שְׁטֵייט, וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועלְן אַרַיין גֵיין אִין דִי וֶועלְט - קֶען מֶען זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף מָשִׁיחַ״.

### דִי מְפִיצִים זֶענֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה

**וואוֹיל אִיז דֶער וָואס קֶען נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין הַפָּצָה, וֶוער עֶס גֵייט אַבִּיסְל פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִלְיוֹנוֹת, סִידִים, קַארְטְלֶעךְ פוּן רֶבִּי'ן.**

**עֶס** דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט, מֵיידְלֶעךְ אוּן וַוייבְּלֶעךְ, פַארְלוֹירֶענֶע נְשָׁמוֹת, אִינְדְרוֹיסְן זֶעעֶן זֵיי אוֹיס גֶעהֶערִיג, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג זֶענֶען זֵיי פַארְלוֹירְן. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פוּל מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה; עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, עֶר מֵיינְט אַז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וַוייל עֶר הָאט אָפְּגֶעקוּקְט עֲבֵירוֹת, דִי מֹחַ אִיז אִים אִינְגַאנְצְן מְטֻמְטָם, וֶוען דוּ גֶעבְּסְט אִים אַ סֵפֶר, אַ קוּנְטְרֵס פוּן רֶבִּי'ן, לֵייגְט עֶר עֶס אַרַיין אִין טַאשׁ, דוּ מֵיינְסְט אַז עֶר גֵייט עֶס בִּכְלַל נִישְׁט לֵיינֶען, אָבֶּער בַּאלְד עֶפְנְט עֶר עֶס אוֹיף, וֶועט עֶר זֶען שְׁטֵיין: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

אִיז דָא מִיט דִיר, בַּיי דִיר, נֶעבְּן דִיר, פַארְלִיר דִיךְ נִישְׁט, הָאסְט אַ שְׁוֶוערֶע מִינוּט? הָאסְט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג? קֶענְסְט נִישְׁט דֶעקְן דִי בַּאנְק? קֶענְסְט נִישְׁט דֶעקְן דִי קְרֶעדִיט קַארְד? בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְט זֶען נִיסִים!"

**מִיט** דֶעם אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן דִי מְפִיצִים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע אִין דִי רֵייעֶ, עֶס וֶועלְן קוּמֶען אַסַאךְ שֵׁיינֶע אִידְן, יֶעדֶער וֶועט קוּמֶען מִיט זַיין שֵׁיינֶע בֶּעקִיטְשֶׁע מִיט דִי זִילְבֶּערְנֶע שְׁטֶעקְן, אָבֶּער דִי מְפִיצִים וֶועלְן שְׁטֵיין דִי עֶרְשְׁטֶע, מָשִׁיחַ וֶועט דִיךְ אָנְכַאפְּן אוּן זָאגְן: "דוּ הָאסְט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט, ווייל דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן אַ סֵפֶר פַאר דֶעם אוּן יֶענֶעם, מִיט דֶעם הָאסְטוּ מְקָרֵב גֶעוֶוען גַאנְצֶעטֶע מִשְׁפָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", ווייל אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט צוּרִיק 'אֵיין בָּחוּר' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאלְד הָאט עֶר חֲתוּנָה, עֶר שְׁטֶעלְט אוֹיף אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר אֵיינִיקְלֶעךְ, קוּמְט אוֹיס אַז מִיט דֶעם 'אֵיין גִלְיוֹן', 'אֵיין קוּנְטְרֵס' - פוּן אֱמוּנָה, שְׁלוֹם בַּיִת, שְׁמִירַת שַׁבָּת, וָואס דוּ הָאסְט אִים גֶעגֶעבְּן הָאסְטוּ צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט דוֹרֵי דוֹרוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

## נוֹשֵׂא ז' - רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן

**רֹאשׁ הַשָּׁנָה - קֶען דֶער רֶבִּי יֶעדְן פַארְרֶעכְטְן**

**מֶען** דַארְף יֶעצְט אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל זַיין מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז שׁוֹין נֶענְטֶער וִוי ווייטֶער.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה - קֶען עֶר יֶעדְן פַארְרֶעכְטְן.

**עֶס** אִיז אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז דָא אַ בְּלִינְדֶע שִׂנְאָה, אַנְשְׁטָאט רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת אוּן רֶבִּי'ס זָאלְן אָנְכַאפְּן דִי גַאנְצֶע יְשִׁיבָה, דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה, זֵיי טְרָאגְן צוּ אַ צַדִיק פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וָואס קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן, שְׁטֵייט מֶען אוּן מֶען מַאכְט חוֹזֵק פוּן רֶבִּי'ן, אוּן מֶען לָאזְט נִישְׁט אִינְגֶעלַייט פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פַארְוָואס? ווייל זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז זֵיי וֶועלְן בַּאלְד נִישְׁט הָאבְּן קַיין מִנְיָן, ווייל אַלֶע וֶועלְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

**ער לויפט פאר זיין לעבן**

**אַז** דיין שְׁוֶוער זָאגְט: "אַז דו פָּארְסְט קיין אומַאן גֵעם אִיךְ אַהיים מַיין טָאכְטֶער", און דיין טַאטֶע זָאגְט: "אַז דו פָּארְסְט קיין אומַאן קֶענְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן אַ חֵלֶק פון מַיין יְרוּשָׁה", דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען קַיין אומַאן, און נִישְׁט קוּקְן אויף קֵיינֶעם.

**אַ** מֶענְטְשׁ וָואס פִילְט נִישְׁט גוּט, קוּקְט נִישְׁט אויף קֵיינֶעם, עֶר לֵייגְט אַלֶעם אִין דֶער זַייט און זוּכְט אַ דָאקְטֶער וָואס קֶען אִים אויסְהֵיילְן, וֶוען עֶר וֶועט זַיין גֶעזוּנְט וֶועט עֶר צוּרִיק קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אויסְהֶערְן וָואס דו הָאסְט צוּ זָאגְן, אַזוֹי אויךְ וֶוען עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ גֶערִיכְט, עֶס וַוארְט אִים אַ מִשְׁפָּט, וֶועט עֶר נִישְׁט צוּהֶערְן וָואס דֶער זָאגְט און וָואס יֶענֶער זָאגְט, עֶר לויפְט פַאר זַיין לֶעבְן, עֶר זוּכְט אַ לוֹיעֶר.

**וָואס גֵייט זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מִינוּט**

**מֶען** דַארְף ווִיסְן אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען אוּנְז דַן זַיין, אוֹי וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אַ יָאר, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט צִי עֶס זֶעט מִיר נָאר אוּיס מֶער שְׁרֶעקֶעדִיג ווַייל אִיךְ הֶער מֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן, אָדֶער דִי ווֶעלְט ווֶערְט טַאקֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶער, אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט ווִיסְן וָואס גֵייט זַיין מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מִינוּט! בַּאלְד זָאגְט דֶער דָאקְטֶער: קוּם צוּרִיק נָאכְאַמָאל, עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט מִיט דִיר אָדֶער מִיט דַיין ווַייבּ, דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער גֶעלוּנְגֶעסְטֶער מֶענְטְשׁ קֶען אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע כַאפְּן אַזַא שְׁאקְל, אַ סְטְרָאוּק וְכוּ', און עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין בֶּעט...

**שַׁבָּת** הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט בַּיי מִיר אַ גַאסְט, זָאגְט עֶר מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ קָאסְטֶעמֶער, אֵיין טָאג הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַזֶעלְכֶע קוֹלוֹת אויף מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דֶער ווֶעלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ, אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעגְנְט צוּ דֶער ווֶעלְט. ווֵייסְט דֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט מָארְגְן זַיין מִיט אִים?!

**קוּם צוּם רֶבִּי'ן ווֶעסְטוּ אַלֶעס הָאבְּן**

**רֹאשׁ** הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אַלֶעס אָפּ, און עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס זָאגְט "ווֶער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ אִים הֶעלְפְן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ אויף יֶעדְן אֵיינֶעם מְלַמֵּד זְכוּת זַיין, אִיךְ ווֶעל טוּן דִי בֶּעסְטֶע וָואס אִיז שַׁיְיךְ אִים צוּ מְתַקֵּן זַיין", אֵיי: 'וָואס ווֶעט מֶען זָאגְן אויף מִיר? וָואס ווֶעלְן מַיינֶע חֲבֵרִים טְרַאכְטְן אויף מִיר? און וָואס ווֶעט זַיין מִיט שִׁידוּכִים?!' - וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא? אוֹיבּ דוּ פָּארְסְט נִישְׁט אויף אוּמַאן גֵייסְטוּ יָא מַאכְן שִׁידוּכִים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער?! דוּרְךְ אוּמַאן פַארְלִירְט מֶען נִישְׁט קֵיין שִׁידוּךְ! קוּם צוּם רֶבִּי'ן ווֶעסְטוּ הָאבְּן שִׁידוּכִים, קוּם צוּם רֶבִּי'ן ווֶעסְטוּ אַלֶעס הָאבְּן.

**אויסְגֶעלֵייזְט דַיְקָא דורְךְ אומַאן**

**"אָבֶער** מַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט מִיר גֶעזָאגְט אויב אִיךְ פָאר קַיין אומַאן קֶען אִיךְ מֶער נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען אַרְבֶּעטְן בַּיי אִים" - זָאג אִים: "מִיר דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, דוּ מוּזְט מִיךְ נִישְׁט צוּרִיק נֶעמֶען". אִיךְ וֶועל נֶעמֶען אַן אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט, אָדֶער וֶועל אִיךְ אַלֵיינְס אַרֵיינְגֵיין אִין בִּיזְנֶעס. דָא זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער בַּיי אַנְדֶערֶע, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן אויסְגֶעלֵייזְט דַיְקָא דורְךְ אומַאן, וַוייל דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען", אִיז עֶר אַלֵיינְס אַרַיין אִין בִּיזְנֶעס, בָּרוּךְ הַשֵּׁם. וָואס?! אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֶעבְּן מַיין לֶעבְּן פַאר מַיין בַּעַל הַבַּיִת?!

**עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אָפְּגֶעקוֹיפְט אַ בֶּעקֶערַיי**

**אִיךְ** הָאב אַ חָבֵר וָואס פְּלֶעגְט פָארְן קַיין אומַאן יֶעדְעס יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בִּיז עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אָפְּגֶעקוֹיפְט אַ בֶּעקֶערַיי, אַזַא צָרָה, עֶר זָאגְט מִיר: "דִי מֶערְסְטֶע קֶעיק פַארְקוֹיף אִיךְ עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן", - זָאג אִיךְ אִים: אַ בֶּעקֶערַיי דַארְפְסְטוּ?! אוֹיף וָואס דַארְפְסְטוּ אַ בֶּעקֶערַיי אוֹיב דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אוֹיף אוּמַאן?! קוּם צוּם רֶבִּי'ן! שְׁטֶעל אַ צְוֵויטְן אַנְשְׁטָאט דִיר אָדֶער פַארְמַאךְ דַיין גֶעשֶׁעפְט! קוּם צוּם רֶבִּי'ן, קוּם פַאר דַיין לֶעבְּן, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, קוּק נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט!

**אַז** עֶס קוּמְט תִּשְׁעָה בְּאָב, דַארְף מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין מַאכְן שָׁלוֹם אֵיינֶער מִיט'ן צְוֵויטְן; אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ וֵויינֶען אוּן קְרֶעכְצְן, וָואס עֶס זָאל נָאר פַּאסִירְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶר וֵויינְט פוּן שִׂמְחָה, מִיט אַ תִּקְוָה, מִיט אַ הָאפֶענוּנְג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא - אִיז דָאס חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער וֵויינֶען פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין הַפָּצָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל שׁוֹין וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיין פְּרַיוָואטֶע גָלוּת, מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אָנְהֵייבְּן זִיךְ לִיב הָאבְּן אֵיינֶער מִיט'ן צְוֵויטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

# פַּרְשַׁת
# וָאֶתְחַנַּן

# פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן - שַׁבָּת נַחֲמוּ, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

פְרַייטָאג צוּנאַכְטְס בַּיים בָּאטֶע הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט הֶערְלִיכֶע דִּבְרֵי הִתְחַזְּקוּת בְּעִנְיַן שַׁבָּת נַחֲמוּ אוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב.

**שַׁבָּת נַחֲמוּ - קָבוּעַ בַּיים רֶבִּי'ן**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶעבְּט, פְלֶעגְן דִי תַּלְמִידִים זִיךְ צוּזאַמְקוּמֶען זֶעקְס מָאל אַ יָאר - דְרֵיי מָאל אִיז מֶען גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אַז נאָכְ'ן רֶבִּינְ'ס הִסְתַּלְּקוּת קוּמְט מֶען וַוייטֶער צוּם רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן נָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פָארְט מֶען נִישְׁט צוּם רֶבִּי'ן, נָאר מֶען קוּמְט דַאוֶועגְן אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטִיבְּל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל וואוּ צֶען מֶענְטְשְׁן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם, דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**נָאכְדֶעם** אִיז גֶעוֶוען דְרֵיי מָאל וָואס דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פָארְן צוּ דִי תַּלְמִידִים - שַׁבָּת שִׁירָה, שַׁבָּת נַחֲמוּ, אוּן נָאךְ אַ שַׁבָּת וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קכו).

**נַחֲמוּ - טְרֵייסְט זִיךְ מִיטְ'ן רֶבִּי'ן**

**שַׁבָּת** נַחֲמוּ אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ מ, א): "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי", טְרֵייסְט עֶנְק טְרֵייסְט עֶנְק מַיין פָאלְק.

**וָואס** אִיז שַׁבָּת נַחֲמוּ? 'נַחֲמוּ' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'נַחְמָן', דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי" - טְרֵייסְט דִיךְ, זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי, עֶס אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס קֶען דִיר הֶעלְפְן.

**מִיר** הָאבְּן טַאקֶע נִישְׁט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מֶען הָאט אוּנְז פַארְטְרִיבְּן אִין גָלוּת, אָבֶּער צַדִּיקִים הָאבְּן מִיר, אוֹי וִוי גוּט אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן

פַאר זַיין רֶבִּי! אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גוּט עֶס אִיז פַאר אַ מֶענְטְש וָואס נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר זַיין רֶבִּי. קֶען זַיין אַז דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען שׁוֹין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין בְּרֶסְלֶב וֵוייסְן נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ פוּן וָואס אִיךְ רֶעד, וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. דֶער רֶבִּי טְרֵייסְט אוּנְז, דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז אַזוֹי מְחַיֶה, דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז אַזוֹי מְחַזֵק. אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין נָאךְ אַזַא רֶבִּי וָואס אִיז אַזוֹי מְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים אָדֶער מֶען הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס קוֹל, הֵייבְּט מֶען פְּלוּצְלוּנְג אָן צוּ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז טַייטְשְׁט 'נַחֲמוּ נַחֲמוּ' - טְרֵייסְט דִיךְ אַז דוּ הָאסְט דֶער רֶבִּי, טְרֵייסְט דִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַ צַדִיק.

**עֶם** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ה, כט): "זֶה יְנַחֲמֵנוּ מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן יָדֵינוּ", עֶר וֶועט אוּנְז טְרֵייסְטְן פוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אוּן טְרוֹיעֶר. אִינֶעם וָוארְט: יְ'נַחֲמֵנְ'וּ - אִיז מְרוּמָז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען; דֶער רֶבִּי טְרֵייסְט אוּנְז אוּן נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶער עַצְּבוּת.

**מֶענְטְשְׁן** זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אַז מֶען אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן אוּן נָאר דֶער חַבֶר הָאט נָאךְ אַ וֶועג, מֶען הֵייבְּט אוֹיף דֶעם חַבֶר הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אוּן זִיךְ אַלֵיין קְלַאפְּט מֶען אַרָאפּ נִידְרִיגֶער אוּן נִידְרִיגֶער, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַן עֲצַת הַיֵצֶר, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט דָאס צוּ וַוייל עֶר ווִיל מֶען זָאל נָאכְדֶעם אַלֶעס אָפְּלָאזְן חַס וְשָׁלוֹם, מֶען זָאל מֶער נִישְׁט הִיטְן קַיין שַׁבָּת אוּן נִישְׁט לֵייגְן קַיין תְּפִילִין רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**אַלֶע** 'שִׁבְעָה דְנֶחָמְתָא' זֶענֶען גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם יְסוֹד וואו אִידִישֶׁע קִינְדֶער טַעְנָה'ן זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אוּנְז יָא. "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם" (יְשַׁעְיָה מ, א), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז: טְרֵייסְט זִיךְ מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מִיר הָאבְּן טַאקֶע נִישְׁט דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער מִיר הָאבְּן דֶעם צַדִיק וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵק, "וַתֹּאמֶר צִיּוֹן עֲזָבַנִי ה', וה' שְׁכֵחָנִי" (יְשַׁעְיָה מט, יד), זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ שְׁפִּיר דִיךְ נִישְׁט, אִיךְ וִויל דִיךְ שְׁפִּירְן".**

## שַׁבָּת נַחֲמוּ אִין דִי קָאנְטְרִי'ס

**דָאס** אִיז שַׁבָּת נַחֲמוּ. שַׁבָּת נַחֲמוּ אִיז נִישְׁט דָאס וָואס אִיז לֵיידֶער גֶעוָוארְן אַרַיין גֶעכַאפְּט בַּיי גֶעווִיסֶע פְּלֶעצֶער אַז מֶען רוּפְט אַ בַּדְחָן, אַ לֵץ, אַן אַפִּיקוֹרֶס, זָאל זָאגְן דִבְרֵי לֵיצָנוּת. דָאס אִיז זֵייעֶר אַן עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ.

**אַ** אִינְגֶערְמַאן וָואס וֵויילְט זוּמֶער אִין אַ גֶעווִיסֶע קָאנְטְרִי דֶערְצֵיילְט מִיר, אַז פַארְיָאר 'מוֹצָאֵי שַׁבָּת נַחֲמוּ' הָאט מֶען בַּיי זֵיי גֶעמַאכְט אַ רִיזִיגֶע מְלַוֶה מַלְכָּה פַאר דִי מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, מֶען הָאט גֶערוּפְן אַ מַאן זָאל שְׁפִּילְן פַאר פְרוֹיעֶן רַחֲמָנָא לִצְלָן! דָאס אִיז דָאךְ אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע

נִיאוּף! זַיין וַוייבּ וָואס אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט אַרוֹיס פוּן אִיר בָּאנְגֶעלָאוֹ מִיטְצוּהַאלְטְן דֶעם מְלַוֶּה מַלְכָּה, זֶענֶען אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס גֶעקוּמֶען צוּ אִיר מִיט טַעֲנוֹת אַז זִי הָאט בַּאלֵיידִיגְט דִי פְּרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן אַרָאנְדְזְשִׁירְט דֶעם מְלַוֶּה מַלְכָּה, אוּן זִי דַארְף זֵיי אִיבֶּער בֶּעטְן...

**אִיךְ** בֶּעט עֶנְק טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים, עֶטְץ גֵייטְס בְּקָרוֹב חֲתוּנָה הָאבְּן, זָאגְט מִיר צוּ אַז אִיר וֶועט זִיךְ פִּירְן הֵיילִיג, עֶטְץ וֶועט זִיצְן, שְׁמוּעֶסְן אוּן פַאְרבְּרֶענְגֶען נָאר מִיט עֶנְקֶערֶע וַוייבֶּער, נִישְׁט מַאכְן חַס וְשָׁלוֹם דִי פַאְרדָארְבֶּענֶע סְעוּדַת מְרֵעִים וואוּ מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם מֶענֶער מִיט פְּרוֹיעֶן צוּזַאמֶען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אֲשֶׁר נָתַן מְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל".

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ וֵויים נִישְׁט צִי דֶער נִיגוּן אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיין. מֶען זָאגְט פַאְר'ן בַּאשֶׁעפֶער: "אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא גְרוֹיסֶע מַתָּנָה אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן אָנְצוּקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ". דִי אַלֶע נֶעמֶען זֶענֶען מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם נִיגוּן: 'מְנוּחָה' - הָאט אִין זִיךְ דִי אוֹתִיּוֹת פוּן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען 'נַחְמָן', 'נָתַן' - אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, אוּן 'אֲשֶׁר' - אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן מוֹהֲרָא"שְׁ'ס נָאמֶען, רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה.

## דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע לִימוּדִים

**דֶער** בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז טַאקֶע חָרוּב גֶעוָוארְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ 'שַׁבָּת נַחֲמוּ', אִיךְ טְרֵייסְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע לִימוּדִים.

**דֶער** רֶבִּי לֶערְנְט מִיר אוֹיס אַז אִיךְ קֶען עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

**דֶער** רֶבִּי גֶעבְּט מִיר אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אִיךְ זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אַפִילוּ אִיךְ פַאְרשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דָארְט שְׁטֵייט.

**דֶער** רֶבִּי גֶעבְּט מִיר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, אַז מֶען לֶערְנְט צוּבִּיסְלֶעךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, תַּרְגּוּם אוּן רַשִׁ"י, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**פַארְוָואס** זָאל דִיר נִישְׁט פַּאסְן צוּ עֶפֶענֶען יֶעדְן טָאג אַ חוּמָשׁ אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, דוּ בִּיסְט פוּן דִי עֶכְטֶע נָארְמַאלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט צוּ פָאלְגְן דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן?!... טֵייעֶרֶער חֲסִידִי'שֶׁער, הֵיימִישֶׁער, עוֹבְדִי'שֶׁער, חַאנְיָאקִישֶׁער בָּחוּר'ל, הָאסְטוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען דִי וָואךְ?! - נֵיין! אֶפְשָׁר נֶעמְסְטוּ יֶעדְן טָאג אַ חוּמָשׁ? הֵייבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אַזוֹי וֶועסְטוּ סוֹף וָואךְ הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

**דֶער** רֶבִּי גֶעבְּט מִיר אַ וֶועג אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד) אַז אֵיין מָאל אַ טָאג קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַפָּאר מִינוּט, זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג מוּז מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ.

### אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**מִיר** זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן פָּשׁוּט'ן שְׁפְּרַאךְ. וואו אִיךְ בִּין, אִיךְ זִיץ אִין קַאר, אִיךְ זִיץ אִין אָפִּיס, אִיךְ גֵיי שְׁפַּאצִירְן - רֶעד אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**עֶס** שְׁטֵייט דִי וָואךְ אִין דִי סֶדְרָה (דְבָרִים ג, כג): "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר". זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער מֶדְרָשׁ (דְבָרִים רַבָּה יא, ט): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וויל אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נִישְׁט אֵיין מָאל, נִישְׁט צְוֵויי מָאל, נִישְׁט דְרֵיי מָאל, נָאר עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן אַזוֹיפִיל וִויפִיל דָאס וָוארְט 'וָאֶתְחַנַּן' בַּאטְרֶעפְט, - פִינְף הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצְן תְּפִילּוֹת, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (דְבָרִים ג, כו): "רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה", בֶּעט נִישְׁט מֶער. וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט וֶוען גֶעבֶּעטְן נָאךְ אֵיין תְּפִלָּה, דִי פִינְף הוּנְדֶערְט אוּן זֶעכְצְנְסְטֶע תְּפִלָּה, וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן, הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גֶעבֶּעטְן.

**דִי** הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנָה, יַחֲזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן - זָאל מֶען נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'"; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף וַוארְטְן אוּן וַוייטֶער בֶּעטְן בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן. דָאס לֶערְנְט אוּנְז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דָא אוֹיס, אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אֲפִילּוּ מֶען זֶעט אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, בֶּעט מֶען וַוייטֶער, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט.

**דֶערְפַאר** קוּמְט אוֹיס יֶעדֶע יָאר פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן אִין 'שַׁבָּת נַחֲמוּ', ווייל

דֶעם רֶבִּינְ'ס גַאנְצֶע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען תְּפִלָּה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צג): **אִיךְ** וִויל נָאר אֵיין זַאךְ - אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים פַּארְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים.

**דָאס** אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס, "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן" אוּן "רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דָאס אִיז גַאנְץ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז דִמְיוֹנוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן. אַז דוּ דַארְפְסְט אַ שִׁידוּךְ, דַארְפְסְט קִינְדֶער, דַארְפְסְט פַּרְנָסָה, ווִילְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן, ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, ווִילְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, פִּילְסְט נִישְׁט גוּט, הָאסְט אַ צָרָה, אוֹיף אַלֶעס אִיז דָא אֵיין עֵצָה: בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אִיךְ** גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט דְרָשׁוֹת פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט טוּן אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט, הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט ווִי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַן עֵצָה אַז מֶען קֶען בֶּעטְן אוֹיף דֶעם זֶעלְבְּסְט, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ דִיר", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַּארְוָואס מִיט אַ חַבֶר קֶען אִיךְ שְׁמוּעֶסְן אוּן מִיט דִיר קֶען אִיךְ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן?!" "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַּארְוָואס קֶען אִיךְ צוּ יֶעדְן רֶעדְן אוֹיסֶער צוּ דִיר, וֶוען אִיךְ טְרַאכְט צוּ רֶעדְן צוּ דִיר, קוּמְט מִיר אַרַיין אִין קָאפּ אַז מָארְגְן וֶועל אִיךְ שׁוֹין רֶעדְן צוּ דִיר".**

**מַיין** קְלֵיינֶער דְרֵיי יֶערִיג קִינְד קוּמְט יֶעדֶע נַאכְט צוּ מַיין וַוייבּ אִינְגַאנְצְן דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר זָאגְט אַז עֶר מֵיינְט אַז עֶר פִּילְט נִישְׁט גוּט, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט ווִי זַיינֶע אוֹיגְן מַאכְן זִיךְ אִים צוּ פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דָאס מֵיינְט... הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז מֶען קֶען דָאס זָאגְן פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר, פַּארְוָואס גֶעשֶׁעט אַז וֶוען אִיךְ הֵייבּ נָאר אָן צוּ רֶעדְן צוּ דִיר מַאכְן זִיךְ מַיינֶע אוֹיגְן צוּ, אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ גֶענִיצְן?"**

## אִיךְ קֶען דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

**וָואס** זָאל אִיךְ עֶנְק זָאגְן טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַז אִיךְ קֶען זִיצְן מִיט בָּחוּרִים שׁוֹין פֶערְצְן יָאר, אִין דְרֵיי וָואכְן אַרוּם עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי פֶערְצְנְטֶע יָאר, אִיךְ הֵייבּ אָן אַ דְרִיטֶע שְׁמִיטָה, עֶטְץ קֶענְטְס אִיבֶּער הֶערְן אַלֶע דְרָשׁוֹת פוּן דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָארְן, וֶועט עֶטְץ זֶען ווִי אַלֶע יָארְן הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט דִי זֶעלְבֶּע דִיבּוּרִים נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, "וֶוער עֶס הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, זָאל זַיין וָואס

עֶס זָאל נָאר זַיין, אִיז דָא אֵיין עֵצָה: בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**אַסַאךְ** מָאל קוּמֶען מֶענְטְשְׁן אַרוֹיף צוּ מִיר אִין אָפִיס, מֶען פַּאקְט אַרָאפּ אַ גַאנְצֶע בַּאגַאדְזְשׁ מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען פְרֶעגְט מִיר: "וָואס טוּט מֶען מִיט דֶעם?" עֶנְטְפֶער אִיךְ: אִיךְ בִּין דִי זֶעלְבֶּע אוּמְוויסְנְד ווי דִיר, אִיךְ קֶען דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, אֵיין עֵצָה הָאבּ אִיךְ פַאר דִיר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

**עֶס** ווערט גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה (עַיֵין בְּסֵפֶר נוֹצֵר חֶסֶד, פֶּרֶק ד', מִשְׁנָה ד'; וּבְדִבְרֵי יְחֶזְקֵאל פָּרָשַׁת עֵקֶב), אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אַזוֹי ווי אִיךְ גֵיי שׁוֹין נִסְתַּלֵק ווערְן פוּן דֶער וֶועלְט, זָאלְט עֶטְץ זוּכְן אַ נַייעֶר רֶבִּי", הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים אִים גֶעפְרֶעגְט: "צוּ וֶועם זָאלְן מִיר גֵיין?" הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֶעבּ עֶנְק אַ סִימָן ווי אַזוֹי מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען צִי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק, אוֹיבּ וֶועט עֶטְץ אִים בֶּעטְן אַן עֵצָה ווי אַזוֹי צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה אוּן עֶר וֶועט עֶנְק גֶעבְּן אַן עֵצָה - זָאלְט עֶטְץ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק בְּלָאף, אָבֶּער אוֹיבּ וֶועט עֶר עֶנְק זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם עֵצָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף' - זָאלְט עֶטְץ גֵיין צוּ אִים".

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר דִי עֵצָה פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וָואס אַרְבֶּעט.

### פַארְוָואס גֵייט מֶען צוּ אַ רֶבִּי?

**פוּן** דֶעם וָואס דִי תַּלְמִידִים פְרֶעגְן פוּן זֵייעֶר נֵייעֶר רֶבִּי עֵצוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם זֶעט מֶען אוֹיךְ פַארְוָואס מֶען זוּכְט אַ רֶבִּי; מֶען זוּכְט אַ רֶבִּי, אַ צַדִיק, וַוייל אִיךְ וויל עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן מִיט תַּכְלִית. אַוַודַאי דַארְף אִיךְ אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ, אַוַודַאי דַארְף אִיךְ אוֹיךְ קִינְדֶער, אַוַודַאי דַארְף אִיךְ אוֹיךְ פַּרְנָסָה, אָבֶּער פַארְוָואס גֵיי אִיךְ צוּ אַ רֶבִּי? - וַוייל אִיךְ וויל עֶר זָאל מִיר מַאכְן שְׁפִּירְן אַ רֵיינְקֵייט, אַ זוֹיבֶּערְקֵייט. עֶס אִיז דָא אַ לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן לט): "וְכֻלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלָל", ווי אַזוֹי מִיר זֶעעֶן אוֹיס זֶעעֶן מִיר נָאךְ זֵייעֶר ווייט פוּן הָאבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "נָאךְ אַ מַזָל אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁטִיקְל הוֹיט וָואס דֶעקְט צוּ דֶעם מֹחַ, וֶוען נִישְׁט ווָאלְטְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיסְגֶעגְרָאבְּן גְרִיבֶּער זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן פוּן גְרוֹיס בּוּשָׁה אַז יֶעדֶער זֶעט וָואס אִיךְ טְרַאכְט..."

**אִינְדְרוֹיסְן** קֶען מֶען אוֹיסְקוּקְן ווי אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִינְגֶערְמַאן, מֶען קֶען הָאבְּן אַ חָשׁוּבְ'עֶ פָּאסְטְן, מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוֹן מִיט אַ שְׁטְרַיימְל, מִיט אַ בֶּעקִיטְשֶׁע, אָבֶּער וָואס טוּט זִיךְ אִינֶעם

קְלֵיינֶעם מֹחַ?! עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה אוֹיסְצוּוֵויינִיגְן דֶעם מֹחַ נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אוּן תְּפִלָּה, נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְאַמָאל זִיךְ בֵּייגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְאַמָאל זִיךְ נֵייטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְאַמָאל קְרֶעכְצְן צוּ אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל **זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ גוּטֶער אִיד, אַ וואוּילֶער אִיד, אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַ דַיָּין, אַ רָב, אִיךְ וִויל זַיין אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד מִיט אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה".**

## דַאוֶוענֶען אָן גֶעפִּיל אוּן גֶעשְׁמַאק

**עֶס** אִיז דָא אַ טָעוּת צְווִישְׁן בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט אוּן פְרוֹיעֶן, מֶען טְרַאכְט: 'וָואס זֶענֶען שׁוֹין וֶוערְד מַיינֶע תְּפִילוֹת, עֶס אִיז אָן גֶעפִּיל, אָן נֶערְוְון, אָן גֶעדוּלְד, אָן טַעַם; דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט פַאר מִיר', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן צט) דֶעם פָּסוּק פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְּבָרִים ג, כג): "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'" - אִיךְ דַאוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג, סֵיי וֶוען אִיךְ הַאלְט דֶערְבֵּיי אוּן סֵיי וֶוען אִיךְ הַאלְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי. אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן וָואס אִיז וֶוערְד צוּ דַאוֶוענֶען אָן דְבֵקוּת, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן דָאךְ (בְּרָכוֹת לד:) אוֹיף רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא, וֶוען עֶר הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוֹיף קְרַאנְקֶע הָאט עֶר גֶעוואוּסְט וֶוער גֵייט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן אוּן וֶוער נִישְׁט, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וואוּ ווֵייסְטוּ דָאס?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ אַ סִימָן, 'אִם שְׁגוּרָה תְּפִלָּתִי בְּפִי', אוֹיבּ מַיין דַאוֶוענֶען אִיז מִיט גֶעפִּיל אוּן גֶעשְׁמַאק, 'יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְקֻבָּל', ווֵייס אִיךְ אַז עֶס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען, אוּן אוֹיבּ אִיז מַיין דַאוֶוענֶען אָן גֶעפִּיל אוּן גֶעשְׁמַאק, 'יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְטֹרָף', ווֵייס אִיךְ אַז עֶס וֶוערְט נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען", קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז וֶוען מֶען אִיז מִתְפַּלֵּל אָן גֶעפִּיל אוּן גֶעשְׁמַאק וֶוערְן דִי תְּפִילוֹת סֵיי וִוי נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען? אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק: "בָּעֵת הַהִוא" - וֶוען אִיךְ וֶועל אֵיין טָאג זוֹכֶה זַיין צוּ דַאוֶוענֶען מִיט דְבֵקוּת, "לֵאמֹר" - דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען וֶועט אַרוֹיס גֵיין מִיט גֶעפִּיל אוּן גֶעשְׁמַאק, וֶועט אוֹיךְ מִיטְגֵיין אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט אָן גֶעפִּיל.

**קֶען** זַיין אַז עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טְרַאכְטְן 'צוּלִיבּ דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט זִיךְ אַהֶער שְׁלֶעפְּן צוּם בָּאטֶע?' פַאר גֶעווִיסֶע אִינְגֶעלַייט נֶעמְט בֵּיידֶע וֶועגְן פוּן זֵייעֶר הוֹיז אַהִין אוּן צוּרִיק דְרֵיי שָׁעָה! 'דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן עֶפֶּעס מֶער פוּן דִי פָּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' - זָאג אִיךְ עֶנְק: וֶוען אִיךְ וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶעפַּאקְט פַאר אֵיינֶעם מַיין בַּאגַאדְזְשׁ וָואלְט אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז יֶענֶער זָאל מִיר זָאגְן: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", אוּן אַז "עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"

## אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה אִין דִי 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל'

**דִי** וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה אִין דִי צַייטוּנְג קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל, אַ קִינְד שְׁרַייבְּט אַ מַעֲשֶׂה גֶעמָאלְן מִיט בִּילְדֶער, עֶס לֵיינְט זִיךְ אַזוֹי: אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט פָאְרן אַ וַוייטֶע וֶועג קַיין מַאנְהֶעטְן צוּ אַ דֶענְטִיסְט (וָואס פַארְרֶעכְט דִי צֵיינֶער), אִיךְ קוּם דָארְט אָן, אוּן דֶער דָאקְטֶער רוּפְט זִיךְ אָן: "מִיר נֶעמֶען נִישְׁט אָן אַייעֶר אִינְשׁוּרֶענְס", הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז דֶער דֶענְטִיסְט זָאל יָא אָנְנֶעמֶען מַיין אִינְשׁוּרֶענְס"**, אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער קוּמְט עֶר צוּרִיק אוּן זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מַיין סוּפֶּערְוַויְיזֶער (אוֹיפְזֶעעֶר) אוּן עֶר זָאגְט אַז מִיר קֶענֶען יָא אָנְנֶעמֶען דִי אִינְשׁוּרֶענְס", שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!

**בַּיי** מִיר אִיז דָאס דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ פוּן דִי גַאנְצֶע צֵייטוּנְג, צוּ זֶען וִוי יוּנְגֶע קִינְדֶער לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס גֵייט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, דָאס אִיז דִי גְּאוּלָּה, דָאס גֵייט זַיין דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אֲפִילוּ קִינְדֶער - וֶועלְן אַנְעֶרְקֶענֶען אוּן לֶעבְּן מִיט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף.

## מִיר הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז!

**דִי** וָואךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּאזוּכְן אִין דִי חֵדֶר אִין קִרְיַת יוֹאֵל; מַיינֶע צְוֵויי מְחוּתָּנִים פִירְן דֶעם חֵדֶר. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן חָשׁוּבְ'עֶ מְחוּתָּנִים פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען אִיךְ וִויל אַ שִׁידוּךְ טוּן פַאר מַיין קִינְד זוּךְ אִיךְ אַזֶעלְכֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז 'הֲפָצָה', עֶס שְׁמֶעקְט מִיר נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁפָּחָה וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע קָאפּ לִיגְט אִין שֵׁיין מַאכְן דִי הוֹיז, לֵייגְן שֵׁיינֶע בֵּיימֶעלֶעךְ אַרוּם דִי הוֹיז. אִיךְ וֵויס אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שִׁידוּכִים טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן, אָבֶּער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג מֶעג מֶען זִיךְ נָאךְ וֶועלְן, בַּיי דִי אַכְצְן מוּז מֶען שׁוֹין כַּאפְּן וָואס מֶען טְרָאגְט אָן.

**אִיךְ** וֵויס נִישְׁט אוֹיבּ אַלֶע וָואלְטְן גֶעוָואלְט שִׁיקְן זֵייעֶר קִינְד אִין דֶעם חֵדֶר, וַוייל לוֹיטְן הַיינְטִיגְן שְׁטֵייגֶער קוּמְט אַ חֵדֶר אַנְדֶערְשׁ, הַיינְט דַארְף אַ כִּתָּה הָאבְּן כָאטְשִׁיג דְרַייסִיג קִינְדֶער, דֶער מְלַמֵּד דַארְף טֵיילְן פֶּעטְשׁ אוּן אוֹיפְנֶעמֶען אוּנְטֶער זִיךְ סְפֶּעצִיעֶלֶע הִילְף פַאר יֶעדְן קִינְד... בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָארְט זִיצְט אַ מְלַמֵּד מִיט אַפָּאר קִינְדֶער, עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי דִי לִימוּדִים פוּן דִי וָואךְ אוּן רֶעדְט מִיט זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס הָאט אַלֶע טַעֲמִים!

**דִי** קִינְדֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם, הָאט מֶען גֶערוּפְן אַ גַאסְט רֶעדְנֶער זָאל דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה, דֶער גַאסְט רֶעדְנֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אוּן גֶעפְרֶעגְט דִי קִינְדֶער: "קִינְדֶער, וָואס וִוילְט עֶטְץ הֶערְן, אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אָדֶער אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה?" עֶנְטְפֶערְן דִי

קִינְדֶער: "אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה!" זָאגְט עֶר וַוייטֶער: "אָבֶּער עֶס גֵייט זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג!" גֶעבְּן אַלֶע קִינְדֶער אַ שְׁרֵיי אוֹיס: "מִיר הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז!" דֶער גַאס רֶעדְנֶער הָאט זִיךְ נָאכְדֶעם אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, אַז עֶר הָאט שׁוֹין דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת אִין אַלֶע חֲדָרִים, אָבֶּער אַזַא זַאךְ הָאט עֶר נָאךְ אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהַאט, אַז דְרַיי פִּיר יֶעריגֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה צוּ קֶענֶען זָאגְן: "מִיר הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז!"

**דָאס** אִיז דִי שֵׁיינְקַייט פוּן אוּנְזֶער קְהִלָּה, דָאס אִיז אוּנְזֶער טְרֵייסְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז 'אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'!

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ צוּגֵיין צוּ קִינְדֶער זֵיי פְרֶעגְן "וָואס מַאכְסְטוּ?" "וָואס הֶערְט זִיךְ?" "פַארְצֵייל מִיר עֶפֶּעס", גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען פְרֶעגְט דָאס פוּן אַ אִינְגְל וָואס לֶערְנְט אִין בְּרֶסְלֶב, וֶועט עֶר רוֹב מָאל צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן: "וָואס מַאכְסְטוּ?" - "בָּרוּךְ הַשֵּׁם"; "וָואס הֶערְט זִיךְ?" - "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; "פַארְצֵייל מִיר עֶפֶּעס, - "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ זֵייעֶר לִיבּ!" בְּשָׁעַת אַנְדֶערֶע קִינְדֶער עֶנְטְפֶערְן טְרִיקְן אָן מַזְכִּיר זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען.

**אַזוֹי וִוי פְרֵייטָאג אִיז גֶעוֶוען 'חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב', אַ טָאג וָואס אִיז מְסוּגָל פַאר שִׁידוּכִים, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן שִׁידוּכִים.**

**דִי סְגוּלָה פוּן פֶערְצִיג טֶעג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה** הָאט גֶעזָאגְט: הַיינְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע טָאג אִין יְשִׁיבָה, אַלֶע בָּחוּרִים הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקַייט צוּ לֶערְנֶען פְלֵייסִיג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדְן טָאג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית - פֶערְצִיג טֶעג אִין אֵיין צִי, פוּן ט"ו בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, אַלֶע טוּעֶן דִי סְגוּלָה וָואס מוֹהֲרַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז אַלֶע וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ[ב].

---

**ב. אַן אוֹיסְצוּג פוּן אַ בְּרִיוו:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, יוֹם ד' פָּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

**אִיךְ וֵויס נִישְׁט צִי דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט מִיט מוֹהֲרָא"שׁ אִין קֶעמְפּ זוּמֶער שְׁנַת תשע"א, דִי דְרִיטֶע יָאר פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה.**

**גְעֶוועֶנְלִיךְ אִיז עֶרֶב שַׁבָּת אַ 'יוֹמָא דְפַגְרָא',** אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דִי בָּחוּרִים דָא וֵוייסְן וָואס 'יוֹמָא דְפַגְרָא' מֵיינְט, אִין אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת רוּפְט מֶען עֶס 'אַ גֶע'פֵיגֶר'טֶע טָאג'... אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָא הָאט מֶען פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, עֶס אִיז שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא פֶעסְטֶע גֶעלוּנְגֶענֶע טָאג אִין יְשִׁיבָה וִוי הַיינְט.

## נָאר מִיט תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ

**בָּחוּרִים** טְרַאכְטְן: 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעבֶּעטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, אִיךְ דַארְף עֶפֶּעס טוּן לְמַעֲשֶׂה...' - וִוילְסְט עֶפֶּעס טוּן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה? אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַן עֵצָה, שְׁטֶעל זִיךְ אִין אַ זַייט אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעבֶּעטְן, אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ"**, דָאס הֵייסְט טוּן לְמַעֲשֶׂה, נָאר מִיט תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

**בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁידוּךְ,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין נָאךְ שִׁידוּכִים בְּקָרוֹב. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶעם זוּמֶער גֵייעֶן אַלֶע בָּחוּרִים חַתַנִים וֶוערְן, אִיךְ וֶועל קֶענֶען צוּמַאכְן דִי יְשִׁיבָה אוּן עֶפֶענֶען אַ כּוֹלֵל,

---

מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ "מַחֲנֵה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב" - עֶלֶענְוִויל נְיוּ יָארְק. אוּן עֶס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חַתַנִים אִין יְשִׁיבָה; מֶען הָאט אוּנְז מְבַזֶה גֶעוֶוען אוֹיף אַ שְׁרֶעקְלִיכְן אוֹפָן, מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף דִי יְשִׁיבָה וְכוּ' וָואס דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שִׁידוּכִים, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה פַאר אַן אֵיידֶעם. יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אֵיינֶעם אוּן יֶענֶער הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר לֶערְנְט אִין בְּרֶסְלֶב, הָאט יֶענֶער גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעהַאקְט דֶעם טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט גֶעבֶּעטְן מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל גֶעבְּן בְּרָכוֹת פַאר דִי בָּחוּרִים אַז עֶס זָאל זַיין שִׁידוּכִים, וַוייל דִי בָּחוּרִים וֵוינֶען צוּ מִיר אַז זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ'. מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר גֵייט קוּמֶען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אִין קֶעמְפּ מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען שִׁידוּכִים. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, מוֹהֲרַ"אשׁ אִיז גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, בַּיי דִי דְרָשָׁה הָאט מוֹהֲרַ"אשׁ גֶעזָאגְט אַזוֹי: "אִיךְ זָאג צוּ פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיבֶּעצְן יָאר אוּן הֶעכֶער, יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית - פוּן ט"ו אָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, כַּאֲשֶׁר אָמַר כֵּן הָיָה, עֶס הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שִׁידוּכִים אֵיינְס נָאכ'ן צְווייטְן; אַלֶע זֶענֶען חַתַנִים גֶעוָוארְן אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זֵיי הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן! יֶעצְט גֵייט אוֹיךְ אָן דִי בְּרָכָה פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ, אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען מַסֶּכֶת תַּעֲנִית פוּן דֶעם פְרַייטָאג ט"ו בְּאָב אוּן לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע מַסֶּכְתָּא יֶעדְן טָאג פַאר פֶערְצִיג טֶעג אִין אֵיין צִי וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל. (קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת רְאֵה תשע"ט)

מֶען וֶועט אַרְבֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן נָאכְמִיטָאג וֶועט מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן!

## מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שִׁידוּכִים

**עֶלְטֶערְן** פְּרֶעגְן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב: "וואו זֶענֶען דִי שִׁידוּכִים?" - מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט, צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען יָא דָא - אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא: שִׁידוּכִים אוּן פַּרְנָסָה; עֶס אִיז דָא פַּאר יֶעדְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן עֶס אִיז דָא פַּאר יֶעדְן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, נָאר מֶען וֶועלְט זִיךְ, מֶען נֶעמְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה וַוייל מֶען טְרַאכְט 'וָואס וֶועט מַיין חַבֵר זָאגְן?' אוּן מֶען טוּט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ וַוייל אוֹיבּ מֶען וֶועט מִיר פְרֶעגְן 'מִיט וֶועם הָאסְטוּ אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּן?' וֶועל אִיךְ זִיךְ שֶׁעמֶען צוּ עֶנְטְפֶערְן יֶענֶעמְ'ס מָאדְנֶע מִשְׁפָּחָה נָאמֶען. דָאס מֵיינְט אַז דֶער קָאפּ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי קַאלַאטְשְׁן... דוּ הָאסְט דָאךְ אַ פֵיינֶע שִׁידוּךְ, מַאךְ חֲתוּנָה דַיין קִינְד!

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהֶערְט אַ גוּט וָוארְט פוּן הַמֵּפִיץ ר' ... נֵרוֹ יָאִיר. וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין אַ פִּיצַא גֶעשֶׁעפְט, נֶעמְט מֶען וֶועלְכֶע פִּיצַא דֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט, וֶוען מֶען וִויל דִינְגֶען אַ קַאר גֵייט מֶען צוּם קַאר דִילֶער אוּן מֶען נֶעמְט דִי בֶּעסְטֶע קַאר וָואס עֶר לֵייגְט פָאר, אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין אַ גְלֶעזֶער גֶעשֶׁעפְט, נֶעמְט מֶען דִי שֶׁענְסְטֶע גְלֶעזֶער, דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען נִישְׁט: 'אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט מַיין בַּאשֶׁערְטֶע פִּיצַא?' 'אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט מַיין בַּאשֶׁערְטֶע קַאר?' 'אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט מַיין בַּאשֶׁערְטֶע גְלֶעזֶער?' פְּלוּצְלִינְג וֶוען מֶען טְרָאגְט אָן אַ שִׁידוּךְ הוֹיבְּט מֶען אָן זָאגְן: 'אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט מַיין בַּאשֶׁערְטֶע?'...

## דִי יָארְן גֵייעֶן פַארְבֵּיי

**בִּיז** יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי עֶלְטֶערְן, יֶעצְט וִויל אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים. טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט שְׁרֵייעֶן: "אַל תְּהִי בַּרְרָן", "אַל תְּהִי בַּרְרָן", וֶועל זִיךְ נִישְׁט, דִי יָארְן גֵייעֶן פַארְבֵּיי, דוּ דַארְפְסְט בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוֹיף דִי וֶועלְט. מַאכְטְס עֶנְק נִישְׁט נַארִישׁ, זָאגְטְס נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידוּכִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן וֶועלְכֶע אָפְּשְׁטַאמִיגֶע זִי אִיז, צִי אַ סְפַרְדִי'שֶׁע אָדֶער אַן אַשְׁכְּנַזִי'שֶׁע.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן, הָאט עֶר גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט יֶעדֶע עֶרְלִיכֶע מֵיידְל, נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן וואו זִי קוּמְט אוּן פוּן וֶועלְכֶע אָפְּשְׁטַאם.

דִי יָארְן גֵייעֶן פַארְבֵּיי! אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דָא אַ לִיד: "יָארְן יָארְן אַוִוי זֶענְט אִיר פַארְפָארְן, צִי זֶענְט אִיר אִין וַואסֶער דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, צִי זֶענְט אִיר אִין פֵייעֶר פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, טוּט מִיר מַיין הַארְץ בְּרוּמֶען". עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן

פְּרִיָּה וּרְבִיָּה, מֶען דַארְף בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**זָאג** צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידוּךְ, אוֹיבּ אִיז דֶער שִׁידוּךְ נִישְׁט בַּאשֶׁערְט זָאל יֶענֶער אָפְּזָאגְן**". אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַּאר אַ בָּחוּר, זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר דַארְף נִישְׁט דֶעם שִׁידוּךְ, עֶר דַארְף מֶער אַ מָאגֶערֶע כַּלָּה, אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ: וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר?! מֵילָא אוֹיבּ זִי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט אָדֶער נִישְׁט עֶרְלִיךְ, זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן דֶעם שִׁידוּךְ, אָבֶער אַז זִי אִיז גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ, פַארְוָואס זָאגְסְטוּ אָפּ דֶעם שִׁידוּךְ?!

**אַז** מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן הָאט זִי אַלֶע חֵן אַז דוּ וֶועסְט פַארְמַאכְן דַיין טֶעלֶעפָאוֹן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן**", וֶועסְטוּ שׁוֹין זֶען וִוי זִי וֶועט הָאבְּן אַלֶע חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן. אִינְגֶעלַייט זֶענֶען מִיר דָאס מוֹדֶה; אֵיין טָאג קוּמְט מֶען מִיר זָאגְן: "שְׁכֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַּאר מַיין שִׁידוּךְ, עֶס אִיז דִי בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע אוֹיף דֶער וֶועלְט", דֶעם אַנְדֶערְן טָאג זָאגְט מֶען מִיר: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ מַיין ווייבּ?!" פְרֶעג אִיךְ: "וָואס הָאט פַּאסִירְט? נֶעכְטְן בִּיסְטוּ דָאךְ גֶעקוּמֶען זִיךְ בַּאדַאנְקֶען וִוי גוּט דַיין לֶעבְּן אִיז, אוּן הַיינְט קְרֶעכְצְסְטוּ?!" דֶער עֶנְטְפֶער אִיז פָּשׁוּט, אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אִיז גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים, מֶען הָאט הַנָאָה צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אַז מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען גֵייט אַ גַאנְצֶע נַאכְט פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים וְכוּ', פַארְלִירְט מֶען דָאס גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ, בִּיז מֶען זוּכְט שׁוֹין יֶעדְן טָאג אַ תֵּירוּץ נִישְׁט אַהֵיים צוּ גֵיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן - שַׁבַּת נַחֲמוּ, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

אִינְדֶערְפְרִי אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִין קַאנְטְרִי "אִילַן הַחַיִּים"[ג]. נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א', מֵאֲבֵדַת בַּת הַמֶּלֶךְ, אוּן גֶערֶעדְט הֶערְלִיכֶע דִּבְרֵי הִתְחַזְּקוּת בְּעִנְיַן 'שְׁלוֹם בַּיִת' אַז מֶען קֶען עֶס נָאר הָאבְּן אוֹיבּ מֶען הִיט זִיךְ דִּי אוֹיגְן.

**אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** אֵיידֶער דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן דִּי דְרַייצְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן סֵפֶר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קנא, וְעַיֵּין בְּהַקְדָּמַת סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת): "אַזוֹי וִוי אִיר הֶערְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס מַיינֶע תּוֹרוֹת, וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת".

אַזוֹי וִוי אַ גוּטֶער מְלַמֵּד וָואס וִויל זָאגְן מוּסָר פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, וֵוייסְט עֶר אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זָאגְן "מֶען זָאל אוֹיפְמִישְׁן אַ 'מוּסָר סֵפֶר'", וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן וָואס עֶר זָאגְט, גֵייט עֶר מִיט חָכְמָה, עֶר זָאגְט: "יֶעדֶער קֶען צוּמַאכְן דִּי גְמָרָא, אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה", דַאן הֶערְן זִיךְ אַלֶע קִינְדֶער צוּ, אוּן אִינְמִיטְן דִּי מַעֲשֶׂה דְרֵייְדְט עֶר

---

ג. אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ מַחֲנֶה אִילַן הַחַיִּים אִיז גֶעוֶוען שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט עֶס גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו, מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס אַרָאפּ:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ, יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִין קַאנְטְרִי "אִילַן הַחַיִּים", מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע שְׁפַּאצִיר מִיט דִּי בַּחוּרִים.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט מֶען מִיר דֶערְצֵיילְט צְוֵויי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִּיר, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַזַא נַחַת צוּ הֶערְן דִּי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת.

אֵיינְס, אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ דֶעלִיוֶוערִי צוּם תַּלְמוּד תּוֹרָה, פוּן בְּרוֹיט, אוּן דִּי טְרָאק הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן. דֶער דְרַייוֶוער, אַ אִיד מִיט אַ וַוייסֶע בָּארְד הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן אַ מִיאוּסֶ'ע וָוארְט, דוּ הָאסְט אִים גֶעפְּרֶעגְט: "אַזוֹי רֶעדְט אַ אִיד?!" דֶער דְרַייוֶוער הָאט נָאךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעהַאט, אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז אָנְגֶעטוּן מִיט אַ שְׁוַוארְצֶע אַרְבֶּעטְס הֶעמְד, זָאל אִים פַארְהַאלְטְן אוֹיף נִיבּוּל פֶּה...

דִּי צְווייטֶע מַעֲשֶׂה, אַ בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם מְנַהֵל נֵרוֹ יָאִיר דֶערְצֵיילְן אַז דֶער קֶעבֶער הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן אוּן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן קָאךְ, דֶער מְנַהֵל זָאגְט אִים: "דָאס קֶען נִישְׁט זַיין, אוּנְזֶער קֶעבֶער שְׁלָאגְט

אַרַיין מִיט חָכְמָה אַלֶע זַיינֶע מוּסָר און הֲלָכוֹת.

**דָאס** טוּט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנז, דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז דְרַייצְן מַעֲשִׂיוֹת, וָואס וֶוער עֶס לֶערְנְט עֶס שְׁפִּירְט ווי דֶער רֶבִּי מֵיינְט אִים, דָאס הַארְץ הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער מֶענְטְשׁ קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כה): "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת וֶועקְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף"; דִי מַעֲשִׂיוֹת בְּרֶענְגֶען צוּרִיק אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

## אַז מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן גֵייט מֶען דוּרְךְ דִי וֶועג בְּשָׁלוֹם

**אֵיידֶער** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה, פוּן דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִין וֶועג הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, וָואס וֶוער עֶס הָאט אִיר גֶעהֶערְט הָאט גֶעהַאט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה".

**מוֹהֲרָא"ש** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין דִי הַקְדָּמָה פוּנֶעם פֵּרוּשׁ "נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן: פוּן וֶועלְכֶע וֶועג רֶעדְט דֶער רֶבִּי? נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ בְּמֶשֶׁךְ זַיין לֶעבְּן אַ לַאנְגֶע וֶועג, עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן דֶער רֶגַע וָואס עֶר קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט און עֶס צִיט זִיךְ בִּיז דִי לֶעצְטֶע רֶגַע וָואס עֶר לֶעבְּט. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "אִין וֶועג הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי מַעֲשֶׂה וֶוען מִיר זֶענֶען אִינְמִיטְן וֶועג וָואס מִיר גֵייעֶן דוּרְךְ בְּמֶשֶׁךְ אוּנְזֶער לֶעבְּן, "וָואס וֶוער עֶס הָאט אִיר גֶעהֶערְט הָאט גֶעהַאט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה", מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם לַאנְגְן וֶועג פוּן דִי זִיבֶּעצִיג יָאר, אָן וִויסְן בִּכְלַל פַארְוָואס מֶען לֶעבְּט, זַייעֶנְדִיג פַארְנוּמֶען דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶער אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן רֶבִּי'ן, בַּאקוּמְט מֶען אַן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, און מֶען גֵייט אוֹיפְ'ן אֱמֶת'ן וֶועג דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן.

**עֶס** אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען דִי הַקְדָּמוֹת וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִין זַיינֶע

---

נִישְׁט, אוּנְזֶער קֶעבֶער אִיז פוּן דִי אֵיידְלְסְטֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה"; בִּיז דֶער בָּחוּר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט שְׁמוּצִיג, עֶר הָאט גֶערֶעדְט נִיבּוּל פֶּה - הָאסְטוּ אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן.

אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז עֶס אִיז דָא אִין יְשִׁיבָה אַפָּאר בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה; וִויפִיל אִיךְ רֶעד בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן דָאס הַארְבְּקֵייט, דִי סַכָּנָה דֶערְפוּן - קֶען אִיךְ דָאס נִישְׁט פוּעֶל'ן. דוּ זָאלְסְט זַיין פֶעלְזְן פֶעסְט, נִישְׁט לָאזְן בַּיי דִיר אִין קָאךְ בָּחוּרִים אָן יִרְאַת שָׁמַיִם.

שְׁרַייבּ מִיר אַ בְּרִיוו, וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת רְאֵה תשפ"ב, קוּנְטְרֵס 268)

סְפָרִים. גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְש גֶעבְּט אַרוֹיס אַ סֵפֶר אִיז דִי הַקְדָמָה גֶעמַאכְט זִיךְ צוּ אַנְטְשׁוּלְדִיגְן, דֶער מְחַבֵּר פַארְעֶנְטְפֶערְט זִיךְ אַפָּאר בְּלֶעטֶער אַז בֶּאֱמֶת הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר, נָאר ... עֶס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט מְלִיצוֹת אוּן חֲרוּזִים, וִוי 'יִשְׂמְחוּ הַ'שָּׁמַיִם וְ'תָגֵל הָ'אָרֶץ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "הֲוָיָ"ה"... אָבֶער בַּיי דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זֶענֶען פִיל מָאל דֶער הַקְדָמָה נָאךְ מֶער זַאפְטִיגֶער אוּן פֶעטֶער וִוי דִי גַאנְצֶע סֵפֶר, וִוי מֶען זֶעט דָא אִין דִי הַקְדָמָה פוּנֶעם סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן, אוּן אִין דִי הַקְדָמָה פוּנֶעם סֵפֶר שְׁמִירַת הַבְּרִית, - אַז דִי הַקְדָמָה אִיז רַייכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע סֵפֶר.

**אוֹיךְ** זֶענֶען דָא עֶטְלִיכֶע סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס דִי גַאנְצֶע סֵפֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דֶעם וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן אַן הַקְדָמָה אוֹיף אַ סֵפֶר אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר לַאנְג אוּן רַייךְ, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סֵפֶר.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט:** מֶען פִירְט זִיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ צוּ רֶעדְן שַׁבָּת אִינֶדערְפְרִי פוּן 'שָׁלוֹם בַּיִת'.

**דָא** אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא אֵיין תַּקָנָה, מֶען מוּז הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, נָאר וֶוער עֶס הָאט שָׁלוֹם בַּיִת קֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל.

**דֶער יְסוֹד אִין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן**

**שָׁלוֹם** בַּיִת קֶען מֶען נָאר הָאבְּן אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שָׁלוֹם בַּיִת. אַז מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן, אוּן מֶען קוּקְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, אָדֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ טֶעלֶעפָאן, אֵייפַּאד, לֶעפְּטַאפּ וְכַדוֹמֶה לָזֶה וואוּ מֶען קֶען צַאמְקוּקְן אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן, אוּן עֶר קוּקְט דֶערוֹיף, פַארְלִירְט עֶר נֶעבֶּעךְ זַיין לֶעבְּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר פַארְלִירְט זַיין גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט אַהֵיימְגֵיין צוּ זַיין וַוייבּ, ווייל זַיין וַוייבּ אִיז אִים שׁוֹין נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט. דֶערִיבֶּער אִיז דֶער יְסוֹד אִין שָׁלוֹם בַּיִת זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן.

**נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין אִינְטֶערְנֶעט** גְלַייךְ וֶוען מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאכְן הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דִי הַנְהָלָה אַז אִיךְ דַארְף אַ קִיאַסְק, אַז דִי מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין אִינְטֶערְנֶעט. הַיינְט אִיז אַ וֶועלְט אַז מֶען נִיצְט אִינְטֶערְנֶעט אוֹיף אַיינְצוּקוֹיפְן זַאכְן, וַוייל דָארְט אִיז עֶס פִיל בִּילִיגֶער. אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט דָארְט קוֹיפְן וַוייל מֶען דַארְף עֶנְדֶערְשׁ קוֹיפְן בַּיי אַ אִיד, וַוייל דָאס אִיז נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיבּ בַּיים אִיד אִיז עֶס

נָאר 'אַבִּיסְל' טֵייעֶרער, נִישְׁט וֶוען עֶס אִיז פִּיל טֵייעֶרער, מֶען אִיז נִישְׁט מְחִיוּב צוּ וֶוערְן אַ בַּעַל חוֹב צוּלִיבּ דֶעם. אוֹיךְ נִיצְט מֶען עֶס צוּ קוּקְן אִימֶעיל'ס וְכַדוֹמֶה. אוּן אוֹיבּ וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן צוּטְרִיט צוּם אִינְטֶערְנֶעט אוֹיף אַ שֵׁיינֶע בַּאקְוֶועמֶע וֶועג, וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין בְּרֵירָה אוּן אַריין בְּרֶענְגֶען דֶעם אִינְטֶערְנֶעט אִין שְׁטוּבּ רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

**לְמַעֲשֶׂה** טוּט מִיר וֵויי אַז מִיר הַאלְטְן יֶעצְט דְרֵיי יָאר פוּנֶעם שְׁטֶעטְל אוּן עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא קַיין קִיאַסְק, דִי קִיאַסְק וָואס אִיז יֶעצְט דָא אִיז סְתַם חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן, וואוּ קִיאַסְק, וָואס קִיאַסְק... עֶס אִיז טוּנְקְל, אָן קַיין עֶירְקָאנְדִישָׁאן, מִיט פַארְשְׁטָאפְּטֶע בֵּית הַכִּסֵא'ס... אִיךְ טְרַאכְט אַוֶועק צוּ גֶעבְּן מַיין דִירָה הֶעכֶער דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ פַארְ'ן קִיאַסְק, וַוייל עֶס קוּקְט נִישְׁט אוֹיס בִּיז דֶערְוַוייל אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ אַרוֹיסְצִיעֶן בִּיז אַ יָאר אִין שְׁטֶעטְל. עֶס הָאט גֶעהֵייסְן אַז אִיךְ וֶועל מַאכְן דִי כּוֹלֵל בַּיי מִיר אִין דִי דִירָה, לְמַעֲשֶׂה, דֶער דַיָין שְׁלִיטָ"א, דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל - וְוִיל עֶנְדֶערְשׁ עֶס זָאל בְּלַייבְּן אוּנְטְן אִין שׁוּל.

**אַ** אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז עֶר אִיז מַסְכִּים אַוֶועק צוּ גֶעבְּן זַיין בֶּעיסְמֶענְט פַאר אַ קִיאַסְק, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִים גֶעזָאגְט, אִיךְ וְוִיל זֵייעֶר דִי קִיאַסְק זָאל זַיין אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט בַּאקְוֶועם אוּן גֶעשְׁמַאק, אַלֶע זָאלְן הַנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן, אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּבּ; אַ קִיאַסְק דַארְף הָאבְּן אַ הוֹיכֶע דַאךְ, עֶס זָאל זַיין לִיכְטִיג אוּן לוּפְטִיג, עֶס זָאל צִיעֶן מֶענְטְשְׁן צוּ קוּמֶען, נִישְׁט נָאכְאַמָאל אִין אַ פַארְשְׁטוּפְּטֶע בֶּעיסְמֶענְט[ד].

**אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ זַיין פַאר אִים דִי סְטֶעטוּס?**

**אַ** פְּרוֹי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ מִיר, אִיר מַאן אִיז אִין שְׁטָאט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, סוֹף וָואךְ קוּמְט עֶר אַרוֹיס צוּ זַיין מִיט אִיר, זִי זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ נֶעבְּן אִים צוּ קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט

ד. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְמַאנְט דֶער עִנְיָן אִין אַ בְּרִיוו פוּן עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס אַרָאפּ:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אֶפְשָׁר דָאךְ קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן? אִיךְ וְוִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דָא אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן דִי אִינְגֶעלַייט זַיין רֵיין אוּן זוֹיבֶּער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם כֵּלִים. גְלַייךְ וֶוען מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאכְן הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דִי הַנְהָלָה אַז אִיךְ דַארְף אַ קִיאַסְק, אִיךְ וְוִיל נִישְׁט אִינְגֶעלַייט זָאלְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין כֵּלִים.

אִים, און עֶר אִיז אַ גַאנְצְן צַייט נָאר פַּארְנוּמֶען מִיט זַיין טֶעלֶעפָאוֹן, צוּ קוּקְן סְטֶעטוּס. זִי פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע וֶועגְן צוּ כַאפְּן אַ שְׁמוּעֶס מִיט אִים, זִי פְרֶעגְט אִים: ״אֶפְשָׁר דַארְפְסְטוּ עֶסְן, אֶפְשָׁר דַארְפְסְטוּ אַ טְרִינְק?״ און עֶר עֶנְטְפֶערְט: ״סְ׳אִיז גוּט״ - און עֶר קוּקְט וַוייטֶער אִין זַיין טֶעלֶעפָאוֹן. דֶער אִינְגֶערְמַאן מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶר כַאפְּט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט וָואס עֶר טוּט, און זִי וֵויינְט נֶעבֶּעךְ: ״דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין מַאן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?״ דִי פְּרוֹי וֵויינְט: ״אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ זַיין פַאר אִים דִי סְטֶעטוּס; אַנְשְׁטָאט קוּקְן נָארִישֶׁע סְטֶעטוּס - זָאל עֶר קוּקְן אוֹיף מִיר, לֶעבְן מִיט מִיר״.

---

מִיר הַאלְטְן יֶעצְט דְרֵיי יָאר פוּנֶעם שְׁטֶעטְל און עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא. אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר, וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן דִי שְׁטֶעטְל, וָואס דַארְף אִיךְ אַ שְׁטֶעטְל? אִיךְ וִויל דָאךְ נָאר דָאס, אַז מֶען זָאל לֶעבְן דָא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

יֶעדְן צְווֵייטְן טָאג הֶער אִיךְ אַז נָאךְ און נָאךְ קוֹיפְן זִיךְ טֶעלֶעפָאוֹנְס, טֶעבְּלֶעט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְן; זֵיי זֶענֶען גֶערֶעכְט, מֶען דַארְף קֶענֶען זֶען אִימֶעילְס, מֶען דַארְף קֶענֶען זֶען דִי בַּאנְק וְכוּ׳ וְכוּ׳; אֶפְשָׁר דָאךְ קֶענְסְטוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ.

דִי קִיאַסְק וָואס אִיז יֶעצְט דָא אִיז סְתָם חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן און פוּן מִיר; וואוּ קִיאַסְק, וָואס קִיאַסְק... אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ נֶעמֶען מַיין דִירָה הֶעכֶער דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ? אִיךְ וֶועל פְרֶעגְן מַיין וַוייבּ אוֹיבּ עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט, אוֹיבּ זִי אִיז מַסְכִּים. עֶס הָאט גֶעהֵייסְן אַז אִיךְ וֶועל מַאכְן דִי כּוֹלֵל בַּיי מִיר אִין דִי דִירָה, לְמַעֲשֶׂה, דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ״א, דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל - ווִיל עֶנְדֶערְשׁ עֶס זָאל בְּלַייבְּן אוּנְטְן אִין שׁוּל.

גֶעדֶענְק וָואס אִיךְ זָאג דִיר, דִי אַלֶע וָואס פִירְן זִיךְ בִּתְמִימוּת, זֵיי פָאלְגְן צַדִיקִים, פָאלְגְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם כֵּלִי וָואס הָאט אִינְטֶערְנֶעט - דִי וֶועלְן בְּלַייבְּן מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, און דִי אִיבֶּער חֲכָמִים וָואס מַאכְן חוֹזֵק פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים און הַאלְטְן זִיךְ קְלוּגֶער, וֶוער וֵוייסְט וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי דוֹרוֹת הַבָּאִים...

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט זֶעכְצִיג יָאר צוּרִיק, דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעשְׁטוּרֶעמְט אַ וֶועלְט מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ קַיין טֶעלֶעוִויזְשְׁן מִיט רַאדִיאָ, דִי וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט - דִי הָאבְּן אֵיינִיקְלֶעךְ און אִיר אֵיינִיקְלֶעךְ נֶאֱמָנִים לַה׳, און דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעלַאכְט, זֵייעֶרֶע אֵיינִיקְלֶעךְ נֶעבֶּעךְ זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; הָאסְט דָאךְ אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ אַ שֵׁיינֶעם פֶעלְד, קֶענְסְט אַרוּמְגֵיין אִין דַיין פֶעלְד צְווִישְׁן דִי גְרָאז און זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

**״טַאטֶע, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט און בְּרִיט, עֶר לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ, עֶר וַוארְפְט מִיר כְּסֵדֶר אַרָאפּ; טַאטֶע, ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר, עֶס גֶעבְּט זִיךְ גָארְנִישְׁט קַיין רִיר, אִיךְ וֶוער נָאר אַלְץ וַוייטֶער און וַוייטֶער פוּן דִיר, טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר״.**

אוֹי ווִי זִיס, אוֹי ווִי גֶעשְׁמַאק - וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְ׳ן בַּאשֶׁעפֶער, דִי לֶעבְן וֶוערְט אַ גוּטֶע זַאךְ, מֶען הָאט אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם.

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת עֵקֶב תשפ״ב, קוּנְטְרֵס 267)

**הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ קוּקְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט: וַוארְף שׁוֹין אַוֶועק דַיין סְטֶעטוּס! פַארְוָואס בִּיסְטוּ קְלוּגֶער פוּן צַדִּיקִים?!**

**אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אַ אִינְגֶערְמַאן:** ״גֶט זִיךְ נִישְׁט, טוּ עֶס נִישְׁט פַאר דִיר, אוּן טוּ עֶס נִישְׁט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער״, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן זַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ, עֶר הָאט אִיר אָפְּגֶעגֶ׳גְט אוּן זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען הַיינְט נֶעבֶּעךְ לֶעבֶּעדִיגֶע יְתוֹמִים, עֶר הָאט נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ צְוֵוייטֶע, פָארִיגֶע וָואךְ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ מִיר, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן: ״רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ אַוֶועק נֶעמֶען דִי פְרוֹי פוּן מִיר, אִיךְ קֶען אִיר נִישְׁט לַיידְן, מַיין לֶעבְּן מִיט אִיר אִיז פִיל עֶרְגֶער פוּן דָאס לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מִיט מַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ גֵיי אִיר אָפְּגֶטְ׳ן אוּן אִיךְ גֵיי זִיךְ טְרֶעפְן גְלִיקְן, אִיךְ וָואלְט שׁוֹין הַיינְט גֶערְן צוּרִיק גֶעדְרֵייט דֶעם זֵייגֶער, אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה בַּיי מַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶטְ׳ן...״

**וָואס** קֶען אִיךְ אִים יֶעצְט הֶעלְפְן? קוּק זִיךְ אַלֵיינְס אָן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ קְלוּגֶער פוּן צַדִּיקִים? פַארְוָואס בִּיסְטוּ קְלוּגֶער פוּן מוֹהֲרָא״שׁ?! לָאז שׁוֹין אָפּ דַיין טֶעלֶעפָאוֹן, הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ קוּקְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן לָאזְט דָאס נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, אַזוֹיפִיל אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ גֶטְ׳ן זִיךְ נָאר צוּלִיבּ דֶעם.

**וַוארְף שׁוֹין אַוֶועק דַיין פַארְשָׁאלְטֶענֶעם סָאוֹשֶׁעל מִידְיֶע**

**אַ** אִינְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן: ״אִיךְ הֶער אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה דֶערְפוּן, אוּן פוּן דִי עֵצוֹת אִין שָׁלוֹם בַּיִת. אֵיין זַאךְ בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְוָואגוּג, אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן אִיר״, דֶער אִינְגֶערְמַאן שְׁרַייבְּט: ״אִיךְ מֵיין נִישְׁט צוּ לֶעבְּן פַאר יֶענֶעם, אָבֶּער וֶוען אִיךְ גֵיי אִין גַאס מִיט מַיין וַוייבּ שְׁטֶערְט מִיר עֶס״...

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעוֵויינְט פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ:** ״וַוארְף שׁוֹין אַוֶועק דַיין פַארְשָׁאלְטֶענֶעם ׳סָאוֹשֶׁעל מִידְיֶע׳ וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט דִיר שׁוֹין נִישְׁט בַּאדֶערְן וִוי אַזוֹי דַיין וַוייבּ גֵייט אִין גַאס... דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן זֶען דָאס גוּטְס פוּן דַיין וַוייבּ״.

**אִיךְ לָאז נִישְׁט אָפּ מַיין וִוילְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**

**מִיר** דַארְפְן דַאנְקְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אוּנְז מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן

רֶבִּי'ן, וָואס לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם גוּטְן ווילְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט: אֲפִילוּ אִיךְ קוּק וָואס אִיךְ קוּק, אִיךְ טוּ וָואס אִיךְ טוּ, אִיךְ בִּין וָואס אִיךְ בִּין, דָאךְ לָאז אִיךְ נִישְׁט אָפּ מַיין ווילְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**אַז** מֶען בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ וויל מֶער נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן"**, וֶועט מֶען צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**נָאכְדֶעם** הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ".

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן - שַׁבַּת נַחֲמוּ, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן צט.

**אֵיידֶער** דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ שׁוֹין אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

### לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן צט

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, עֶס שְׁטֵייט דִי וָואךְ אִין דִי סֶדְרָה (דְּבָרִים א, ט): **וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִיא**, משֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶענֶע צַייט, **לֵאמֹר**, אַזוֹי צוּ זָאגְן.

**זָאגְט** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְּשַׁט אַזוֹי: **דְּהִנֵּה הָאָדָם צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס דְּבֵקוּת, **אַךְ אִם לִפְעָמִים יֵשׁ עֵת, שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת**, עֶס אִיז אָבֶּער דָא צַייטְן וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען בִּדְבֵקוּת אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען אִיז נִישְׁט דֶערְבֵּיי, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּם דַאוֶוענֶען, **אַל יֹאמַר: אֵינִי מִתְפַּלֵּל כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְכַוֵּן כָּרָאוּי וּלְהִתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת, וְהַתְּפִלָּה אֵינָהּ מְקֻבֶּלֶת**, זָאל עֶר נִישְׁט זָאגְן: "אִיךְ דַאוֶוען נִישְׁט, ווייבּאלְד אִיךְ קֶען סַיי וִוי נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן גֶעהֶערִיג", **וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עַל רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא, שֶׁהָיָה מִתְפַּלֵּל וְכוּ', אָמְרוּ לוֹ וְכוּ', אָמַר לָהֶם אִם שְׁגוּרָה תְּפִלָּתִי בְּפִי יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְקֻבָּל, וְאִם לָאו יוֹדֵעַ וְכוּ'. וְזֶהוּ עַל דֶּרֶךְ שֶׁאָמַרְנוּ: אִם בִּדְבֵקוּת, שֶׁאָז הַתְּפִלָּה שְׁגוּרָה וּמְרֻצָּה בְּפִיו, מְקֻבֶּלֶת, וְאִם לָאו, חַס וְשָׁלוֹם, לְהֵפֶךְ**, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת לד:) אוֹיף רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא, וָוען עֶר הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוֹיף קְרַאנְקֶע הָאט עֶר גֶעוואוּסְט וֶוער גֵייט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן אוּן וֶוער נִישְׁט, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וואו ווייסְטוּ דָאס?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ אַ סִימָן, 'אִם שְׁגוּרָה תְּפִלָּתִי בְּפִי', אוֹיבּ מַיין דַאוֶוענֶען אִיז מִיט גֶעפִיל אוּן גֶעשְׁמַאק, 'יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְקֻבָּל', ווייס אִיךְ אַז עֶס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען, אוּן אוֹיבּ אִיז מַיין דַאוֶוענֶען אָן גֶעפִיל אוּן גֶעשְׁמַאק, 'יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְטֹרָף', ווייס אִיךְ אַז עֶס וֶוערְט נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען". **אַף עַל פִּי כֵן אַל יֹאמַר הָאָדָם כֵּן**, מִיט

דֶעם אַלֶעם זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן דַאווְענֶען, **אֶלָּא יִתְפַּלֵּל תָּמִיד,** נָאר שְׁטֶענְדִיג דַאוְוענֶען.

**וְאִם לֹא יוּכַל לְהִתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת כָּרָאוּי, יִתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ,** אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאוְוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אָן גֶעפִיל, **כִּי בְּעֵת שֶׁיִּתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת כָּרָאוּי, אֲזַי יַעֲלֶה כָּל הַתְּפִלּוֹת עִם הַתְּפִלָּה הַהִיא שֶׁהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי,** וַוייל בַּאלְד וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ גוּטֶע מִינוּט, עֶר וֶועט דַאוְוענֶען מִיט גֶעפִיל, וֶועט אַרוֹיפְגֵיין דִי גוּטֶע תְּפִלָּה צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעדַאוְוענְט אָן גֶעפִיל.

**דֶער** רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אַרַיין אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וְזֶה: **וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳,** תָּמִיד, 'וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳' - אִיךְ דַאוְוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג, **בֵּין בִּדְבֵקוּת בֵּין שֶׁלֹּא בִּדְבֵקוּת,** סַיי וֶוען אִיךְ הַאלְט דֶערְבֵּיי אוּן סַיי וֶוען אִיךְ הַאלְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי. אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן וָואס אִיז וֶוערְד צוּ דַאוְוענֶען אָן דְבֵקוּת, דִי תְּפִלּוֹת וֶוערְן דָאךְ סַיי וִוי נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען? אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער: **בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר, הַיְנוּ בְּעֵת שֶׁאֶזְכֶּה לְהִתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת: שְׁגוּרָה תְּפִלָּתִי בְּפִי,** 'בָּעֵת הַהִוא' - וֶוען אִיךְ וֶועל אֵיין טָאג זוֹכֶה זַיין צוּ דַאוְוענֶען מִיט דְבֵקוּת, **וְהַיְנוּ: בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר, שֶׁהַדְּבָרִים נֶאֱמָרִים וּמְרֻצִּים בְּפִיו מֵחֲמַת שֶׁמִּתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת,** 'לֵאמֹר' - דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוְוענֶען וֶועט אַרוֹיס גֵיין מִיט גֶעפִיל אוּן גֶעשְׁמַאק, **אָז יַעֲלֶה כָּל הַתְּפִלּוֹת שֶׁהִתְפַּלֵּל עַד עַתָּה כַּנַּ"ל,** וֶועט אוֹיךְ מִיטְגֵיין אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוְוענְט אָן גֶעפִיל.

## אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ גוּטֶע פָּאנְטְשׁ

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** דֶער רֶבִּי וִויל אַז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג טוּן גוּטֶע זַאכְן, וִוי זָאגְן תְּהִלִּים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ מֶען קֶען נָאר זָאגְן אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אוּן רֶעדְן אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה): "אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ גוּטֶע פָּאנְטְשׁ". שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר, אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אַ לַאנְגֶע וֶועג אִינְמִיטְן דִי הֵייסֶע זוּמֶער טֶעג, עֶר שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בַּארְג אִין קִרְיַת יוֹאֵל צוּם צִיוּן פוּן דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [זַיין יָארְצַייט אִיז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן כ"ו אָב], אָדֶער אִין מִירוֹן צוּם מְעָרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, עֶר וֶוערְט אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט, אָפְּגֶעמַאטֶערְט אוּן פַארְ'חַלְשְׁ'ט, אוּן אֵיינֶער בְּרֶענְגְט אִים אַ פֵיינֶע קַאלְטֶע גְלֶעזְל פָּאנְטְשׁ פוּן 'בֵּית הַתַּבְשִׁיל', עֶר מַאכְט אַ בְּרָכָה, עֶר טְרִינְקְט דָאס אוֹיס אוּן אִיז זִיךְ מְחַיֶּה דֶערְמִיט, דָאס גֶעבְּט אִים פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ גֵיין וַוייטֶער, - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַזוֹי אִיז

אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, עֶס פְּרִישְׁט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, און עֶס בְּרֶענְגְט אִים גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**אַפִילוּ דִי תְּפִילּוֹת זֶענֶען טְרִיקְן, אָן דְבֵקוּת און אָן גֶעפִּיל**

**אַז** דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט דֶערְבֵּיי צוּ זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, זָאל עֶר עֶפֶּעסְן זַיין מוֹיל און זָאגְן אַ וָוארְט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן: "אײבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיךְ", "טַאטֶע הֶעלְף מִיךְ", אַפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט דֶערְבֵּיי אַפִילוּ צוּ רֶעדְן אײן וָוארְט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, און אַפִילוּ עֶר הָאט אַנְדֶערֶע בִּלְבּוּלִים, עֶר טְרַאכְט 'דִי אַלֶע ווערְטֶער וָואס אִיךְ רֶעד צוּם אײבֶּערְשְׁטְן זָאגְט זִיךְ פְּשׁוּט אַרוֹיס פוּן זִיךְ אַלֵיינְס ווייל אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ דִי וֶוערְטֶער, אָבֶער אִיךְ מֵיין נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאג', און אַפִילוּ זַיין מֹחַ פְּלִיט אִים אַוֶועק, עֶר הֵייבְּט אָן צוּ בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אײן עִנְיָן, גְלַייךְ פְּלִיט אִים דִי קָאפּ אַוֶועק צוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ נָאכְדֶעם צוּ אַ דְרִיטֶע זַאךְ וְכוּ' וְכוּ', דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט 'וָואס זֶענֶען וֶוערְד מַיינֶע תְּפִילּוֹת? עֶס אִיז אַזוֹי צֶעמִישְׁט, נִישְׁט מְסוּדָר, אָן קֵיין דְבֵקוּת, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען קֵיין אײן גַאנְצֶע תְּפִלָּה', - זָאגְט דֶער רֶבִּי: קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, רֶעד אַזוֹי צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, וַוארְף תְּפִילּוֹת צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, אײן תְּפִלָּה נָאכְ'ן צְווֵייטְן, אַפִילוּ דִי תְּפִילּוֹת זֶענֶען טְרִיקְן, אָן דְבֵקוּת און אָן גֶעפִּיל.

**אײ** דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָאךְ אַז אַזֶעלְכֶע תְּפִילּוֹת וֶוערְן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען? - בַּאלְד וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע מִינוּט, דוּ וֶועסְט הָאבְּן דְבֵקוּת בַּה', דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועלְן אַרוֹיף גֵיין דִי אַלֶע נֶעבֶּעכְדִיגֶע, טְרִיקֶענֶע, נִישְׁט גֶעלוּנְגֶענֶע תְּפִילּוֹת צוּזַאמֶען מִיט דִי אײן גוּטֶע תְּפִלָּה!

**רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן אַפִילוּ אָן קֵיין שׁוּם גֶעפִּיל**

**אײנְמָאל** וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן זָאגְן תְּהִילִים, תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, און זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן ר' יוּדְל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן - און גֶעפְרֶעגְט: "אֵיךְ זוֹכִין שֶׁיִּהְיוּ הַדִּבּוּרִים בְּהִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב?" ווִי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זָאגְן תְּהִילִים און רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעפִּיל, אַז עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען פוּן הַארְץ? הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "תֹּאמְרוּ לִי, אֵצֶל אֵיזֶה צַדִּיק קִבַּלְתֶּם הִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב? הָעִקָּר הוּא הָאֲמִירָה בַּפֶּה", וָואוּ הָאסְטוּ גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער אַז מֶען דַארְף דַאווְנֶען דַוְקָא מִיט הַארְץ? דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן אַפִילוּ אָן קֵיין שׁוּם גֶעפִּיל און קֵיין שׁוּם טַעַם (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא).

**מֶען** דַארְף דִינֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן מִיט הַארְץ און אָן הַארְץ, מִיט מֹחַ און

אָן מֹחַ, צִי אִיךְ הַאלְט יָא דֶערְבֵּיי אָדֶער נִישְׁט דֶערְבֵּיי, צִי אִיךְ בִּין יָא רָאוּי אָדֶער נִישְׁט רָאוּי, צִי אִיךְ הָאבּ דְּבֵקוּת אָדֶער נִישְׁט.

### מֶען טוּט נִישְׁט וָואס מֶען ווִיל, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג!

**דַאוֶּוען** אוּן זָאג תְּהִלִּים אַפִּילוּ אָן גֶעפִּיל, אַפִּילוּ דוּ הַאלְטְסְט נָאכְנִישְׁט דֶערְבֵּיי, וַוארְט נִישְׁט בִּיז דוּ וֶועסְט הַאלְטְן דֶערְבֵּיי, ווייל בַּאלְד וֶועסְטוּ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּקִילְן אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַאוֶּוענֶען. אַסַאךְ מָאל זָאגְן מִיר בָּחוּרִים: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶּוענֶען", "מַיין עֶרְגְסְטֶע צַייט אוּן מַיין עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אִיז דַאוֶּוענֶען", זָאג אִיךְ זֵיי: מֶען דַארְף טוּן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, אָפְּגֶעזֶען צִי מֶען אִיז דֶערְבֵּיי אָדֶער נִישְׁט, מֶען טוּט נִישְׁט נָאר וָואס מֶען 'ווִיל', מֶען טוּט וָואס מֶען 'דַארְף'!

**אַזוֹי** ווִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְחַנֵּךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער, מֶען הֵייסְט זֵיי אַרַיין גֵיין אִין בֶּעט, אוּן זֵיי שְׁרֵייעֶן: "אִיךְ ווִיל נִישְׁט!" אִיז מֶען זֵיי מְחַנֵּךְ אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן אַפִּילוּ מֶען ווִיל נִישְׁט, מֶען טוּט נִישְׁט וָואס מֶען ווִיל, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג! דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ, אַז אִיךְ ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל נִישְׁט דַאוֶּוענֶען, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אָנְטוּן קַיין תְּפִילִּין, מוּז אִיךְ עֶס טוּן אָן וֶועלְן, דָאס אִיז מַיין לֶעבְּן!

**אַז** מֶען טוּט נָאר וָואס מֶען ווִיל, פַאלְט מֶען נָאכְדֶעם אִינְגַאנְצְן אַוֶּועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

### נִישְׁטָא קַיין קְלֶער מֶען זָאל נִישְׁט פָאְרְן קַיין אוּמַאן

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ גֵייט זַיין 'שַׁבָּת מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֱלוּל', עֶס קוּמֶען שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּ פָאְרְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: "הֵיי יָאר פָאְרְט מֶען אוֹיךְ קַיין אוּמַאן, אַפִּילוּ עֶס אִיז אַ שַׁעַת מִלְחָמָה?" - אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי פְרַאגֶע; שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר, וֶוען אֵיינֶער הָאט זִיךְ פַארְטְשֶׁעפֶּעט מִיט דִי רֶעגִירוּנְג, אַפִּילוּ מִיט אַ קְלֵיינִיקַייט, אוּן מֶען רוּפְט אִים אִין גֶערִיכְט, וֶועט עֶר נִישְׁט עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן טֶעג אוּן נֶעכְט, עֶר וֶועט זוּכְן דֶער בֶּעסְטֶער לוֹיעֶר וָואס קֶען מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אִים.

**אָדֶער** וֶוען אֵיינֶער שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם וָואס רֶעדְט אָפּ: "נֶע, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, גֵיי צוּ אַבִּי אַ דָאקְטֶער", נָאר עֶר וֶועט זוּכְן דֶער בֶּעסְטֶער דָאקְטֶער וָואס קֶען אִים אוֹיסְהֵיילְן.

**אִיז** דָאךְ זִיכֶער וֶוען עֶס קוּמְט 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה' וָואס מֶען מִשְׁפָּט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוֹיף זַיין גַאנְצֶע יָאר, דַארְף מֶען זִיכֶער טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ טְרֶעפְן

דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן.

**אֵיינְמָאל** הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׂרֵיפָה אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב פְּרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיס גֶעלָאפְן פוּן זַיין הוֹיז אוּן אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט, עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפּ גֶעזֶעצְט אוֹיף אַ בַּארְג וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט. הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דָאס הָאט מֶען אוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וואו אִיךְ זָאל לוֹיפְן, אוּן וואו אִיךְ זָאל זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן".

**עֶס** אִיז אַ דָבָר פָּשׁוּט אַז מֶען דַארְף זוּכְן צַדִיקִים מְלִיצֵי יֹשֶׁר וָואס זָאלְן הֶעלְפְן נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, מִיר הָאבְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶר קֶען אוּנְז אַלֶע מְתַקֵן זַיין (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז), אִיז אַפִּילוּ נִישְׁטָא קַיין קְלֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט פָאר'ן צוּלִיבּ דֶעם אַז דִי וַוייבּ וויל נִישְׁט מֶען זָאל פָאר'ן קַיין אוּמַאן, אָדֶער אַנְדֶערֶע מְנִיעוֹת. מֶען דַארְף קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל קֶענֶען יֶעדְן טָאג זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִים, אַבִּיסְל לִקוּטֵי תְּפִילוֹת, אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַבִּיסְל בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז אִין דִי צַייט וָואס מֶען וֶועט מַאכְן אַ גוּטֶע תְּפִלָּה, וֶועלְן אַלֶע תְּפִילוֹת אַרוֹיפְגֵיין צוּזַאמֶען.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

# פַּרְשַׁת
# עֵקֶב

# פַּרְשַׁת עֵקֶב

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

פְרַייטָאג צוּנאכְטְס בַּיים בָּאטֶע הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט הֶערְלִיכֶע דִּבְרֵי הִתְחַזְּקוּת בְּעִנְיַן אֱמוּנַת חֲכָמִים.

## אַז מֶען גֵייט צוּם צַדִּיק אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** עֶס שְׁטֵייט דִי וָואךְ אִין דִי סֶדְרָה מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער (דְּבָרִים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל", אוּן יֶעצְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ", וָואס בֶּעט דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן דִיר? "כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ", נָאר צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו", צוּ גֵיין אִין אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן, "וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ", אוּן אִים לִיבּ צוּ הָאבְּן, "וְלַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ", אוּן אִים דִינֶען מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ אוּן דַיין גַאנְצֶע זֶעל.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פְרֶעגְן (בְּרָכוֹת לג:): "אָטוּ יִרְאַת שָׁמַיִם מִילְּתָא זוּטַרְתָּא הִיא?" צִי דֶען אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ רוּפְט עֶס אָן 'נָאר צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "וְהָאָמַר רַבִּי חֲנִינָא מִשּׁוּם רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַי: אֵין לוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּבֵית גְּנָזָיו אֶלָּא אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם", רַבִּי חֲנִינָא הָאט דָאךְ נָאכְגֶעזָאגְט אִין נָאמֶען פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַי אַז יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז דֶער טֵייעֶרְסְטֶע אוֹצָר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ: "וָואס בֶּעט אִיךְ שׁוֹין פוּן דִיר? אִיךְ בֶּעט 'נָאר צֶען מִילְיָאן דָאלֶער' פַאר דִי מוֹסְדוֹת!"

**עֶנְטְפֶערְן** דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "אִין, לְגַבֵּי מֹשֶׁה מִילְּתָא זוּטַרְתָּא הִיא", יָא, לְגַבֵּי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט. "דְּאָמַר רַבִּי חֲנִינָא: מָשָׁל לְאָדָם שֶׁמְּבַקְּשִׁים מִמֶּנּוּ כְּלִי גָּדוֹל", עֶס אִיז אַ מָשָׁל צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען בֶּעט אִים צוּ פַארְבָּארְגְן אַ גְרוֹיסֶע כֵּלִי, אָדֶער אַ רִיזְן סוּמֶע גֶעלְט וִוי מִילְיָאן דָאלֶער, "וְיֵשׁ לוֹ - דּוֹמֶה עָלָיו כִּכְלִי קָטָן", אוֹיבּ עֶר הָאט עֶס, אִיז עֶס אִים גְרִינְג צוּ

פאַרְבָּארְגְן. "קָטָן, וְאֵין לוֹ - דוֹמֶה עָלָיו כִּכְלִי גָדוֹל", און אויב עֶר הָאט עֶס נִישְׁט, אֲפִילוּ עֶס זָאל זַיין אַ קְלֵיינֶע כֵּלִי ווי אַ הָאמֶער וְכַדוֹמֶה - אִיז אִים עֶס שְׁוֶוער צוּ פאַרְבָּארְגְן. בַּיי אַ צַדִיק, בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט, דֶערְפַאר רוּפְט עֶר עֶס אָן אַ קְלֵיינִיגְקֵייט.

**בְּרֶענְגְט** דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ קַשְׁיָא (עַיֵין דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, בִּתְחִלַּת הַפַּרְשָׁה) בְּשֵׁם זַיין זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: צוּ וֶועמֶען רֶעדְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר רֶעדְט דָאךְ צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיז דָאךְ וַוייטֶער שְׁוֶוער, אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט?!

**זָאגְט** דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַ נֵייעֶר פְּשַׁט אִין דִי גְמָרָא, דִי גְמָרָא מֵיינְט נִישְׁט "לְגַבֵּי מֹשֶׁה", לְגַבֵּי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר וֶוען 'דִי אִידְן' הָאבְּן אַ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, - מֶען אִיז דָבוּק אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִיק, "מִילְתָא זוּטַרְתָּא הִיא", דֶעמָאלְט אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט.

**אָן** אַ צַדִיק קֶען מֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי תּוֹרָה, עֶס קוּקְט אוֹיס אַז כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה דַארְף מֶען אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל, דֶער צַדִיק ווייזְט אוּנְז אַז 'לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא' (דְבָרִים ל, יב), אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, יֶעדֶער קֶען עֶס בַּאקוּמֶען.

**אִידִישְׁקֵייט אִיז גְרִינְג!**

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וָואס אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה פוּן אַ צְווייטֶע מְדִינָה, זַיין טַאטֶע הָאט גֶעהָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אִיז דֶער בָּחוּר גֶעגַאנְגֶען שָׁלוֹם נֶעמֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעוָואלְט מַאכְן שְׁפִּירְן גוּט, הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט: "דוּ הָאסְט הַנָאָה פוּן דִי יְשִׁיבָה?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "יָא", פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ וַוייטֶער: "הָאסְט לִיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה", פְרֶעגְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ: "פַארְוָואס?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַאכְט אִידִישְׁקֵייט גְרִינְג", זָאגְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ: "נֵיין! אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט דוּ זָאלְסְט טוּן נָאר דָאס און דָאס, אִידִישְׁקֵייט אִיז גְרִינְג, אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיס, אִידִישְׁקֵייט אִיז גֶעשְׁמַאק! דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַאכְט עֶס נִישְׁט שְׁוֶוער!"

**אִידִישְׁקֵייט** אִיז זֵייעֶר אַ גְרִינְגֶע זַאךְ! ווי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה לב ע"א וע"ב) וֶוער זָאגְט אַז "כַּפֹּת תְּמָרִים" (וַיִקְרָא כג, מ) אִיז אַ לוּלָב, אֶפְשָׁר מֵיינְט דִי תּוֹרָה מִיר זָאלְן נֶעמֶען פַאר כַּפֹּת תְּמָרִים אַ שְׁטֶעכֶעדִיגֶע בְּלֶעטְל? אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער זָאגְט אַז "וַעֲנַף עֵץ עָבֹת" (שָׁם) אִיז הֲדַסִים, אֶפְשָׁר אִיז עֲנַף עֵץ עָבֹת אַן הִירְדוּף - אַ דָארְן בְּלֶעטְל? זָאגְט דִי גְמָרָא

עֶס קֶען נִישְׁט זַיין, וַוייל "דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם" (מִשְׁלֵי ג, יז), דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַ זִיסֶע וֶועג, נִישְׁט קַיין שְׁטֶעכֶעדִיגֶע וֶועג; אִיז זִיכֶער נִישְׁט פְּשַׁט מֶען זָאל נֶעמֶען דִי זַאכְן אִין דִי הֶענְט אוּן וֶוערְן צֶעשְׁטָאכְן.

**הַיינְט שַׁבָּת אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ!**

**דָּאס** וָואס מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט דֶערְפוּן, אִיז וַוייל מֶען מַאכְט זִיךְ אַלֵיין שְׁוֶוער, מֶען לֵייגְט צוּ מֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט. אִידִישְׁקֵייט אַלֵיינְס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ; הַיינְט שַׁבָּת אִיז דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ! אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ אַנְטְלוֹיפְן דֶערְפוּן, זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אַ טֶעלֶעפָאוֹן, אָדֶער אַ צִיגַארֶעטְל אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

**גֵיי זָאג פַאר אַ גוֹי אַז דִי אִידְן הָאבְן** אֵיין טָאג אִין וָואךְ וָואס מִיר רוּעֶן, מִיר טוּעֶן גָארְנִישְׁט, נִישְׁט אַז מֶען גֵייט נִישְׁט אַרַיין צוּ דִי אַרְבֶּעט אָבֶער מֶען אִיז פַארְנוּמֶען צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי הוֹיז אַזוֹי וִוי דִי גוֹיִם טוּעֶן, זֵיי זֶענֶען פַארְנוּמֶען אִין זֵייעֶר וִוייקֶענְד (סוֹף וָואךְ) צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי הוֹיז. גֵיי דֶערְצֵייל זֵיי פוּן דִי מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְן אַז מִיר הָאבְן אֵיין טָאג אַ וָואךְ 'מִשְׁפָּחָה צַייט', מֶען זִיצְט מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן פִּירְט אַלֶעס.

**דָּאס** זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְּשַׁט אִין דִי גְמָרָא, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ פַאר זִיךְ, מֶען רֶעדְט וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְן אַ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מֶען אִיז דָּבוּק אִין צַדִּיקִים, מֶען גְלֵייבְּט אִין צַדִּיקִים, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט מֶען וִוי גְרִינְג אִידִישְׁקֵייט אִיז, דֶעמָאלְט אִיז יִרְאָה מִילְּתָא זוּטַרְתָּא. וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בָּזֶה הָעוֹלָם, אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל", וָואס דַארְף דֶען אַ מֶענְטְשׁ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר 'דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען'.

**אֱמוּנָה גֶעבְּט לֶעבְּן**

**דָּאס** טוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק דָאס פְרֵיילִיכְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאקְקֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, פַארְקֶערְט, דָאס מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

**וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּנֶעם** אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט עֶר מֶער כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקֵייט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט קְרַאנְק אִין שְׁפִּיטָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, אוֹיבּ הָאט עֶר אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבְּט דָאס אִים כֹּחַ עֶר זָאל קֶענֶען קֶעמְפְן זַיין קְרֶענְק. [מוֹהֲרַא"ש זָאגְט אַז דָאס קֶען מֶען זֶען אֲפִילוּ לְהַבְדִּיל בַּיי דִי גוֹיִם, אַ גְלוֹיבִּיגֶער גוֹי, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואס עֶר גְלֵייבְּט, וֶועט גְרִינְגֶער קֶעמְפְן זַיין קְרֶענְק, וַוייל עֶר הָאט בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ אוֹיף וָואס אַרוֹיס

צוּ קוּקְן צוּ גֶעהָאלְפְן װערן, אָבֶער אוֹיבּ ער גְלֵייבְּט נִישְׁט, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶע קְנַאקֶער, עֶר פִירְט גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן פַארְדִינְט אַסַאךְ גֶעלְט, װעט עֶר עֶס נִישְׁט דוּרְכְמַאכְן]. אֱמוּנָה גִיבְּט לֶעבְּן, אֱמוּנָה מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען דוּרְךְ טְרָאגְן שְׁװעריקַייטְן.

## װער אָטֶעמְט אִין דִיךְ? אֵייבֶּערְשְׁטֶער!

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה - חַיָּיו חַיִּים", װער עֶס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - דֶער הָאט אַ לֶעבְּן, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן נָאר מִיט גוּטְס. װייל װען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי װִי עֶר װִיל, דַאנְקְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ װען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶר לַיידְט יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם, פַארְלָאזְט עֶר זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער װעט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים הֶעלְפְן, װייל עֶר װֵייסְט אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר.

**אַ** מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט אִים אַזוֹיפִיל גוּטְס, אוֹיגְן װָאס זֶעעֶן, אוֹיעֶרְן װָאס הֶערְן, אַלֶע חֲכָמִים װָאס רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן דִי בְּרִיאָה, זֶענֶען אוֹיךְ מוֹדֶה אַז זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אַלֶעס, אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט בִּיז אַהֶער, אַ צְװֵייטֶער פַארְשְׁטֵייט נָאכְמֶער, אָבֶער אוֹיךְ נִישְׁט אַלֶעס, װער גִיבְּט דִיר לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען? װער אָטֶעמְט אִין דִיךְ? אֵייבֶּערְשְׁטֶער! דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת פִּנְחָס, דַף רמה:): "אֲוִיר", לוּפְט, אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "אוֹר י'", לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** װָאס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, װַייל װִילַאנְג עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶר אִיז גֶעלוּנְגֶען וְכוּ', אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ, אָבֶער װִי נָאר עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם טְרֵייסְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט װָאס צוּ טְרֵייסְטְן װייל עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַאלְט עֶר חַלָּשׁוּת.

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה? דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גִיבְּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ רֶעד נָאךְ אַ װָארְט, אִיךְ רֶעד נָאךְ אַ װָארְט, מִיט יֶעדֶעם װָארְט װָאס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן װערְט שְׁטֶערְקֶער דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי װִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים פּט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", װִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ װיסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער װעלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַ** מֶענְטְשׁ וָואס גְלֵייבְּט אִינְעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז חַיָּיו חַיִּים, דָאס לֶעבְּן אִיז אִים אַ לֶעבְּן, וַוייל וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים ווייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט עֶס, אוּן אִיךְ קֶען אִים בֶּעטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף קִינְדֶער", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן"**. אַ בָּחוּר דַארְף אַ שִׁידוּךְ, בֶּעט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ"**, אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף פַּרְנָסָה, בֶּעט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה"**.

**דָאס** אִיז דִי וֶועג ווי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז עֶס גֵייט דִיר שְׁוֶוער, בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן חַס וְשָׁלוֹם, זָאג עֶס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין גוּט", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל דַאוֶונֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל לֶערְנֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל הִיטְן שַׁבָּת"**.

### דוּ קֶענְסְט עֶס הָאבְּן בְּחִנָּם!

**מֶענְטְשְׁן** צָאלְן שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זֵייעֶר הַארְץ פַאר מֶענְטְשְׁן, מֶען בֶּעט זִיךְ: "הֶער מִיךְ אוֹיס, אִיךְ הָאבּ דִי מַחֲשָׁבָה אוּן דִי מַחֲשָׁבָה..." - דוּ קֶענְסְט עֶס הָאבְּן בְּחִנָּם! הֵייבּ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי אַרַיין אִין אַ צִימֶער וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן הֵייבּ אָן רֶעדְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ עֶנְקְזַייעֶטִי, אִיךְ הָאבּ פְּחָדִים", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר, לֶעצְטְנְס לוֹיפְן מִיךְ נָאךְ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז 'אֶפְשָׁר פִיל אִיךְ נִישְׁט גוּט', 'אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ עֶפֶּעס אַ מַחֲלָה', אִיךְ בַּאקוּם דֶערְפוּן עֶנְקְזַייעֶטִי אוּן פְּחָדִים"**. דָאס קֶען פַּאסִירְן בַּיי דִי גֶעלוּנְגֶענְסְטֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן צוּ דֶעם, עֶפֶּעס לוֹיפְט נָאךְ אִין מֹחַ, דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת צֶעדְרוּקְן דֶעם מֹחַ, דִי עֵצָה אִיז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ.

### אֱמוּנַת חֲכָמִים

**דָאנֶערְשְׁטָאג** נַאכְט בַּיים שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט וָואס הֵייסְט 'אֱמוּנַת חֲכָמִים'. אֱמוּנַת חֲכָמִים מֵיינְט אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גָארְנִישְׁט, אַז דֶער צַדִּיק זָאגְט אַזוֹי, טוּ אִיךְ אַזוֹי. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי מִיט מַיין שֵׂכֶל אַז אִיךְ בִּין אַ פֶּעלֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אוּן פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, אָבֶּער דֶער צַדִּיק זָאגְט מִיר: קֶענְסְט אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי. אַזוֹי ווי דֶער פָּסוּק זָאגְט דִי וָואךְ (דְּבָרִים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ", זָאגְט רַשִׁ"י: "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל - אַף עַל פִּי שֶׁעֲשִׂיתֶם כָּל זֹאת, עוֹדֶנּוּ רַחֲמָיו

וְחִבָּתוֹ עֲלֵיכֶם, וּמִכָּל מַה שֶׁחֲטָאתֶם לְפָנָיו אֵינוֹ שׁוֹאֵל מִכֶּם כִּי אִם לְיִרְאָה וְגוֹ'", בָּאטְשִׁיג דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט, אִיז דָאס רַחְמָנוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַלְץ בַּיי דִיר, עֶר הָאט דִיר מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע זִינְד, אוּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער פַארְלַאנְגְט נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע זַאכְן, נָאר צוּ מוֹרָא הָאבְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

**מֶען** לֶערְנְט דָאס אַרוֹיס פוּנֶעם וָוארְט "וְעַתָּה", וָואס אִיז אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי בְּרֵאשִׁית יא, ו). פַארְוָואס אִיז 'וְעַתָּה' אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה? - זֵייעֶר פָּשׁוּט, וַוייל דָאס אִיז תְּשׁוּבָה, 'וְעַתָּה' - אִיךְ הֵייבּ אָן 'פוּן יֶעצְט' צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען.

**לוֹיט** מַיין שֵׂכֶל בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אֱמוּנַת חֲכָמִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט מִיר נֶעם אַ חוּמָשׁ, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, נֶעם אַ גְמָרָא אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, זַיי גוֹרֵם דִי וֶוערְטֶער, זָאג דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סג.): "לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבּוֹר", אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "לְעוֹלָם לִיגְרֹס אִינִישׁ, וְאַף עַל גַּב דְמִשְׁתַּכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט.

**עֶס** טוּט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף דֶעם אִין דִי פּוֹסְקִים צִי מֶען פַּסְקְ'נְט אַזוֹי אָדֶער נִישְׁט, דֶער מָגֵן אַבְרָהָם (אוֹרַח חַיִּים סִימָן נ, סְעִיף קָטָן ב') מַאכְט אַ חִילּוּק צְוִוישְׁן תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב אוּן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אַז נָאר בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב אִיז מֶען יוֹצֵא וֶוען מֶען לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטַאנְד, אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב שְׁטֵייט (הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה פֶּרֶק ב', י, יג) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל בָּאטְשִׁיג אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן דוּרְךְ זָאגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אַזוֹי וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט לֶערְנֶען מִיט זַיין נְשָׁמָה.

**אָבֶּער** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען פַּסְקְ'נְט יָא אַזוֹי, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט,

וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַאַרְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַאַרְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן, אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיין פַאַרְשְׁטֵיין.

### אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד - לֶעבְּט אַ לֶעבְּן

**אַ** אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר אַז עֶר אִיז דִי וָואךְ גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן זַיין טַאטֶע אִין שְׁפִּיטָאל, זָאגְט עֶר מִיר: "עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, מֶען זֶעט וָואס דִי לֶעבְּן אִיז"; ווִילַאנְג מֶען אִיז יוּנְג פִילְט מֶען אָן דֶעם טָאג מִיט אַרְבֶּעט, אֵיין טָאג עֶנְדִיגְט זִיךְ דָאס, דִי שְׁפֶּעטְסְטֶע צַייט וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן נָאךְ אַרַיין אַרְבֶּעטְן אִיז בַּיי דִי זֶעכְצִיג זִיבֶּעצִיג יָאר, נָאכְדֶעם וֶוערְט דִי לֶעבְּן אַזוֹי לַאנְגְוֵויילִיג, מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד - לֶעבְּט אַ לֶעבְּן, עֶר זִיצְט מִיט זַיין מִשְׁנַיוֹת אוּן אִיז גוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

**אִיךְ** וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, מַיין עֶלְטֶער זֵיידֶע הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי אַיְיזִיק רוֹטְה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּבֿ'עֶר אִיד, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶונְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְלֵיידוּנְג גֶעשֶׁעפְט אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶר אוּן זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען בַּעֲלֵי בַּתִּים, אוֹיסֶער אֵיין זוּן - מַיין זֵיידֶע, דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ מִיט אַ גְמָרָא אוּן אַ מִשְׁנַיוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער חוֹזֶק פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען דִי בַּטְלָן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיזִי בִּזְיוֹנוֹת, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט קַיין גֶעלְט, מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט מִיר ווִי זֵיי הָאבְּן אַלְס קִינְד מַמָשׁ גֶעהוּנְגֶערְט אִינְדֶערְהֵיים, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן, אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט.

**יָארְן** זֶענֶען אַרִיבֶּער, יֶעדֶער אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן, אַלֶע הָאבְּן גֶעדַארְפְט אָפְּלָאזְן זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אוּן נָאר מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז וַוייטֶער גֶעזִיצְן מִיט זַיין מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, דֶער פָּנִים הָאט אִים גֶעשַׁיינְט אוּן גֶעלָאכְטְן, וָואס אַ טָאג עֶלְטֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן פְרִישֶׁער אוּן פְרִישֶׁער!

**דֶער** 'דֶרֶךְ הַלִימוּד' רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ, דָאס קֶען מֶען טוּן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן. הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַ זַאךְ אַז מֶען קֶען נִישְׁט סְתַּם מַאכְן גֶעלְט צוּם לֶעבְּן, מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן פַאר אַ פְּיוּטְשֶׁער (צוּקוּנְפְט), פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרָאפּ נֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט אִין טָאג אוּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת?! דָאס אִיז דֶער פְּיוּטְשֶׁער, נָאךְ אַבִּיסְל גֵייסְטוּ זִיצְן אוֹיפְ'ן פָּארְטְשׁ (בַּאלְקָאן), דוּ גֵייסְט נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ טוּן, אִין שְׁטָאט קֶען מֶען זִיךְ כָּאטְשׁ אַוֶועק שְׁטֶעלְן בַּיים פֶּענְסְטֶער אוּן צֵיילְן ווִיפִיל שְׁטָאטִישֶׁע

בָּאסֶעס פָארְן דוּרְךְ, אָבֶער וָואס קֶען מֶען טוּן אִין שְׁטֶעטְל?...

**מֶען** קֶען זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אַן אַיינְשְׁטַאלְט (מוֹשַׁב זְקֵנִים) וואו עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן וַויילְן, מֶען זֶעט וִוי מֶען פִירְט אַרוֹיס וֶועגֶעלֶעךְ מִיט עֶלְטֶערֶע גוֹיִם אוֹיפְ'ן גַאס, זֵיי זִיצְן אוּן קוּקְן זִיךְ אַרוּם אוֹיף דִי פֵייגֶעלֶעךְ וָואס פְלִיעֶן אַרוּם, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעזֶעסְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת וֶועט דָאס אוֹיךְ טוּן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

**יֶעצְט** קֶען אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל אִינֶדערְהֵיים, אַז אִיךְ עֶפְן מַיין מִשְׁנַיוֹת דַארְף אִיךְ עֶס גְלַייךְ פַארְמַאכְן, וַוייל דֶעם קִינְד דַארְף מֶען בָּאדְן אוּן דֶער קִינְד אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן בֶּעט... טְרַאכְט אִיךְ אֵייבִּיג, אֵיין טָאג וֶוען אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל זַיין אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, וֶועל אִיךְ זִיצְן אוֹיפְ'ן פָּארְטְשׁ מִיט מַיין מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ וֶועל זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוֹי וֶועט עֶס זַיין אַ מְחַיֶה!

**מִיטְ'ן** סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מַמָשׁ אַ מְחַיֶה דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן. מֶען קֶען אָבֶער נִישְׁט דֶעמָאלְט אָנְהֵייבְּן, מֶען דַארְף דָאס שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ טוּן יוּנְגֶערְהֵייט, נֶעם יֶעצְט אַ מִשְׁנַיוֹת זָאג נָאךְ אַ פֵּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֵּרֶק, נֶעם אַ גְמָרָא, זָאג נָאךְ אַ דַף אוּן נָאךְ אַ דַף.

**דוּ זָאגְסְט סְתַּם דִי וֶוערְטֶער? דוּ וֶועסְט דָאךְ נִישְׁט וֶוערְן אַ דַיָין?!**

**עֶס** זֶעט טַאקֶע אוֹיס זֵייעֶר מָאדְנֶע, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אַלֶעמָאל: וָואס הֵייסְט, אוֹיבּ דוּ זָאגְסְט סְתַּם דִי וֶוערְטֶער וֶועסְטוּ דָאךְ נִישְׁט קֶענֶען וֶוערְן קַיין דַיָין?! - פְרֶעג אִים צוּרִיק: דוּ וָואס דוּ לֶערְנְט יָא מִיט פַארְשְׁטַאנְד בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַ דַיָין?!

**אַמָאל** זֶעט מֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ וואוּיל גֵיין, עֶר קוֹיפְט זִיךְ יֶעדְן טָאג, דְרֵיי מָאל אַ טָאג קַאוֶוע פוּן גֶעשֶׁעפְט, אוּן אַ דֶעינִישׁ, זָאגְט אִים זַיין חַבֶר: "אַ שָׁאד, רֶעכְן צוּזַאם וִויפִיל גֶעלְט דוּ גֶעבְּסְט אוֹיס אַ יָאר; אַ קַאוֶוע קָאסְט צְוֵויי דָאלֶער, דְרֵיי קַאוֶועס אַ טָאג קוּמְט שׁוֹין אוֹיס זֶעקְס דָאלֶער, אַ דֶעינִישׁ קָאסְט נָאךְ צְוֵויי דָאלֶער, אִיז שׁוֹין צוּזַאמֶען אַכְט דָאלֶער אַ טָאג, לֵייג צוּ נָאךְ דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִינְף אוּן זֶעכְצִיג מָאל אַכְט דָאלֶער - לוֹיט וִויפִיל טֶעג עֶס אִיז דָא אַ יָאר - נָאכְדֶעם לֵייג אוֹיךְ צוּ וִויפִיל גֶעלְט דוּ גֶעבְּסְט אוֹיס פַאר צִיגַארֶעטְלֶעךְ, אַז דוּ וָואלְסְט נִישְׁט גֶעקוֹיפְט דִי אַלֶע זַאכְן וָואלְסְטוּ שׁוֹין פוּן לַאנְג גֶעהַאט גֶעלְט אַרָאפּ צוּ לֵייגְן צוּ קוֹיפְן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז..."

**זָאגְט** עֶר אִים צוּרִיק: "דוּ קוֹיפְסְט קַאוֶוע אִין גֶעשֶׁעפְט? - נֵיין! דוּ קוֹיפְט יֶעדְן טָאג אַ דֶעינִישׁ? - נֵיין! דוּ רֵייכֶערְסְט? - נֵיין! דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז? - נֵיין! דֶעמָאלְט וָואס זָאגְסְטוּ מִיר דֶעם

גאַנצְן פְּשֶׁעטְל, דו קויפְסְט דָאךְ נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן און דו הָאסְט אויךְ נִישְׁט גֶעקויפְט אַ הויז?!..." - דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאג אִים, אִיךְ וֶועל נִישְׁט אויסְוַואקְסְן אַ דַיין וַוייל אִיךְ זָאג מִשְׁנָיוֹת? - און דו?! דו לֶערְנְסְט דָאךְ יָא מִיט פַארְשְׁטַאנְד, דו בִּיסְט אַ דַיין?!

**אִיךְ** מֵיין נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועק צו מַאכְן דָאס לֶערְנֶען מִיט פַארְשְׁטַאנְד, אַוַודַאי אויב הָאסְטוּ אַ חַבְרוּתָא זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן לֶערְנֶען מִיט דַיין חַבְרוּתָא, אָבֶער אויסֶער דֶעם מַאךְ זִיךְ אויךְ אַ שִׁיעוּר אִין גוֹרֵס זַיין אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת און אַבִּיסְל גְמָרָא. דָאס קֶען מֶען טון יֶעדְן טָאג.

**אַ** מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר הָאט אֵיינֶעם, אֵיין טָאג דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ אַז אִיךְ הָאב נִישְׁט קֵיינֶעם, נִישְׁט אַ וַוייבּ, נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, קֵיינֶעם נִישְׁט אויף דִי וֶועלְט, הָאסְט אָבֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דו הָאסְט דַיין מִשְׁנָיוֹת, דו הָאסְט דַיין גְמָרָא, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיים צַדִיק, וֶועט יִרְאַת שָׁמַיִם זַיין אַ 'מִילְּתָא זוּטַרְתָּא'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת עֵקֶב, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פָּארְגֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן אִינֶעוֵוייניג. מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס דָא אִין קוּרְצְן:

**דֶער** מְמוּנֶה פוּן דִי אוֹצָרוֹת פוּנֶעם קֶענִיג, דֶער גִּבּוֹר, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוּן דֶער חָכָם זֶענֶען צוּזַאמֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְזוּכְן דֶעם קֶענִיג מִיט זַיינֶע לַייט וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן בְּשָׁעַת עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁטוּרֶעם וִוינְט. אוֹיפְ'ן וֶועג זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מְדִינָה וָואס דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְן אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער 'דִיבּוּר', אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶער 'מֵלִיץ' פוּנֶעם קֶענִיג אַלְס מֶלֶךְ, זֶענֶען זֵיי אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם 'מֵלִיץ' וָואס אִיז גֶעוָוארְן מֶלֶךְ אִין דֶער מְדִינָה אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. הָאט דֶער מֵלִיץ גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל אוֹיךְ מִיט גֵיין צוּזַאמֶען מִיט זֵיי אוֹיפְזוּכְן דֶעם קֶענִיג. זֶענֶען אַלֶע פִינְף גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אוֹיפְ'ן וֶועג.

**זֶענֶען** זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מְדִינָה וָואס דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְן אַז דֶער עִיקָר אִיז 'שִׂמְחָה', שִׁיכּוֹר'ן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶער 'אוֹהֵב נֶאֱמָן' פוּנֶעם קֶענִיג אַלְס מֶלֶךְ, זֶענֶען זֵיי אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם 'אוֹהֵב נֶאֱמָן' וָואס אִיז גֶעוָוארְן מֶלֶךְ אִין דֶער מְדִינָה אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. הָאט דֶער אוֹהֵב נֶאֱמָן גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל אוֹיךְ מִיט גֵיין צוּזַאמֶען מִיט זֵיי אוֹיפְזוּכְן דֶעם קֶענִיג. זֶענֶען אַלֶע זֶעקְס גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אוֹיפְ'ן וֶועג.

**דֶערְנָאךְ** זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מְדִינָה וָואס דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְן אַז דֶער עִיקָר אִיז אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אוּן ווַייל אַ 'יְפַת תֹּאַר' בְּרֶענְגְט צוּ פַארְגְרֶעסֶערְן דֶעם יִשּׁוּב פוּן דִי וֶועלְט דַארְף מֶען אוֹיפְנֶעמֶען אַ 'יְפַת תֹּאַר' אַלְס מֶלֶךְ. אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען דִי בַּת מֶלֶךְ אַלְס מַלְכָּה, זֶענֶען זֵיי אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ דִי 'בַּת מֶלֶךְ' אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

**הָאט** דִי מְדִינָה שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיךְ אַ מֶלֶךְ, ווַייל דֶער גִּבּוֹר אִיז גֶעוֶוען דֶער מַאן פוּן דִי 'בַּת מֶלֶךְ'. אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוֹיף זֵייעֶר קִינְד אוּן אוֹיף אִירֶע עֶלְטֶערְן - דֶער קֶענִיג אוּן קֶענִיגִן, וָואס מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעפוּנֶען.

**הָאט** די 'בַּת מֶלֶךְ' גֶעגֶעבְּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה עֶר זָאל אַרַיין גֵיין אִין אִיר מְדִינָה, זַיי אוֹיסְרֵייניגְן פוּן זֵייעֶר מִיאוּס'עֶ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וואוּ זַיי זֶענֶען גֶעלִיגְן, ווייל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי זַיי דֶער עִיקָר תַּכְלִית אַ יְפַת תֹּאַר זֶענֶען זַיי גֶעלִיגְן אִין דִי תַּאֲוָה.

### דוּרְךְ דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה קֶען מֶען זִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:**

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז דָא אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ רֵיינִיגְן פוּן זַיינֶע תַּאֲווֹת, דוּרְךְ דֶעם 'בַּעַל תְּפִלָּה'! אַז מֶען דַאוֶוענְט, מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת.

דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת הֶעלְפְט אִין יֶעדְן פַאל, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע תַּאֲוָה דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן. דֶער רֶבִּי רֶעכְנְט דָא אוֹיס פַּארְשִׁידֶענֶע סָארְט כִּיתּוֹת פוּן פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן תַּאֲווֹת, אַז מֶען נֶעמְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינ'ס ווֶעג פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס רֵיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

### קֵיינֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס...

**מֶען** דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז: 'קֵיינֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס', 'קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט', אוּן 'מַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין אָנְהֵייבּ הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב) וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, אוּן אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים. ווִי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט ווִי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, ווייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען ווִי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה, מִיט דֶעם אַלֶעמֶען הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעבֶּעטְן

אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ, וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה

**דָאס** רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וָואס עֶר רֶעדְט, קוּמְט אוֹיס אַז מִיט יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי אֱמוּנָה שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

**מֶען** קֶען לֵיידֶער הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן וִוי זֵיי מַאכְן חוֹזֶק פוּן דִי וָואס מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "צוּ וֶועמֶען רֶעדְסְטוּ? דוּ רֶעדְסְט צוּ אַ וַואנְט..." אָבֶּער אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, רֶעדְט מֶען שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין אֶמֶת

**מֶען** קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ. אַז דוּ בִּיסְט גֶעדְרוּקְט אִין גֶעלְט, דוּ דַארְפְסְט בַּאצָאלְן רֶענְט, בִּילְס אָדֶער מָארְגֶעדְזשׁ, אַנְשְׁטָאט גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן אַרַיין פַאלְן אִין חוֹבוֹת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר שֶׁפַע".**

**אַזוֹי** אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דוּ דַארְפְסְט אַ נֵייעֶ קַאר, אַ נֵייעֶ הוֹיז, זָאלְסְטוּ עֶס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

**אַמָאל** אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "דוּ בִּיסְט זִיךְ יֶעדְן טָאג מִתְבּוֹדֵד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?" הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר מַאכְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעלֶערְנְט, פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "וָואס בֶּעטְסְטוּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בֶּעט זוֹכֶה זַיין צוּ מַדְרֵיגוֹת וְכוּ'", פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "זָאג מִיר, פַּרְנָסָה הָאסְטוּ?" עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: "נֵיין", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "הֶער מִיךְ צוּ, דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל דָאס אִיז דַיין אֶמֶת".

### גַשְׁמִיּוּת אוּן רוּחָנִיּוּת אִיז אֵיינְס

**עֶס** אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן גַשְׁמִיּוּתְ'דִיגֶע זַאכְן, זֵיי טַעֲנָה'נֶען: "זֵיי נִישְׁט מְגַשֵּׁם דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט נִישְׁט אוֹיף גַשְׁמִיּוּת", דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער פוּן וֶועם דֶען זָאל אִיךְ בֶּעטְן אַ נַייעֶ קַאר - אוֹיבּ נִישְׁט פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן?! פוּן וֶועם דֶען זָאל אִיךְ בֶּעטְן אַ נַייעֶ הוֹיז - אוֹיבּ נִישְׁט פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן?! פַארְקֶערְט דִי וָואס זָאגְן דָאס - זֵיי זֶענֶען מְגַשֵּׁם דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, וַוייל זֵיי טֵיילְן אָפּ רוּחָנִיּוּת אוּן גַשְׁמִיּוּת אַז דָאס זֶענֶען צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן.

**דִי** הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, כא): בֵּית שַׁמַּאי אוּן בֵּית הִלֵּל קְרִיגְן זִיךְ וָואס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, דֶער הִימְל צִי דֶער עֶרְד, בֵּית שַׁמַּאי הַאלְטְן אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶער הִימְל אוּן נָאכְדֶעם דֶער עֶרְד, אוּן בֵּית הִלֵּל זָאגְן אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶער עֶרְד אוּן נָאכְדֶעם דֶעם הִימְל, קוּמְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוּן זָאגְט: "תְּמֵהַּ אֲנִי הֵיאַךְ נֶחְלְקוּ אֲבוֹת הָעוֹלָם בֵּית שַׁמַּאי וּבֵית הִלֵּל עַל בְּרִיַּת שָׁמַיִם וָאָרֶץ, אֶלָּא שֶׁאֲנִי אוֹמֵר שְׁנֵיהֶם לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא כְּאִלְפָּס וְכִסּוּיָהּ", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים - דִי בֵּית שַׁמַּאי אוּן בֵּית הִלֵּל, וָואס קְרִיגְן זֵיי זִיךְ וָואס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אִיךְ הַאלְט אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְד מִיט דִי הִימְל בֵּיידֶע צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיט אִיר דֶעקְל.

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְּלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם מֶדְרָשׁ אוּן דָאס שַׁיין מַסְבִּיר זַיין, אַז דָאס אִיז אַ מַחֲלוֹקֶת פוּן צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, 'שִׁיטַת בֵּית שַׁמַּאי' אִיז גֶעוֶוען חוֹמֶר הַדִּין, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת לא.), דֶערְפַאר הַאלְטְן זֵיי אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי הִימְלֶען, וַוייל שָׁמַיִם וַוייזְט אוֹיף רוּחָנִיּוּת, צוּ וַוייזְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַז דֶער עִיקָּר אִיז נָאר 'שָׁמַיִם', זַיין אַ 'הִימְל מֶענְטְשׁ' - אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעטוֹן פוּן דֶער וֶועלְט.

**ווידֶער** 'שִׁיטַת בֵּית הִלֵּל' אִיז גֶעוֶוען צוּ גְרִינְגֶער מַאכְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ; דֶערְפַאר זָאגְן זֵיי אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְד, צוּ וַוייזְן אַז מֶען דַארְף זַיין דָא אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן נָאכְדֶעם גֵייט מֶען צוּם הִימְל.

**קוּמְט** רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוּן זָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶה, פַארְוָואס טֵיילְסְטוּ אָפּ צְווִישְׁן 'שָׁמַיִם' אוּן 'אֶרֶץ', צְווִישְׁן גַשְׁמִיּוּת אוּן רוּחָנִיּוּת, אַלֶעס אִיז אֵיינְס".

**מֶען** קֶען עֶסְן אַ פֵיינֶע סְעוּדָה, אוֹיבּ מֶען מַאכְט דֶערוֹיף אַ בְּרָכָה וֶוערְט דִי גַאנְצֶע עֶסְן אֵיינְס מִיטְ'ן אײבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אַ מֶענְטְשׁ פָּארְט אַוֶועק זִיךְ אָפְּרוּעֶן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן בַּיי יֶעדֶע פְּרַט דַאנְקְט עֶר

דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן: "שְׁכוֹחַ אײבֶּערְשְׁטֶער", "אַ מְחַיֶּ' אײבֶּערְשְׁטֶער", װֶערְט דִי גַאנְצֶע װַאקַאצְיֶע אײן שְׁטִיק גוּטְס.

**מֶענְטְשְׁן** מֵיינֶען: "װֶוען אִיךְ בִּין אִינְדֶערְהֵיים בִּין אִיךְ אִין 'הוֹיכֶע טֶעג', אוּן בַּיי װַאקַאצְיֶע בִּין אִיךְ אִין 'נִידְרִיגֶע טֶעג'..." בֶּאֱמֶת אִיז אַלֶעס אײן זַאךְ, װאוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז - קֶען עֶר זַיין אָנְגֶעקְנִיפְּט אִינֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אָדֶער אִין אָפְּרוּה, שְׁטֶענְדִיג רֶעד אִיךְ צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן.

**אַז** מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן מַצָּב, קוּמְט אוֹיס אַז אַלֶעס װֶערְט אֱלוֹקוּת, אַלֶעס װֶערְט אײבֶּערְשְׁטֶער.

## דָאס טוּנְקְלְקֵייט װֶועט אוֹיטָאמַאטִישׁ אַװֶעק גֵיין

**עֶס** אִיז גֶעװֶוען חִילוּקֵי דֵעוֹת צְװִוישְׁן דִי צַדִּיקִים, דִי בַּעֲלֵי מוּסָר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין 'סוּר מֵרָע'; מֶען דַארְף שְׁנֵיידְן שְׁטִיקֶער פוּן זִיךְ, מֶען דַארְף פַּאסְטְן, מַאכְן 'בִּיטוּל הַיֵּשׁ', װִוידֶער דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאבְּן גֶעהַאלְטְן פַּארְקֶערְט, מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין 'עֲשֵׂה טוֹב', װַוייל אַז אַ שְׁטוּב אִיז טוּנְקְל קֶען מֶען נִישְׁט אַװֶעק טְרַייבְּן דָאס טוּנְקְלְקֵייט, עֶס אִיז דָא אײן עֵצָה צִינְד אָן לִיכְט, לֶערְן, דַאװֶוען, טוּ מִצְוֹת, װֶועט דָאס טוּנְקְלְקֵייט אוֹיטָאמַאטִישׁ אַװֶעק גֵיין.

**פוּן** זִינְגֶען אַ גַאנְצְן טָאג: "אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט", "אִיךְ בִּין יָא, אִיךְ בִּין נִישְׁט, אִיךְ בִּין יָא..." װֶועט גָארְנִישְׁט װֶוערְן, עֶנְדֶערְשׁ נֶעם אַרַיין דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, רֶעד פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אַלֶעס אִיז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער, װָאס אִיךְ בִּין אִיז פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטֶער, װֶועט מְמֵילָא לִיכְטִיג װֶוערְן, װַוייל אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא װֶוערְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס בָּטֵל וּמְבֻטָּל.

## חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער צְװִוישְׁן אוּנְז

**מֶען** הָאט פְרִיעֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט חוֹדֶשׁ אֱלוּל; עֶס קוּמֶען יֶעצְט זֵייעֶר שֵׁיינֶע טֶעג, אִין חַבַּ"ד רוּפְט מֶען דֶעם חוֹדֶשׁ "מֶלֶךְ בַּשָּׂדֶה". גֶעװֶוענְלִיךְ קֶען נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְן צוּם קֶענִיג, נָאר דִי שְׁטוּב מֶענְטְשְׁן אוּן יוֹעֲצִים קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם קֶענִיג. דָאס אִיז אַלֶעס װֶוען דֶער קֶענִיג זִיצְט בַּיי זִיךְ אִין פַּאלַאץ, אָבֶּער װֶוען דֶער קֶענִיג אִיז אוֹיפְ'ן װֶועג אִינְדְרוֹיסְן פוּן פַּאלַאץ, קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער צוּקוּמֶען צוּם קֶענִיג אוּן רֶעדְן מִיט אִים, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (לִקּוּטֵי תּוֹרָה פַּרְשַׁת רְאֵה, דַּף לב) חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דֶער 'מֶלֶךְ בַּשָּׂדֶה', דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער אִיז צְװִוישְׁן אוּנְז, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז 'מֶלֶךְ בַּשָּׂדֶה' אִיז נִישְׁט נָאר אוּם חוֹדֶשׁ אֱלוּל, נָאר אַ

**גאַנְץ יָאר, מִיר גֵייעֶן אַ גאַנְץ יָאר אִין פֶּעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז עֶס אוֹיף אַ שְׁטֶערְקֶערֶע פַאַרְנֶעם.**

**רַבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זָאגְן: "עֶס קוּמְט אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט, אָבֶּער מֶען טוּט גָארְנִישְׁט"; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען צוּ טוּן עֶפֶּעס אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, זָאג כָּאטְשׁ אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים פַאר אֱלוּל.**

### אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ אִינְגְל וָואס הָאלְט גֶעצֵיילְטֶע טֶעג פַאר זַיין בַּר מִצְוָה:** דוּ גֵייסְט בַּאלְד בַּר מִצְוָה הָאבְּן, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען אַ בָּחוּר גֵייט צוּ צוּם בַּר מִצְוָה אוּן עֶר ווֵייסְט פוּן דֶעם אַז "אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן". אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעווּאוּסְט בַּיי מַיין בַּר מִצְוָה, אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִּיק, דֶערְנָאךְ וֶוען עֶס הָאט פַּאסִירְט אַז אִיךְ הָאבּ פַארְפַּאסְט צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פַאר סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע, בִּין אִיךְ גֶעווָארְן אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ, ווַייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַלֶע שַׁארְפֶע זַאכְן פוּן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז וֶוער עֶס פַארְפַּאסְט צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִיז יֶענֶעם טָאג בְּנִדּוּי (זוהר הקדוש פרשת בלק, דף קפו.), אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז אִיךְ קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ דַארְף פְּשׁוּט זָאגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער **בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, מָארְגְן וֶועל אִיךְ יָא לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין צֵייט".**

**אַלְס** בָּחוּר הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז 'תְּשׁוּבָה' אִיז גֵיין אִין קַאלְטֶע מִקְוָאוֹת, זִיךְ פַּארְבְּרֶענֶען דִי הֶענְט, טוּן עֲבוֹדוֹת פוּן צַדִּיקִים. אִיךְ בִּין מְקַנֵּא אַ בָּחוּר וָואס הָאט בַּר מִצְוָה אוּן ווֵייסְט שׁוֹין פוּן דֶעם אַז וָואס עֶס זָאל נָאר פַּאסִירְן מִיט מִיר - קֶען אִיךְ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל פוּנְדָאסְנֵיי, אִיךְ קֶען נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן.

**מֶענְטְשְׁן** וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען זֵיי הֶערְן דָאס ווָארְט "תְּשׁוּבָה", זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס מֵיינְט עֶפֶּעס אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט טוּן, מֶען דַארְף פַאסְטְן אוּן וֶוערְן אִינְגַאנְצְן מָרָה שְׁחוֹרָה; וָואס אִיז תְּשׁוּבָה? תְּשׁוּבָה מֵיינְט אִיךְ זָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי זַיין גוּט**", דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער טוּן.

**יָארְן** צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד פְלֶעג אִיךְ דָאס אַסַאךְ חַזֶר'ן מִיט דִי קִינְדֶער, 'תְּשׁוּבָה טוּן' מֵיינְט - זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אוּן אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט**", אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן ווָאוּסֶענְדִיג אַז זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה.

### אֵיין גוּטֶע גֶעדַאנְק: 'אִיךְ ווִיל זַיין גוּט'

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קידושין מט:) אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַדֵּשׁ אַ פְרוֹי אוֹיפְ'ן

תְּנַאי אַז עֶר אִיז אַ צַדִּיק גָּמוּר, אֲפִילוּ מִיר וֶוייסְן אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַ רָשָׁע גָּמוּר, אִיז דִּי הֲלָכָה אַז מֶען דַּארְף חוֹשֵׁשׁ זַיין אַז דָאס אִיז יָא אַ גוּטֶע קִדּוּשִׁין, וַוייל אֶפְשָׁר הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אֵיין גוּטֶע גֶעדַאנְק: "אִיךְ וִויל זַיין גוּט", אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ צַדִּיק גָּמוּר.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם וָואס תְּשׁוּבָה אִיז, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס נָאר אֵיין דִּיבּוּר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ** וִויל זַיין גוּט", אוּן אֲפִילוּ עֶר זָאגְט עֶס נִישְׁט אַרוֹיס מִיטְ'ן מוֹיל, עֶר טְרַאכְט בְּלוֹיז דֶערְפוּן בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ - אִיז עֶר אוֹיךְ שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ צַדִּיק גָּמוּר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אִים גְלַייךְ צוּרִיק.

**אִין** חַבַּ"ד רֶעדְט מֶען פוּן דִּינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִּי שֵׂכֶל, מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אָבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָנְכַאפְּן דֶעם קָאפּ עֶס זָאל בְּלַייבְּן טְרַאכְטְן אַ שָׁעָה צַייט פוּן אֶלוֹקוּת, דֶער מֹחַ פְלִיט דָאךְ אַ גַאנְצְן צַייט אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֵיינְס צוּ אַנְדֶערֶע זַאכְן, מֶען דַּארְף הָאבְּן גָאר אַ שְׁטַארְקֶע מֹחַ צוּ בְּלַייבְּן טְרַאכְטְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין אֶלוֹקוּת. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען זָאל דָאס קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין, מֶען זָאל רֶעדְן מִיטְ'ן מוֹיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם בְּלַייבְּט דֶער קָאפּ וַואךְ אוּן פָארְט נִישְׁט אַוֶועק צוּ נָארִישְׁקַייטְן.

## קֵיינֶער וִויל נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת

**דִּי** מְקַטְרִיגִים אוּן דִּי (אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע) שֵׁיינֶע אִידְן קוּמֶען צוּ גֵיין מִיט טַעֲנוֹת, "וָואס הֵייסְט דוּ לֶערְנְסְט אוֹיס פַאר קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי וֶועלְן דָאךְ אַלֶע טוּן עֲבֵירוֹת וַוייל זֵיי וִויסְן אַז מֶען קֶען גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן?!"... - בַּארוּאִיג זִיךְ, קֵיינֶער וִויל נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, אַז מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה אִיז דָאס נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין דִּי עֲבֵירָה, אַ מֶענְטְשׁ דַּארְף וִויסְן: אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן! אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ תְּשׁוּבָה טוּן!

**אַז** אֵיינֶער וֶועט דִּיר קוּמֶען זָאגְן אַז דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְלַאכְן פוּן יֶענֶעם, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט דָאס הֶערְן דוּרְךְ אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְלַאכְן, דָאס אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן צוּ פַארְגְרֶעסֶערְן דִּי נִסָּיוֹן אוּן דִּי מְנִיעוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל מֵיינֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ - אִין קַיין שׁוּם מַצָּב וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז - אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

**דֶער** מִתְנַגֵּד שְׁרֵייט: "וואוּ אִיז גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן אַזַא זַאךְ? דוּ רֶעדְסְט צוּ בָּחוּרִים אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נָאכְדֶעם וֶועלְן זֵיי נָאךְ גֵיין טוּן וָואס זֵיי ווִילְן..." דִּי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער הֶערְט מֶען פוּן דִּי מִתְנַגְּדִים וִוי זֵיי מַאכְן חוֹזֶק פוּן רֶבִּינְ'ס

רֹאשׁ הַשָּׁנָה: "מֶען טוט זִיךְ וָואס מֶען וִויל און מֶען פָּארְט זִיךְ אויף אוּמַאן..." - בִּשְׁעַת דֶער אֱמֶת אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דָאס אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי וֶועג פון תְּשׁוּבָה מַאכְט אַז מֶען זָאל וֶועלְן זַיין גוּט.

**בָּחוּרִים** זָאגְן מִיר דָאס קְלָאר: "פַּאר אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר רוּאִיג, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט 'אַוַודַאי זֶענֶען דָא צַדִּיקִים, עֶס זֶענֶען דָא עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶּער אִיךְ בִּין שׁוֹין סֵיי וִוי דֶערְנָאךְ, קֶען אִיךְ דָאךְ טוּן וָואס אִיךְ וִויל', אָבֶער הַיינְט נָאכְ'ן הֶערְן אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת פוּן תְּשׁוּבָה, קוּמְט מִיר אַ גַאנְצְן טָאג אַרוֹיף מַחְשָׁבוֹת אַז אִיךְ קֶען דָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן, עֶס פַּיינִיגְט מִיר יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ יָא צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב..."

### יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי

**דֶער** הֵיילִיגֶער זֹהַר (פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, דַף צח.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ב, ז) "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ" זָאגְט אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אויף אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר, עֶר הֵייבְּט אָן פוּנְדָאסְנֵיי, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז הַיינְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, און דֶער רֶבִּי טַייטְשׁ דָאס אוֹיס אויף יֶעדְן אִיד (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סא), יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז הַיינְט גֶעבּוֹירְן.

**עֶס** אִיז דָא גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין חִיּוּת, עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן; וֶוען אֵיינֶער אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס עֶר גֵייט זָאגְן, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶעם און גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט זִיךְ מִיר אַ מַזָּל טוֹב!" יֶענֶער וֶוערְט פַארְוואוּנְדֶערְט: "וָואס? בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן?" זָאגְט דֶער בָּחוּר: "נֵיין; אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעבּוֹירְן!" דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, אַזוֹי וִוי מֶען מַאכְט אַ קִידּוּשׁ פַאר אַ נֵיי גֶעבּוֹירְן קִינְד, אַזוֹי אִיז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ יֶעדְן טָאג, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע אֱלוּל, און מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אָמֵן.

**נָאכְדֶעם** הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "זָכְרֵנוּ לְחַיִּים, מֶלֶךְ חָפֵץ בַּחַיִּים, וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים, לְמַעַנְךָ אֱלֹקִים חַיִּים".

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָדוֹשׁ שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט.

**אֵיידֶער** דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת. הֶעלְף מִיר הֶעלְף מִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת. אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

### שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכט

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: **עִקַּר הִתְגַּבְּרוּת הַתַּאֲוָה הַיָּדוּעַ, דְּהַיְנוּ תַּאֲוַת הַמִּשְׁגָּל, הוּא רַק מֵחֲמַת עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה,** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, בְּרֶענְגְט דָאס צוּ עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית. **וּצְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל עֹז לִהְיוֹת אַךְ שָׂמֵחַ תָּמִיד,** מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

### אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן קוּמְט נָאר פוּן עַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן מִיט דִי עֲבֵירָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'לִילִי"ת' וָואס דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן יְלָלָה - וֵויינֶען. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם אוֹיס דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְּבָרִים ז, יב): "וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן ... וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית", אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה יא, ז): 'וְהָיָה' אִיז אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, זָאגְט דֶער פָּסוּק: "וְהָיָה" - אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט: "וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית" - וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית.

**נָאךְ** זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲזַי תֵּכֶף הִיא עֲבֵרָה גְּדוֹלָה כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ עַצְבוּת, חַס וְשָׁלוֹם", אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, "כִּי עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אָחֳרָא (זֹהַר נֹחַ דַּף עא)", וַוייל טְרוֹיעֶר קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא,

"וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס פַּיינְט.

**דֶער** יֵצֶר הָרָע ווִיל אֵיין זַאךְ, אַרַיין וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט, אִין אַ פַּארְלוֹירְנְקֵייט, אִין אַ יֵאוּשׁ, כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאכְדֶעם אַרָאפּ פַּאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ.

**אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ מִיט מַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים**

מִיט וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פְּרֵייעֶן? - אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ הִיט שַׁבָּת, אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ מִיט מַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אִיךְ טוּ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, פָּרָשָׁה כה, יב) "אִם תִּזְכּוּ לִשְׁמֹר שַׁבָּת מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ שְׁמַרְתֶּם כָּל הַמִּצְוֹות שֶׁבַּתּוֹרָה", וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הִיט אָפּ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, "וְאִם חִלַּלְתֶּם אוֹתָהּ מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ חִלַּלְתֶּם כָּל הַמִּצְוֹות", אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען הִיט נִישְׁט שַׁבָּת - אִיז אַזוֹי וִוי מֶען לֵייקֶענְט בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ. אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְּרֵיילִיךְ אוּן אִיז אִין אַ גוּטֶע מוּט, גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**זָאגְט** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

**וְאָמַר: אֲפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶּשׁ וָטִיט,** אַפִילוּ אַז עֶס הָאט זִיךְ יָא גֶעמַאכְט, אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ בְּלָאטֶע פוּן עֲבֵירוֹת, **שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם,** וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, גֶעבְּט דֶער רֶבִּי אַן עֵצָה: **צוֹעֲקִין וְצוֹעֲקִין וְצוֹעֲקִין!** זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט אִין אִידִישׁ אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֶעס אַרָאפּ גֶעשְׁרִיבְּן אִין לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ גוּטֶע שִׂיחָה, בְּרֶענְגְט עֶס רֶבִּי נָתָן אַרָאפּ אִין אִידִישׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט. **וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, אִין אֲפִלּוּ אַז מֶעפַאלְט אִין אַה בְּלָאטִי אַרַיין שְׁרַייט מֶען אִין מֶע שְׁרַייט אִין מֶע שְׁרַייט, וְהִגְבִּיהַּ יָדָיו קְצָת וְלֹא אָמַר יוֹתֵר,** דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט אוּן נִישְׁט גֶעזָאגְט מֶער.

**דֶער** רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דָא אַן עֵצָה, וָואס מֶען זָאל טוּן וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ תַּאֲוָה, אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַז מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דַאן גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן:

וְאֲפִילוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לְתוֹךְ רֶפֶּשׁ וְטִיט,

אַסַאךְ מָאל פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ בְּלָאטֶע אִין שְׁמוּץ,

שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאוֹד לָצֵאת מִשָּׁם,

ס'שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דָארְט,

אָבֶער דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה,
ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן מַאכְן אַ פְּלֵיטָה,
אַנְטלוֹיפְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת,
ס'אִיז דָא אוֹיף דֶעם נָאר אֵיין בְּרֵירָה.
מְ'שְׁרֵייט אוּן מְ'שְׁרֵייט אוּן מְ'שְׁרֵייט,
מְ'שְׁרֵייט אוּן מְ'שְׁרֵייט אוּן מְ'שְׁרֵייט,
הֶעלְף מִיר טַאטֶע, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע.
הֶעלְף מִיר טַאטֶע, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע.

**זָאגְט** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווַייטֶער:

**וְאָמַר,** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, **שֶׁלְּעִנְיַן הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים שֶׁמְּבַלְבְּלִין לְאָדָם בְּעִנְיָן זֶה, שֶׁדַּיָּהּ לְצָרָה בְּשַׁעְתָּהּ** (בְּרָכוֹת ט:) **וְלֹא יְבַלְבֵּל עַצְמוֹ כְּלָל בְּעִנְיָן זֶה לֹא קֹדֶם וְלֹא אַחַר־כָּךְ,** אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תלז) בִּשְׁעַת אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר זָאגְן: **"הַיּוֹם אֲנִי מַתְחִיל לְדָבֵק בְּךָ",** רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט; וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאווְנֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב.

**שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב אִיז דִי פִּינְטֶעלֶע אִיד!**

**מֶען** הָאט הַיינְט גֶעבֶּענְטְשְׁט 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל', מֶען קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין, מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְוֶועקְן. מֶען דַארְף שׁוֹין מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ: וָואס טוּ אִיךְ דָא? אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם אַ גַאנְץ יָאר נָאר כְּדֵי אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אוּן לוֹיפְן צוּ דִי אַרְבֶּעט?!

**ווֶוען** עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי פָּאר יָאר, דֶער מֶענְטְשׁ ווֶוערְט עֶלְטֶער, כַאפְּט מֶען זִיךְ 'פַארְוָועס הָאבּ אִיךְ גֶעאַרְבֶּעט?' אוּן 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעאַרְבֶּעט?!' - מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן, מֶען דַארְף בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶער אִיךְ זָאל צוּלִיבּ דֶעם אַוֶועק גֶעבְּן מַיין שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב?!

**אַז** עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן צוּ טְרַאכְטְן 'וָואס טוּ אִיךְ דָא? עֶס אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַ גַאנְצֶע יָאר, אִיךְ הָאבּ דָאס עֶרְלֶעדִיגְט אוּן יֶענְץ עֶרְלֶעדִיגְט, אָבֶער וָואס לוֹיף אִיךְ נָאךְ? אִיךְ לוֹיף נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת!' (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ), מַיין בַּעַל הַבַּיִת, מַיין בִּיזְנֶעס אִיז מִיר ווִיכְטִיגֶער פוּן דַאווְנֶען?! ווַיילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק מִיט שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב הָאט עֶר נָאךְ גַארְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּן, דָאס אִיז דִי פִּינְטֶעלֶע אִיד! עֶס קוּמְט יֶעצְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, לָאמִיר זִיךְ דָאס פַארְנֶעמֶען, אִיךְ גֵיי ווַייטֶער אַרְבֶּעטְן, אִיךְ גֵיי ווַייטֶער פַארְדִינֶען גֶעלְט, אָבֶער אִיךְ

וֶועל יֶעדְן טָאג גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב.

**מֶעלְק דַיין קוּ אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ!**

**עֶס** זֶענֶען דָא עַסְקָנִים וָואס מַאכְן שֵׁיינֶע קַארְטְלֶעך חוֹזֵק צוּ מַאכְן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען מִיט זֵייעֶרֶע טֶעלֶעפָאוּן'ס אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, זֵיי וַוייזְן אַ בִּילְד וִוי אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ צוּם עָמוּד אוּן הַאלְט זַיין קוּ נֶעבְן זִיךְ, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אִים: "דוּ בְּרֶענְגְסְט אַרַיין דַיין קוּ אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ?!" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "דָאס אִיז מַיין פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארְף עֶס לְצוֹרֶךְ פַּרְנָסָה!" אוֹי אִיז עֶס גוּטֶע קַארְטְלֶעךְ.

**זֵייעֶר** פֵיין אַז דוּ הָאסְט אַ פַּרְנָסָה, אָבֶער דוּ בִּיסְט דָאךְ יֶעצְט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אַרַיין דַיין קוּ אִין שׁוּל? דָא גֵייסְטוּ מֶעלְקְן מִילְךְ?! פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אַרַיין דַיין גַאנְצֶע אָפִּים אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ?! מֶעלְק דַיין קוּ אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ, דוּ בִּיסְט דָאךְ יֶעצְט גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

**אִיךְ קוּם אִין שׁוּל נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

**וָואס** הָאסְטוּ פוּן דַיין גַאנְצֶע גֶעלְט, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אֵיין תְּפִילָּה אָן זָאגְן אוּן שְׁרַייבְּן פַאר דַיין בַּעַל הַבַּיִת, אַרְבֶּעטֶער, מֶענֶעדְזְשֶׁער יֶעדֶע מִינוּט נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט?! יֶעצְט דַאוֶוען אִיךְ, יֶעצְט גֵיי אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מִיר, פַאר מַיין וַוייבּ, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**מֶען** דַארְף הָאבְּן אַזוֹיפִיל רַחֲמִים אַז אַלֶעס זָאל גֵיין גוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָאר אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶער מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן. וֶוען אִיךְ קוּם אִין שׁוּל הָאבּ אִיךְ מִיט קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט, אַז אִיךְ ווִיל שְׁמוּעֶסְן וֶועל אִיךְ אַרוֹיס גֵיין פוּן שׁוּל אַלֶעס עֶרְלֶעדִיגְן, אִין שׁוּל קוּם אִיךְ נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**הַלְוַאי** זָאלְן מִיר עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים יֶעדֶע וָואךְ, אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן גַאנְץ תְּהִלִּים, זָאל מֶען כָאטְשׁ זָאגְן 'אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים', אוּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל גְּמָרָא אוּן אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם **נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט**", וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען גְרֵייטְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

**דֶערְנָאךְ** הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען לְכָבוֹד שַׁבָּת מְבָרְכִים דֶעם נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם. לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. לְפַרְנָסָה טוֹבָה וּלְכַלְכָּלָה. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. לִשְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת. וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. וְלִגְשָׁמִים בְּעִתָּם. וְלִרְפוּאָה שְׁלֵמָה. וְלִגְאוּלָה קְרוֹבָה וְנֹאמַר אָמֵן".

# פַּרְשַׁת
# רְאֵה

# פַּרְשַׁת רְאֵה

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס בַּיים בָּאטֶע הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט הֶערְלִיכֶע דִּבְרֵי הִתְחַזְּקוּת בְּעִנְיַן זַיין הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

### מֶען דַארְף זִינְגֶען זְמִירוֹת

**אִינְמִיטְ'ן** זְמִירוֹת הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מְעוֹרֵר גֶעוֶוען דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן מִיט זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן וָואס אִיז גֶעזִיצְן אִין דִי זַייט אוּן גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת: "בַּאלְד הָאסְטוּ שׁוֹין חֲתוּנָה; מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט זִיצְן אִין דִי זַייט אוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, מֶען דַארְף מִיט זִינְגֶען זְמִירוֹת".

### אֲשֶׁ"ר נָתַ"ן מְנוּחָ"ה

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער (אִינְמִיטְן כָּל מְקַדֵּשׁ): "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אֲשֶׁר נָתַן מְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל", אוּן גֶעזָאגְט: דָאס זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, מֶען זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: בָּרוּךְ הַשֵּׁם, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֲשֶׁר נָתַן מְנוּחָה, אַז דוּ הָאסְט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, 'מְנוּחָה' - הָאט אִין זִיךְ דִי אוֹתִיּוֹת פוּן רֶבִּי'נְ'ס נָאמֶען 'נַחְמָן', 'נָתַן' - אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, אוּן 'אֲשֶׁר' - אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן מוֹהֲרָא"שְׁ'ס נָאמֶען, רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה.

**עֶס** זֶענֶען דָא נִיגוּנִים וָואס מֶען הָאט לִיבּ וֶועגְן דֶער טוֹן אִיז שֵׁיין, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא נִיגוּנִים וָואס דֶער טוֹן אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אוֹיסְנָאם שֵׁיין, אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיין, ווִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל דֶער נִיגוּן: "כִּי טוֹב הַשֵּׁם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט", מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אוֹיס וֶוען מֶען זִינְגְט דֶעם נִיגוּן, וַוייל דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיין. דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דֶעם נִיגוּן 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אֲשֶׁר נָתַן מְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל', זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער זֵייעֶר שֵׁיין.

### דוּ הָאסְט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט:** בַּיי דִי סְעוּדָה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ גַאסְט, מַיין חָבֵר דֶער מְנַהֵל ר' אַבְרָהָם מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר צוּ

דִי סְעוּדוֹת, וַוייל עֶר הָאט דִי וָואךְ גֶעמַאכְט אַ בְּרִית פַאר זַיין נֵיי גֶעבּוֹירְן זוּן, אוּן זַיין ווייבּ אִיז אַוֶועק גֶעפָאְרן זִיךְ אָפְּרוּעֶן.

**בַּיים** בְּרִית הָאט עֶר מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט סַנְדְקָאוּת, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס בִּיסְטוּ מִיךְ מְכַבֵּד מִיט סַנְדְקָאוּת? אֵיינְמָאל וֶוען עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ בְּרִית בַּיי מוֹהֲרָא"ש הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"ש וֶועלְכֶע כִּיבּוּד עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן, הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "יוֹאֵל דַארְף נִישְׁט קַיין כִּבּוּדִים", אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס בִּיסְטוּ מִיךְ מְכַבֵּד? הָאט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ טוּ עֶס אַלְס הַכָּרַת הַטּוֹב אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן".

**מוֹהֲרָא"ש** דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ בְּרִית פַאר זַיין קִינְד אוּן עֶר הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד צוּ זַיין סַנְדָק, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעווָאוּנְדֶערְט 'וָואס הָאסְטוּ מִיט אִים אַז דוּ בִּיסְט אִים מְכַבֵּד מִיט אַזַא חָשׁוּבֶ'ער כִּיבּוּד?' הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט מַיין עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן!"

**מִיר** קֶענֶען נָאר זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט אוּנְזֶער הוֹיז אוּן קַאר, וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל קֶענֶען מִיר נִישְׁט זֶען. נְשָׁמוֹת וַואלְגֶערְן זִיךְ אַרוּם הוּנְדֶערְטֶער יָאר, מֶען וֶוערְט מְגֻלְגָּל אִין פְרֶעשׁ, הִינְט, קֶעץ אוּן מָאוּקָאשֶׁעס... אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן גֶעזָאגְט דֶעם 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי' - אִיז מְתוּקָן! דֶערְפַאר, אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם רֶבִּי'ן.

### וֶוער הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל קַיין אוּמַאן?

**מַיין זֵיידֶע**, דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רַב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן מַיין עֶרְשְׁטֶע מָאל, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר פוּן פוּפְצֶן יָאר אַלְט. וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה? אֵיינֶער פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה וָואס אִיז שְׁטִילֶערְהֵייט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן הָאט אָנְגֶעדְרֵיידְט פַאר מַיין זֵיידֶע אַ נְסִיעָה צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, כְּדֵי עֶר זָאל אוֹיךְ גֵיין קַיין אוּמַאן, מִיר זֶענֶען גֶעפָאְרן בַּיי זֵייעֶר אַסַאךְ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, אִין גַאנְץ אוּקְרַיינֶע, רָאמֶעניֶע, אוּנְגַארְן אוּן פּוֹילִין. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה וַוייל דֶעמָאלְט אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דְרָשִׁי פִּי עֶס, מֶען הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי יֶעדֶע גַאז סְטַאנְצְיֶע פְרֶעגְן וואוּ צוּ פָאְרן וַוייטֶער, אוּן רוֹב מָאל אִיז דֶער עֶנְטְפֶער גֶעוֶוען אַז מִיר זֶענֶען הִיבְּשׁ פַארְפָאְרן...

**אִינְטֶערֶעסַאנְט** אִיז אַז אֲפִילוּ אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע גֶעפִיל אִין אוּמַאן אוּן אִין דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אִיךְ גֶעדֶענְק ווִי פְרֵיילִיךְ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ גַאנְצְן וֶועג אַז מֶען

פָארְט קַיין אוּמַאן, מַיינֶע קְאזִינְס הָאבְּן חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן מִיר, וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ מִיט אוּמַאן. [אַגַב, אוֹיפְ׳ן וֶועג קַיין אוּמַאן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נֵס, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דִי גַאס אוּן אַ קַאר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פְלִיעֶן, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי דֶער קַאר וֶועט מִיר זִיבֶער אַרָאפּ קְלַאפְּן, אוּן אַלֶע הָאבְּן שׁוֹין גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי, אַז דִי קַאר הָאט מִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ גֶעקְלַאפְּט. מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַז אִיךְ דַארְף גּוֹמֵל בֶּענְטְשְׁן, אוּן פוּן דַאן הָאט עֶר מִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין אַלֵיינְס, עֶר הָאט מִיר אַ גַאנְצְן צַייט אָנְגֶעכַאפְּט].

### ווִי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְקוּרָב גֶעוָוארְן?

**פְרִיעֶר** בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה הָאבְּן מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט ווִיפִיל מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין פַארְקֶערְט אַז מִיר זָאלְן זַיין עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ אוּן אַנְדֶערֶע מִיטְגְלִידֶער פוּן אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה זָאלְן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן אוּן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל וְכוּ׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז אִיךְ בִּין דָא, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען מַיין חָבֵר דֶער מְנַהֵל.

**אִיךְ** וֶועל אַייךְ אַבִּיסְל דֶערְצֵיילְן דִי הִשְׁתַּלְשְׁלוּת ווִי אַזוֹי אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן. מַיין טַאטֶע זָאל זַיין גֶעזוּנְט הָאט בְּמֶשֶׁךְ אַפָּאר יָאר גֶעהַאט אַ יְשִׁיבָה אִין בָּארָא פַּארְק, עֶס הָאבְּן דָארְט גֶעלֶערְנְט צֶען פוּפְצֶן בָּחוּרִים, צְווִישְׁן זֵיי הָאט דָארְט גֶעלֶערְנְט מַיין חָבֵר רֶבִּי יוֹדְל נֵרוֹ יָאִיר. נָאךְ זַיין חֲתוּנָה הָאט רֶבִּי יוֹדְל גֶעוואוֹינְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס אִיז נֶעבְּן מַיין הוֹיז. רֶבִּי יוֹדְל אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין אִים צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אִיךְ פְלֶעג אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים פוּן נִיגוּנִים אוּן נָאךְ זַאכְן.

### חוֹדֶשׁ נִיסָן שְׁנַת תשס״ד

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, בְּעֶרֶךְ חוֹדֶשׁ נִיסָן שְׁנַת תשס״ד הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן רֶבִּי יוֹדְל אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בַּיינַאכְט, זָאגְט עֶר מִיר: ״אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ נֵייעֶ נִיגוּן, אַן הֶערְלִיכֶע נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען זִינְגְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת ׳יְצַוֶּה צוּר חַסְדּוֹ׳״, עֶר הָאט עֶס גֶעזוּנְגֶען פַאר מִיר עֶטְלִיכֶע מָאל, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דֶערְפוּן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט, ווָאוּ קֶען מֶען הֶערְן דֶעם נִיגוּן? זָאגְט עֶר מִיר: ״עֶס אִיז דָא דָא אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים אוֹיף רָאבְּלִינְג. דָארְט זִינְגְט מֶען עֶס בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, קוּם אַרַיין, דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן״, אִיךְ בִּין אַהִין גֶעגַאנְגֶען צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעפָעלְן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען זִינְגְט

דֶעם נִיגוּן, מֶען הָאט עֶס גֶעזוּנְגֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, אָבֶּער עֶס הָאט מִיר יָא גֶעפָאלְן דִי דִיבּוּרִים וָואס מֶען הָאט דָארְט גֶערֶעדְט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דָאס תְּמִימוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזֶען. דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

**רֶבִּי** יוּדְל הָאט מִיר מְזַמֵן לְזַמֵן אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִינֶעם בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר שְׁטִיבְּל.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר צוּגֶעבַּאפְּט צוּ דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעפוּנֶען דָאס פְּלַאץ אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, מַיינֶע עֶלְטֶערְן וואוֹינֶען אִין בָּארָא פַּארְק, אַ גַאנְצֶע וָואךְ בִּין אִיךְ רוֹב טָאג גֶעוֶוען אִין בָּארָא פַּארְק אִין קַארְלְסְבּוּרְגֶער כּוֹלֵל, שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אַלְץ גֶעזוּכְט צוּ זַיין אִין בָּארָא פַּארְק, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן שַׁבָּת אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג הָאבּ אִיךְ זִיךְ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דָאס פְּלַאץ, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּנֶעם בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר שְׁטִיבְּל, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע רוּאִיגֶע בֵּית הַמֶדְרָשׁ פוּן אִינְגַאנְצְן צֶען מֶענְטְשְׁן.

### זוּמֶער שְׁנַת תשס"ד

**יֶענֶעם** זוּמֶער הָאט מֶען מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַ מְלוּמְדוּת פָּאסְטְן אִין אַ מוֹסָד פַאר דִי זוּמֶער וָואכְן. וַיְהִי הַיוֹם, אַ טָאג פַאר אִיךְ בִּין גֶעפָארְן אִין קֶעמְפּ, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין אוּנְגְוַואר בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין בָּארָא פַּארְק דֶעם גְרוֹיסְן מֵפִיץ ר'

... נֵרוֹ יָאִיר. עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל חֵלֶק כז, אִיךְ הָאבּ עֶס מִיט גֶענוּמֶען אִין קֶעמְפּ אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה גֶעוֶוען דֶערְמִיט.

**שְׁפֶּעטֶער** הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט, אַז אַ טָאג פַארְדֶעם הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "מָארְגְן זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָּצָה אִין אוּנְגְוַואר בֵּית הַמֶדְרָשׁ, וַוייל דָארְט זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס פָארְן יֶעצְט אַרוֹיס אִין קָאנְטְרִי אוּן זֵיי דַארְפְן חִיזוּק!"

### רֹאשׁ הַשָׁנָה שְׁנַת תשס"ה

**נָאךְ** קֶעמְפּ בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, בִּיז צְוֵויי וָואכְן פַאר רֹאשׁ הַשָׁנָה, וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פוּן זַיין רֹאשׁ הַשָׁנָה אִין אוּמַאן, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט נֶעמֶען דִי לַחַץ פוּן הֶערְן וִוי מֶען רֶעדְט פוּן אוּמַאן, וַוייל אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ קֶען נָאכְנִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קוּמֶען אַהִין דַאוֶוענֶען פוּן צְוֵויי וָואכְן פַאר רֹאשׁ הַשָׁנָה בִּיז נָאךְ רֹאשׁ הַשָׁנָה.

**אִיךְ** דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע נִישְׁט גֶעפָארְן יֶענֶעם יָאר קַיין אוּמַאן, וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט יָא גֶעפָארְן, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, אוּן

עֶטְץ וָואלְטְס נִישְׁט גֶעוֶוען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. מוֹהֲרָא"שְׁ'ס אַרְבֶּעט וָואלְט נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען לְאִבּוּד, אָבֶּער עֶטְץ וָואלְטְס נִישְׁט גֶעוֶוען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מוֹסְדוֹת אוּן קַיין שְׁטֶעטְל וְכוּ' וְכוּ'.

## ווִינְטֶער שְׁנַת תשס"ה

**נָאךְ** רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעקוּמֶען דָארְט דַאוֶוענֶען. ווִינְטֶער שְׁנַת תשס"ה הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרֶעפְן מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט קוּמֶען יֶעדְן 'מוֹצָאֵי שַׁבַּת מְבָרְכִים' צוּ מְלַוֶה מַלְכָּה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג. אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט וואוּ אִיךְ קֶען מְשַׁמֵשׁ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעגָאסְן זַיין בֶּעכֶער וְכוּ'.

דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי מָאל אִיז מִיר עֶס גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַבִּיסְל חֲלִישַׁת הַדַעַת, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף זַיין אַ בַּטְלָן וָואס וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ מֶען גֵייט, אוּן מֶען דַארְף אִים אָנְכַאפְּן וְכוּ', אוּן דָא זֶע אִיךְ ווִי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גָארְנִישְׁט קַיין בַּטְלָן, עֶר גֵייט אַלֵיינְס, קֵיינֶער כַאפְּט אִים נִישְׁט אָן, אוֹיךְ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעהַאט אַ הַאנְט זֵייגֶער, אוּן אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט דֶעם אַז אַ חַסִידִ'ישֶׁער אִיד גֵייט נִישְׁט מִיט אַ הַאנְט זֵייגֶער. אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעווָאוּנְדֶערְט, דָאס אִיז מוֹהֲרָא"שׁ? עֶר אִיז דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּנֶעם פְלַאם פֵייעֶר 'אֲשֶׁר בַּנַחַל', וָואס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ דְבֵיקוּת בְּהַשֵׁם אוּן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**נָאךְ** דִי עֶרְשְׁטֶע מְלַוֶה מַלְכָּה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט, ווִי אַזוֹי קֶען זַיין, אוֹיף דִי אִינְגֶעלַייט פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ זֶע אִיךְ ווִי זֵיי לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ זֶע אִיךְ גָארְנִישְׁט עֶפֶּעס אוֹיסְנַאם, אַפִילוּ דִי דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט דָא בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיז מֶער פֵייעֶרְדִיג פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. הָאט עֶר מִיר שֵׁיין מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קמ) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אִיוֹב לז, ז): "בְּיַד כָּל אָדָם יַחְתּוֹם לָדַעַת כָּל אַנְשֵׁי מַעֲשֵׂהוּ", אַז דֶעם צַדִיק אֱמֶת קֶען מֶען נִישְׁט מַשִׂיג זַיין, אוֹיפְ'ן צַדִיק הָאט מֶען אַסַאךְ קַשְׁיוֹת, נָאר דוּרְךְ זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אִים קֶען מֶען אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם צַדִיק, דֶער צַדִיק אִיז אַזוֹי ווִי אַ זִיגְל וָואס דִי אוֹתִיוֹת זֶענֶען אַרַיין גֶעקְרִיצְט פַארְקֶערְטֶערְהֵייט, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט לֵיינֶען וָואס דָארְט שְׁטֵייט, אָבֶּער אַז מֶען זִיגְלְט אַרָאפּ דִי אוֹתִיוֹת דֶערְמָאלְט קֶען מֶען לֵיינֶען דִי אוֹתִיוֹת וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִינֶעם זִיגְל, דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "בְּיַד כָּל אָדָם יַחְתּוֹם", דֶער צַדִיק אִיז אַזוֹי ווִי אַ זִיגְל, "לָדַעַת כָּל אַנְשֵׁי מַעֲשֵׂהוּ", דוּרְךְ זַיינֶע מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען זֶען וֶוער דֶער צַדִיק אִיז.

### רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשס"ו

**לְמַעֲשֶׂה** הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווי זַאכְן רִיקְן זִיךְ, מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ אִיךְ אִינְמִיטְן יָאר גֶעזָאגְט פַּאר מַיין ווייבּ תְּחִיֶ' אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פָאר אִיךְ קַיין אוּמַאן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה! מַיין ווייבּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ פָאר, נָאר "אִיךְ" זָאל מֶעלְדְן פַאר אִירֶע עֶלְטֶערְן אַז אִיךְ פָאר, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן.

**וֶוען** אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין לוּפְטְפֶעלְד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע מְנִיעוֹת, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט אַז אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט קֶענֶען בֵּייקוּמֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן צְווֵיי חֲבֵרִים, אוֹיבּ זֵיי זֶעען ווי אִיךְ וויל צוּרִיק גֵיין, זָאלְן זֵיי מִיר אָנְכַאפְּן אוּן אַרוֹיפְטְרָאגְן אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעגֶעבְן מַיין פַּאסְפָּארְט.

**אִיךְ** בִּין אַרוֹיף אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער צוּזַאמֶען מִיט מַיין חַבֵר דֶער מְנַהֵל. אַ גַאנְצְן וֶועג הָאבְּן מִיר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן גֶעפְּלַאקֶערְט אוּן גֶעבְּרֶענְט אַז מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן!

**פוּנֶעם** לוּפְטְפֶעלְד קַיין אוּמַאן זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן אִין אַ קַאר מִיט נָאךְ אֵיינֶעם אַ מַשְׁפִּיעַ אִין בְּרֶסְלֶב וָואס פָארְט שׁוֹין יָארְן קַיין אוּמַאן, אִיךְ גֶעדֶענְק ווי עֶס אִיז אוּנְז גֶעוֶוען אַ ווּאוּנְדֶער צוּ זֶען ווי יֶענֶער אִיז גֶעפָארְן מִיט אַ טְרִיקְנְקֵייט, אוּן מִיר הָאבְּן אַ גַאנְצֶע וֶועג גֶעשְׁפְּרִינְגֶען: "מֶען פָארְט קַיין אוּמַאן", "מֶען פָארְט קַיין אוּמַאן"...

**אִין** אוּמַאן הָאבּ אִיךְ ווייטֶער גֶעהַאט זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעווֵיינְט. אוֹיךְ וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מְנִיעוֹת.

### יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט מְנִיעוֹת

**מֶען** דַארְף ווִיסְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט מְנִיעוֹת, נָאר ווִילַאנְג דִי מְנִיעוֹת זֶענֶען פוּן מֶענְטְשְׁן פוּן אִינְדְרוֹיסְן, טַאטֶע, מַאמֶע, שְׁוֶוער, שְׁווִיגֶער, זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע, אִיז עֶס נָאךְ גְרִינְג אִיבֶּער צוּ קוּמֶען, אָבֶּער וֶוען דִי מְנִיעוֹת זֶענֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט וְכוּ', אוּן וויל שׁוֹין נָאר פָארְן קַיין אוּמַאן ווַייל עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן דִי חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן אִים פְרֶעגְן: "דוּ בִּיסְט דָא גֶעבְּלִיבְן?!" - אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שׁוֹין אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וויל בְּלַייבְּן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, אִיךְ וויל גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט מִיר, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי עֶפְנְט מִיךְ דִי אוֹיגְן אַז אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".**

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְלֶעגְט זָאגְן: "מַיין הִתְקָרְבוּת אִיז גָארְנִישְׁט אָפְּגֶעקִילְט, אִיךְ

הָאבּ הַיינְט - בַּיי דִי פִינְף אוּן זִיבֶּעצִיג יָאר - דֶעם זֶעלְבְּן בְּרֶעןְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן!" דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, אַ מֶענְטְשׁ זָאל בְּלַייבְּן מִיטְ'ן זֶעלְבְּן בְּרֶען אַזוֹיפִיל יָארְן. אִיךְ בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף **מִיר אִיךְ זָאל פָאר וַויל הֵיי יָאר צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט דִי זֶעלְבֶּע בְּרֶען אוּן חֵשֶׁק וָואס אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מַיין עֶרְשְׁטֶער יָאר, שְׁנַת תשס"ו".**

### וָואס אִיז גְרֶעסֶער פוּן גִלּוּי אֵלִיָהוּ?

**מֶען** טָאר נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶעם גֶעפִיל וֶוען מֶען הָאט גֶעהַאט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט פוּן דִי עֵצָה אַז אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ קֶען שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ קֶען אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** אִיז דָאךְ אַזַא מַתָּנָה; וואו דוּ בִּיסְט קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אִיךְ בִּין אִין בֶּעט, וֶוען אִיךְ כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר, - קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ בִּשְׁעַתְ'ן דַאוָונֶען קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, פְּרַייטָאג צוּנַאכְטְס וֶוען אִיךְ דַאוָוען פַארְ'ן עָמוּד אוּן דֶער עוֹלָם זִינְגְט 'וְשָׁמְרוּ', וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּן? - אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אוּן וָואס זָאל דֶער עוֹלָם טוּן וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זִינְגְט 'וְשָׁמְרוּ'? זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

**וֶוען** דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תקנ"ט, הָאט דִי שִׁיף גֶעאַנְקֶערְט אִין חֵיפָה, אַנְטְקֶעגְן הַר הַכַּרְמֶל, נֶעבְּן דִי מְעָרַת אֵלִיָהוּ - דֶעם הֵייל וואו אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן דִי עוֹבְדֵי הַבַּעַל, דָארְט הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׂרִיגְן פַאר אַלֶע גֶעצְן דִינֶער (מְלָכִים א' יח, לט): "ה' הוּא הָאֱלֹקִים!" חוֹל הַמוֹעֵד סוּכּוֹת אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין 'מְעָרַת אֵלִיָהוּ', דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶע'מָשָׁלְ'ט וִוי אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא אִיז דָא גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת". מֶען זֶעט פוּן דֶעם וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא; מֶענְטְשְׁן ווִילְן זוֹכֶה זַיין צוּ הוֹיכֶע זַאכְן, צוּ גִלּוּי אֵלִיָהוּ, צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, צוּ הִתְפַּשְּׁטוּת הַגַּשְׁמִיוּת, זָאגְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, 'טוּן' וָואס אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעטוּן, אִיז גְרֶעסֶער פוּן 'זֶען' אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא, וָואס הָאט אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא גֶעטוּן? אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן 'גִלּוּי אֵלִיָהוּ'.

### קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דִי גַאנְצֶע זַאךְ פַארְוָואס מִיר פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן אִיז נָאר צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טָהֳרַת הַמֹּחַ וְהַמַּחְשָׁבָה, אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען נִישְׁט זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אַ מֶענְטְשְׁנְ'ס מֹחַ, אִין דִי קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶע, מֶען קֶען

אויסקוקן ווי אַ חַסִיד'ישער איד וְכוּ', און מֶען איז אָנְגעפִילט מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען רַחֲמָנָא לִצְלַן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רי"א): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם נוֹסְעִין עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים", דָאס וָואס דִי וֶועלְט פָּאֳרְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ צַדִּיקִים, "כִּי עִקַּר הַמְתָּקַת הַדִּינִין אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי קְדֻשַּׁת וְטָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבוֹת, כִּי שָׁם שָׁרְשָׁם. (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב) (כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר): כֻּלָּא בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִרוּ (עַיֵּין זֹהַר פְּקוּדֵי רנד:)", אִיז ווייל מִיט דֶעם וָואס מֶען הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ אִיז מֶען מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים. "וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְמֹחִין זַכִּים אֶלָּא עַל־יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים, (כַּמּוּבָא) (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב) בְּזֹהַר: "וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף", מֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת מֹחִין, וְיוֹסֵף הוּא בְּחִינַת צַדִּיק, הַיְנוּ שֶׁאֵין שְׁלֵמוּת לְמֹחִין אֶלָּא עַל־יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים", און מֶען קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ, נָאר דוּרְכְ'ן זַיין מְקוּשָּׁר צוּ צַדִּיקִים. "וְרֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה, וְצָרִיךְ לְטַהֵר אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ כְּדֵי לְהַמְתִּיקָם, וּבִשְׁבִיל זֶה נוֹסְעִין לְצַדִּיקִים, כְּדֵי לִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה", דֶערִיבֶּער פָּאֳרְט מֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ צַדִּיקִים, ווייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרייבְּט מֶען דָאךְ אָפּ אַלֶע דִינִים פַאר'ן גַאנְצְן יָאר, און אַז מֶען אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אַ צַדִּיק, בַּאקוּמְט מֶען אַ רֵיינֶע מַחֲשָׁבָה, און אַזוֹי אִיז מֶען מַמְתִּיק דִי דִינִים פַאר'ן גַאנְצְן יָאר.

**דֶער** בְּרֶסְלֶב'עֶר רָב - רֶבִּי אַהֲרֹן, אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פַאר דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן רֶבִּי'ן - שְׁנַת תקע"א - פְרֶעגְן וָואס עֶר זָאל טוּן וֶועגְן זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז דִי רָאשֵׁי קְהִילָה זָאגְן אִים אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַוֶועקְפָארְן, עֶר טָאר זֵיי נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן וְכוּ', און אוֹיב עֶר וֶועט אַוֶועק פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין פַּרְנָסָה וְכוּ'. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען, און אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

**וֶוען** רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דֶערְפוּן, אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען ווייל דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "קוּם נִישְׁט", הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי זָאל נֶעמֶען אַ דְרָאנְג (אַ דִיקֶע הָאלְץ) און מִיךְ אַוֶועק טְרייבְּן - וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען".

**אַזוֹי** אוֹיךְ הָאט רֶבִּי נָתָן אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר ר' לִיפָּא: "וואוּ בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַוֶועק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? עִמָּנוּ הֱיִיתֶם?!" הָאט אִים ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "לִיפָּא! פוּן אַזַא רֶבִּי גֵייט מֶען אַוֶועק?! זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְג און מִיךְ שְׁלָאגְן - וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין", ווייל וֶוען מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד -

קוּמְט אוּיס אַז ׳פוּן אַזאַ רֶבִּי וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין, אֲפִילוּ עֶר וֶועט מִיךְ שְׁמַייסְן מִיטְ׳ן דְרָאנְג׳.

**מַאכְט** זִיךְ נִישְׁט נָארִישׁ, שְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן דֶעם חַבֶר אוּן יֶענֶער חַבֶר, וָואס דֶער וֶועט זָאגְן אוּן וָואס יֶענֶער וֶועט זָאגְן, מִיר וֶועלְן קוּמֶען צוּם צִיוּן אוּן בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן: **״רֶבִּי, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ דִיר וַוייל אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מִיךְ מְתַקֵן זַיין״, ״רֶבִּי, גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ״, ״רֶבִּי, גֶעבּ מִיר אַ זִיסֶע לֶעבְּן״, ״רֶבִּי, אִיךְ וִויל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר אוּן אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט אוּיפְטוּן״.**

### אַ סְגוּלָה בָּדוּק וּמְנוּסָה

**מוֹהֲרָא״ש** זָאגְט, אַ סְגוּלָה בָּדוּק וּמְנוּסָה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן; לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה וָואס רֶעדְט פוּן פָארְן צוּ צַדִיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז אַ קְלֵיינֶע תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ריא, אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת סִימָן עו - יֶעדְן טָאג; דָאס אִיז אַ סְגוּלָה בָּדוּק וּמְנוּסָה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה[ה].

ה. מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס דָא אַרָאפּ:

לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ריא: מַה שֶּׁהָעוֹלָם נוֹסְעִין עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים, כִּי עִקַּר הַמְתָּקַת הַדִּינִין אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי קְדֻשַּׁת וְטָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבוֹת, כִּי שָׁם שָׁרְשָׁם. (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב) (כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר): כֹּלָּא בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִרוּ. וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְמֹחִין זַכִּים אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים, (כַּמּוּבָא) (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב) בַּזֹּהַר: ״וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף״, ׳מֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת מֹחִין, וְיוֹסֵף הוּא בְּחִינַת צַדִּיק׳, הַיְנוּ שֶׁאֵין שְׁלֵמוּת לְמֹחִין אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים. וְרֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה, וְצָרִיךְ לְטַהֵר אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ כְּדֵי לְהַמְתִּיקָם, וּבִשְׁבִיל זֶה נוֹסְעִין לְצַדִּיקִים כְּדֵי לִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה.

לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת סִימָן עו: יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתְּזַכֵּנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים לֵילֵךְ וְלִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְלִהְיוֹת מְקֻשָּׁר תָּמִיד לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וְעַל־יְדֵי־זֶה אֶזְכֶּה לְקַדֵּשׁ אֶת דַּעְתִּי וּמַחֲשַׁבְתִּי בִּקְדֻשָּׁה גְדוֹלָה. וְתַחְמֹל עָלַי בְּחֶמְלָתְךָ הַגְּדוֹלָה, וְתִהְיֶה בְּעֶזְרִי וְתַצִּילֵנִי מִכָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וּמִכָּל מִינֵי פְּגַם הַדַּעַת שֶׁבָּעוֹלָם, וּתְחָנֵּנִי מֵאִתְּךָ חָכְמָה דֵּעָה בִּינָה וְהַשְׂכֵּל, וּתְזַכֵּנִי מְהֵרָה לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בִּשְׁלֵמוּת בֶּאֱמֶת. וּבְרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תַּמְתִּיק וּתְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים מֵעָלֵינוּ וּמֵעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית־יִשְׂרָאֵל מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם. וְנִזְכֶּה לְקַבֵּל קְדֻשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה עַל־יְדֵי הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וּלְתַקֵּן כָּל הַתִּקּוּנִים שֶׁצְּרִיכִין לְתַקֵּן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁהוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה. וְתִהְיֶה מַחֲשַׁבְתֵּנוּ קְדוֹשָׁה וּטְהוֹרָה תָּמִיד, וּבִפְרָט בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקָּדוֹשׁ.

אָנָּא רַחוּם, בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תְּרַחֵם עָלֵינוּ וּתְזַכֵּנוּ וּתְחָנֵּנוּ אָז לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בְּיוֹתֵר, וְתִשְׁמְרֵנוּ וְתַצִּילֵנוּ שֶׁלֹּא יַעֲלֶה אָז עַל מַחֲשַׁבְתֵּנוּ שׁוּם מַחֲשָׁבָה זָרָה וְחִיצוֹנָה כְּלָל, רַק בְּשִׁמְךָ נָגִיל כָּל הַיּוֹם בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה גְדוֹלָה, בְּמַחֲשָׁבוֹת קְדוֹשׁוֹת וְזַכּוֹת וְצַחוֹת בְּתַכְלִית הַזַּכּוּת וְהַבְּהִירוּת, עַד שֶׁנִּזְכֶּה בְּכֹחַ הִתְקַשְּׁרוּת הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים לְתַקֵּן וּלְבָרֵר כָּל הַבֵּרוּרִים בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, לְבָרֵר כָּל נִיצוֹצוֹת הַקְּדֻשָּׁה מֵעִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת, וּלְהַמְתִּיק וּלְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים שֶׁבָּעוֹלָם מֵעָלֵינוּ וּמֵעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית־יִשְׂרָאֵל, וְיֻמְשַׁךְ עָלֵינוּ

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן
זוֹכֶה זַיין צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן,
וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן,
אָמֵן.

---

אַךְ טוֹב וָחֶסֶד וִישׁוּעָה וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים "מֵרֵאשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה". וְתִכְתְּבֵנוּ וְתַחְתְּמֵנוּ אָז לְחַיִּים טוֹבִים אֲרֻכִּים וּלְשָׁלוֹם, לְחַיִּים אֲמִתִּיִּים, חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם יִרְאַת שָׁמַיִם, חַיִּים שֶׁנִּזְכֶּה בָּהֶם לִשְׁמֹר מִצְוֹתֶיךָ וְלַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם, וּלְתַקֵּן כָּל מַה שֶּׁפָּגַמְנוּ מֵעוֹדֵנוּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה, וְתַשְׁפִּיעַ עָלֵינוּ פַּרְנָסָה טוֹבָה וְרַחֲמִים וְחַיִּים וְשָׁלוֹם וְכָל טוּב.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה יוֹדֵעַ גֹּדֶל הַחִיּוּב לִנְסֹעַ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וְגַם אַתָּה יוֹדֵעַ אֶת עֹצֶם רִבּוּי הַמְּנִיעוֹת שֶׁמִּתְגַּבְּרִים עַל זֶה מִכָּל הַצְּדָדִים. חוֹמֵל דַּלִּים, חוּס וַחֲמֹל עָלֵינוּ וְעָזְרֵנוּ וְזַכֵּנוּ לְשַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת, וְהוֹרֵנוּ דְּרָכֶיךָ וְהַדְרִיכֵנוּ בַּאֲמִתֶּךָ וְלַמְּדֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לֵילֵךְ וְלִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה עַל־יָדָם לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בֶּאֱמֶת. כִּי אַתָּה יוֹדֵעַ שֶׁעַכְשָׁיו בְּעוּקְבוֹת מְשִׁיחָא, עִקַּר סְמִיכָתֵנוּ וִישׁוּעָתֵנוּ הוּא רַק עַל יְמֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקְּדוֹשִׁים, אֲשֶׁר בָּהֶם אָנוּ נִשְׁעָנִים לְהִתְקָרֵב אֵלֶיךָ, וּלְהַמְשִׁיךְ אֱלָקוּתְךָ וּמַלְכוּתְךָ עָלֵינוּ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה עַל כָּל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ. וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲשֶׂה בִּימֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקְּדוֹשִׁים, וְאֵיךְ לְרַצּוֹת אוֹתְךָ אָז כָּרָאוּי. שֶׁנִּזְכֶּה לְהַמְלִיכְךָ עָלֵינוּ בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה, וְאֵיךְ לַעֲמֹד כְּנֶגֶד כָּל הַשּׂוֹנְאִים וְהַמְקַטְרְגִים לִסְתֹּם פִּי מַסְטִינֵנוּ וּמְקַטְרִיגֵנוּ, כִּי אִם בִּזְכוּת וְכֹחַ הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, עֲלֵיהֶם אָנוּ נִשְׁעָנִים וּבָהֶם אָנוּ סְמוּכִים, כִּי הֵם יִלָּחֲמוּ לְפָנֵינוּ וְיַכְנִיעוּ וְיַפִּילוּ כָּל שׂוֹנְאֵינוּ וְרוֹדְפֵינוּ, וְיַמְשִׁיכוּ עָלֵינוּ קְדֻשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּשְׁלֵמוּת, עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, וֶהְיֵה בְּעֶזְרֵנוּ שֶׁנִּזְכֶּה לְשַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת וְנִזְכֶּה לָבֹא לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וּלְהִתְקַשֵּׁר אֲלֵיהֶם בֶּאֱמֶת וְלִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בִּשְׁלֵמוּת עַל־יָדָם, וְנִזְכֶּה לְהַמְתִּיק וּלְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים וּלְהַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ חֲסָדִים טוֹבִים, וּתְזַכֵּנוּ לְהַכִּיר וְלָדַעַת רוֹמְמוּתְךָ וּמֶמְשַׁלְתְּךָ עָלֵינוּ, וְתִמְלֹךְ עָלֵינוּ בִּכְבוֹדְךָ מְהֵרָה, "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ. וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ, וְיֹאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְאַפּוֹ, ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה", וּתְטַהֲרֵנוּ וּתְקַדְּשֵׁנוּ בִּקְדֻשָּׁתְךָ הָעֶלְיוֹנָה מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה.

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועןאִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פָארְגֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן אִינֶעוֵוייניג. מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס דָא אִין קוּרְצְן:

**דֶער** מְמוּנֶה פוּן דִי אוֹצְרוֹת פוּנֶעם קֶענִיג, דֶער גִבּוֹר, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, דֶער חָכָם, דֶער מֵלִיץ, דֶער אוֹהֵב נֶאֱמָן, אוּן דִי בַּת מֶלֶךְ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִינְאֵיינֶעם אוֹיפְזוּכְן דֶער קִינְד פוּנֶעם בַּת מֶלֶךְ אוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן - דֶער קֶענִיג אוּן קֶענִיגִין, וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן בְּשָׁעַת עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְט, אוּן מֶען הָאט זֵיי נָאכְגֶעשְׁט גֶעפוּנֶען.

**אוֹיךְ** זֶענֶען מִיט זֵיי מִיט גֶעגַאנְגֶען עֶטְלִיכֶע עֲשִׁירִים פוּן דִי מְדִינָה פוּן דִי עֲשִׁירִים; וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן דִי עֲשִׁירִים הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּן זֵייעֶר נֵייעֶר קֶענִיג - וָואס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען דֶער מְמוּנֶה פוּן דִי אוֹצְרוֹת פוּנֶעם קֶענִיג - עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן מִיטְ'ן גִבּוֹר וָואס גֵייט אַרוּם אַיינְנֶעמֶען מְדִינוֹת אוּנְטֶער זִיךְ, הָאט דֶער מְמוּנֶה זֵיי גֶעזָאגְט: אִיךְ וֵוייס פוּן וואוּ דֶער גִבּוֹר נֶעמְט זַיין כֹּחַ, דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ גֵיין מִיט עֶנְק צוּ דֶעם וֶועג וָואס גֵייט צוּ דֶעם שְׁוֶוערְד אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶטְץ קֶענֶען בַּייקֻשְׁטֵיין קֶעגְן דֶעם גִבּוֹר. בֶּאֱמֶת אִיז זַיין כַּוָּונָה גֶעוֶוען אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועג פוּן דֶעם שְׁוֶוערְד וֶועלְן זֵיי אַרוּיס גֵיין פוּן זֵייעֶר תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט.

### יְסוּרִים וֶועקְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** דֶער וֶועג פוּנֶעם שְׁוֶוערְד אִיז מְרַמֵּז אַז עֶס הֵייבְּט אָן אִיבֶּער גֵיין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, דֶעמָאלְט וֶועקְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף אוּן גֶעבְּט אַ טְרַאכְט: 'וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט', דָאס שְׁלֶעפְּט אִים אַרוּיס פוּן זַיינֶע תַּאֲווֹת.

**זֶענֶען** זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מְדִינָה וָואס דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער וָואס עֶסְט נִישְׁט קַיין עֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען 'דֶער קִינְד' פוּן דִי בַּת מֶלֶךְ - אַלְס מֶלֶךְ. זֶענֶען זֵיי אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן בַּאטְשׁ וָואס עֶר אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס קְלֵיין קִינְד, הָאט עֶר זֵיי דֶערְקֶענְט, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. זֶענֶען אַלֶע אַכְט מֶענְטְשְׁן גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג אוֹיפְזוּכְן דֶעם קֶענִיג אוּן קֶענִיגִין.

**דֶערְנָאךְ** זָענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מְדִינָה וָואס דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַז דֶער תַּכְלִית אִיז 'רְצִיחָה', אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען דִי 'קֶענִיגִן' אַלְס מַלְכָּה. זָענֶען זֵיי אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אִיר אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אָבֶער זֵיי הָאבְּן נָאךְ גֶעוֵויינְט אַז זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם קֶענִיג.

**זָענֶען** זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן זֵיי זָענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מְדִינָה וָואס דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַז דֶער תַּכְלִית אִיז 'כָּבוֹד'. אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם 'קֶענִיג' אַלְס מֶלֶךְ. זָענֶען זֵיי אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם 'קֶענִיג' וָואס אִיז גֶעוָוארְן מֶלֶךְ אִין דֶער מְדִינָה אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

**דִי** שִׂמְחָה וָואס אִיז דָארְט גֶעוֶוען - אַז דֶער גַאנְצֶער הֵיילִיגֶער קִבּוּץ אִיז זִיךְ שׁוֹין צוּרִיק צוּזַאמְגֶעקוּמֶען - קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט אוֹיסְ'מָשְׁלְ'ן. מֶען הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן דֶער קֶענִיג, דִי קֶענִיגִן, דִי בַּת מֶלֶךְ מִיט אִיר קִינְד, דֶער מֵלִיץ, דֶער חָכָם, דֶער גִבּוֹר, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, דֶער אוֹהֵב נֶאֱמָן אוּן דֶער מְמוּנֶה פוּן דִי אוֹצְרוֹת פוּנֶעם קֶענִיג.

**דִי** עֲשִׁירִים פוּן דִי מְדִינָה פוּן דִי עֲשִׁירִים זָענֶען אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען, אוּן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָא טוּט זִיךְ, פַארְוָואס אִיז יֶעדֶער דָא פְרֵיילִיךְ.

### וָואס אִיז יֶעצְט דָא דֶער שִׂמְחָה?

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:**
אַסַאךְ מָאל זֶעט מֶען וִוי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אַרַיין אִין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער שְׁטִיבְּל אוּן זֵיי זֶעעֶן וִוי יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ, וואוּנְדֶערְן זֵיי זִיךְ 'וָואס אִיז יֶעצְט דֶער שִׂמְחָה?' 'וָואס טַאנְצְט מֶען דָא?' - אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט דָא אִין דִי מַעֲשֶׂה, וַוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז וַוייט פוּנֶעם אֱמֶת, עֶר אִיז נָאךְ פַארְ'גָאטֶ'עט אִין זַיינֶע תַּאֲווֹת פַארְשְׁטֵייט עֶר נִישְׁט וָואס דֶער שִׂמְחָה אִיז בַּיים בַּעַל תְּפִלָּה אוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן.

**דֶערְנָאךְ** אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גֶעגַאנְגֶען צוּ אַלֶע מְדִינוֹת אוֹיס צוּ רֵיינִיגְן אוּן מַחֲזִיר זַיין בִּתְשׁוּבָה דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זָענֶען גֶעלִיגְן אִין דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת.

### דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:**
דָאס אִיז פַאר אוּנְז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת; מֶען זֶעט דָא אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַרַיין גֶעפַאלְן אִין סַיי וֶועלְכֶע כַּתָּה פוּן דִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְטֶע כִּתּוֹת וִוי כָּבוֹד, רְצִיחָה, נִיאוּף אוּן גֶעלְט אָדֶער עֶר אִיז נֶעבֶעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַלֶע תַּאֲווֹת אִינְאֵיינֶעם רַחֲמָנָא לִצְלַן, אִיז

נָאכְאַלְץ דָא אַ וֶועג פַאר אִים אַרוֹיס פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה קֶען דִיךְ רֵיינִיגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען דִיךְ רֵיינִיגְן.

**אַז** דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיךְ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת"**, וֶועסְטוּ מִיט דִי צַייט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט.

**מֶען** דַארְף נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת אָדֶער סְפֶּעצִיעֶלֶע דִיבּוּרִים וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטְ'עֶ דִיבּוּרִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין נָאר צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין לֶעבְן מִיט דִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע נָארִישְׁקֵייטְן, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ דִינֶען?"**

### וָואס מֵיינְט שֵׂכֶל אוּן דִמְיוֹן?

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מֵהַמְדַמֶּה", מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִמְיוֹנוֹת, "וְלַעֲלוֹת אֶל הַשֵּׂכֶל", אוּן צוּקוּמֶען צוּ הָאבְּן שֵׂכֶל; מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר וָואס הֵייסְט מֶען זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִמְיוֹנוֹת? כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אֵיין שְׁטִיק דִמְיוֹן!

**נִישְׁט** נָאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי נִישְׁט גוּטֶע כִּיתּוֹת, נָאר אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דָאךְ וִוילַאנְג עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר קֶען וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, - עֶר שְׁפִּירְט נָאכְנִישְׁט דִי קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיז עֶר אִין אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן.

**אֲפִילוּ** אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶועוְן צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן הֶעלְפְט אֲפִילוּ בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, מֵיינְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַז עֶר אִיז בַּיים שֵׂכֶל, וַוייל שֵׂכֶל אִיז טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוילַאנְג מֶען טוּט דָאס נִישְׁט - לֶעבְּט מֶען אִין אַ גְרוֹיסֶער 'דִמְיוֹן'.

**אִין** דִי וֶועלְט טַייטְשְׁט מֶען דָאס אוֹיס אַנְדֶערְשׁ, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז 'שֵׂכֶל' אִיז דֶער וָואס קֶען גֶעבְּן אַ בְּלִינְק מִיט זַיין אוֹיג צוּ אַ חַבֶר, אָדֶער מַאכְן אַ וֶוערְטְל אוֹיף אֵיינֶעם אַנְדֶעם וָואס יֶענֶער זָאל בַּאמֶערְקְן, אוּן דֶער וָואס אִיז אַ תָּמִים, עֶר

גֵייט אָנְגֶעטוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי דִיר, מִיט לֶענְגֶערֶע פֵּיאוֹת וְכַדּוֹמֶה - אִיז דֶער אִינְטֶערֶעסַאנְטֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער מוֹהֲרָא״ש אִיז דָאס מַסְבִּיר אַנְדֶערְשׁ, אוֹיבּ דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאסְטוּ חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, אוּן אוֹיבּ דוּ טְרַאכְסְט נָאר פוּן זִיךְ, ״אִיךְ וֶועל הָאבְּן״, ״אִיךְ וֶועל זַיין מֶעכְטִיג״, ״יֶעדֶער וֶועט וִויסְן פוּן מִיר״, - בִּיסְטוּ טִיף אִין ׳דִמְיוֹנוֹת׳.

**אֵיינֶער** וָואס קוּמְט פוּן אַן אַנְדֶערֶע מְדִינָה אוּן גֵייט אָנְגֶעטוּן אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז מָאדְנֶע אוּן הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, פַארְקֶערְט, עֶר אִיז אַ נַאטוּרְלִיכֶער גְרָאדֶער מֶענְטְשׁ, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, כט): ״עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַ מֶענְטְשׁ גְרָאד, דֶער מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין וֶועג. אַ מָאדְנֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער וָואס מֵיינְט אַז עֶר אִיז גֶערִיבְּן אוּן מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

**דֶער קָאךְ אוּן פֵייעֶר וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט**

**דֶערְצֵיילְט** דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט צוּם גִבּוֹר וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דוּרְךְ דֶעם וֶועג פוּנֶעם שְׂוֶועְרְד אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. אַז אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּם שְׂוֶועְרְד אִיז דָא אֵיין וֶועג אִין דֶער זַייט וָואס פִירְט צוּ אַ בַּארְג פוּן פֵייעֶר, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועג וָואס פִירְט צוּ אַ קָאךְ וָואס מֶען קָאכְט דָארְט אַלֶע עֶרְלֵיי מַאֲכָלִים. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פֵייעֶר אִין דֶעם קָאךְ, דִי עֶסְן וֶוערְן גֶעקָאכְט דוּרְךְ דֶעם פֵייעֶר פוּן דֶעם בַּארְג, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זֶען - נִישְׁט דֶער בַּארְג פוּן פֵייעֶר אוּן נִישְׁט דֶעם קָאךְ.

**עֶס** אִיז דָא אַ סִימָן צוּ וִויסְן וואוּ דֶער קָאךְ אִיז, אַז אוֹיף דֶעם קָאךְ שְׁטֵייעֶן פֵייגֶלֶעך אוּן זֵיי פָאכְן מִיט דִי פְלִיגְל, אוּן דוּרְךְ דֶעם צִינְדְן זֵיי אָן דֶעם פֵייעֶר אוּן פַארְלֶעשְׁן דֶעם פֵייעֶר.

**דֶערְפַאר** - זָאגְט דֶער קֶענִיג צוּם גִבּוֹר - זָאלְסְטוּ פִירְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן דִי עֲשִׁירִים קֶעגְן דֶעם וִוינְט כְּדֵי זֵיי זָאלְן שְׁמֶעקְן דִי גֶערוּךְ פוּן דִי עֶסְן פוּן דֶעם קָאךְ, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵיי גֶעבְּן פוּן דִי עֶסְן, וֶועלְן זֵיי בְּוַדַּאי אַוֶועק וַוארְפְן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט.

**מוֹהֲרָא״ש** אִיז מַסְבִּיר (אִין סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דֶער קָאךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן צַדִיק אֱמֶת, פוּן אִים גֵייט אַרוֹיס אַלֶע גוּטֶע עֶסְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶעם צַדִיקְ׳ס פֵייעֶר פְלַאמְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶעם צַדִיקְ׳ס הִתְחַזְקוּת אִיז מְחַזֵק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זֶען דֶעם קָאךְ אוּן פֵייעֶר, פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אָנְזֶען אוֹיפְ׳ן צַדִיק אַז דָאס אִיז אַ צַדִיק וָואס אִיז מְחַזֵק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**בְּחַיִּים** חִיּוּתוֹ אִיז מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן, עֶר

איז גֶעזִיצְן בַּיי זִיךְ אִין אַ בֶּעסְמֶענְט אִין בָּארָא פַּארְק, אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְש ווָאס זִיצְט אִין אַ פַּארְמַאכְטֶע הֵייל, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוְון פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פוּן אַלֶע קְהִלּוֹת אוּן קְרֵייזְן, אָן אַ צָאל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דוּרְךְ אִים צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָפְּגֶעלָאזְט זֵייעֶרֶע נָארִישְׁקֵייטְן.

**עֶס** איז גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן ווָאס הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוְון פַאר מוֹהֲרָא"ש אַז זֵיי ווִילְן קוּמֶען ווָאוֹינֶען אִין בָּארָא פַּארְק צוּ זַיין מִיט מוֹהֲרָא"ש פוּן דֶער נָאנְט, הָאט מוֹהֲרָא"ש זֵיי צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן: "קוּם נִישְׁט אַהֶער, בְּלַייב מִיט דִי סְפָרִים אוּן דִיבּוּרִים, אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען קֶען זַיין דוּ וֶועסְט הָאבְּן חֲלִישַׁת הַדַּעַת". ווַייל וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' זֶעט מֶען ווִי דֶער מְחַבֵּר אִיז אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע צַדִּיק, אַ שְׁטִיק פֵייעֶר, אוּן אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש הָאט מֶען אוֹיבְּנָאוֹיף גָארְנִישְׁט גֶעזֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, (אִינֶעווֵייניג אִיז גֶעוֶוען גָאר אַסַאךְ צוּ זֶען, אָבֶּער סְתָם פוּן קוּקְן אוֹיבְּנָאוֹיף הָאט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעזֶען).

**אַזוֹי** ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קטז): מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אוּן זֵיי מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף דֶערְקֶענֶען אַ צַדִּיק פוּן אִינְדְרוֹיסְן - פוּן זַיין אָנְטוּן, פוּן זַיין פָּנִים וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער צַדִּיק זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן פּוּנְקְט ווִי אַ צְווֵייטֶער, נָאר דֶער חִילּוּק אִיז אַז זַיין פְּנִימִיּוּת אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע עִנְיָן. דֶערְפַאר פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּן: "זֵיי זִיךְ ווַייטֶער מְחַיֶּה מִיט דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן דִיבּוּרִים, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ קוּמֶען".

### פֵייגְלֶעך שְׁטֵייעֶן אוֹיפְ'ן קָאךְ אוּן פָּאכְן מִיט דִי פְּלִיגְל

**ווָאס** אִיז דֶער סִימָן ווָאוּ דֶער קָאךְ אִיז? אַז מֶען זֶעט ווִי פֵייגְלֶעךְ שְׁטֵייעֶן אוֹיפְ'ן קָאךְ אוּן פָּאכְן מִיט דִי פְּלִיגְל, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אַלֶע הֶענְט ווָאס שָׁאקְלֶען דֶעם תְּנוּעָה: "מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דֶעם", "מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דֶעם", דָאס אִיז דֶער סִימָן אַז טַאקֶע דָא אִיז דֶער קָאךְ, דָא אִיז בַּאהַאלְטְן אַ פֵייעֶר, אַ הֵיילִיגְקֵייט, ווָאס שְׁטֶעלְט צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע מַאֲכָלִים פַאר דִי וֶועלְט.

### יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ דַארְף אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט אַז דִי פֵייגְל ווָאס פָּאכְן מִיט דִי פְלִיגְל טוּעֶן צְווֵיי זַאכְן, זֵיי צִינְדְן אָן דֶעם פֵייעֶר אוּן לֶעשְׁן אוֹיס דֶעם פֵייעֶר. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן ווָאס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער וֶוען עֶר ווִיל מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם צַדִּיק, אַז מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַזֶעלְכֶע תְּנוּעוֹת מִיט דִי הֶענְט אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דֶעם, בַּיי גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן בְּרֶענְגְט

דָאס עֶר זָאל שְׁטֶערְקֶער וֶוערְן אויפְגֶעפְלַאמְט און שְׁטֶערְקֶער מְקוּרָב וֶוערְן צום רֶבִּי'ן, און גְעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם נִתְרַחֵק פון רֶבִּי'ן.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר הָאט מְקוּבָּל אַז יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ דַארְף אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער, און אויב אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אִים יָא אָן גְרִינְג, דַארְף עֶר בּוֹדֵק זַיין וָואס דָא גֵייט פָאר, וַוייל אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט נִישְׁט אָן גְרִינְג[1].

**יֶעדֶע** גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ וויל טוּן וֶועט עֶר הָאבְּן מְנִיעוֹת עֶס אוֹיסְצוּפִירְן. לָאמִיר נֶעמֶען אַלְס בֵּיישְׁפִּיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן; דָאס פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט אָן פַאר יֶעדְן זַייעֶר שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל פַאר אֵיינֶעם אָנְקוּמֶען גְרִינְג.

**אַ** אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אַזַא שְׁאֵלָה, עֶר הָאט לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט דֶעם שִׂיחָה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתמ"ה) אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה וֶוען מֶען טַאנְצְט מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִין הַאנְט, צוּ שְׁוֶוערְן אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען וֶועט אַוֶועק גֵיין פון דִי וֶועלְט, זָאל מֶען גֵיין צום הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - פַאר אַ תִּיקוּן. עֶר הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן דֶעם שְׁבוּעָה מִיט דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה אִין דִי הַאנְט, אָבֶּער אַזוֹי וִוי זַיין גַאנְצֶע קָאפּ און מֹחַ טְרַאכְט יֶעצְט נָאר פון אוּמַאן, עֶר וִויל זַייעֶר קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן און זַיין וַוייבּ לָאזְט אִים נִישְׁט וְכוּ', אִיז בְּטָעוּת אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פון זַיין מוֹיל דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ שְׁוֶוער אַז אִיךְ גֵיי דָאס יָאר פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה", פְרֶעגְט עֶר מִיר: "גֶעוואלְד! וָואס טוּ אִיךְ דָא? אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁוואוירְן אַ שְׁבוּעָה דְאוֹרַיְיתָא בִּנְקִיטַת חֵפֶץ צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן", אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַ שְׁבוּעָה בְּטָעוּת, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פִּיו וְלִבּוֹ שָׁוִין, דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין שְׁבוּעָה.

---

1. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פון מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעהֶערְט פון ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים רוֹזֶען זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס הָאט גֶעהֶערְט פון הַצַּדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ זַאךְ וָואס קוּמְט אָן גְרִינְג - אִיז מֶען חוֹשֵׁשׁ 'אֶפְשָׁר אִיז דָאס פון דִי אַנְדֶערֶע זַייט, דִי סִטְרָא אַחֲרָא', וַוייל אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אָן שְׁוֶוער".

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ תשפ"ג, קוּנְטְרֵס 282)

**אַגַב,** מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אַז פְרוֹיעֶן וָואס הַאלְטְן דָאךְ נִישְׁט קַיין סִפְרֵי תּוֹרָה, זָאלְן מַאכְן דֶעם שְׁבוּעָה שִׂמְחַת תּוֹרָה בַּיי דִי 'מְזוּזָה', מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן מֶען זָאגְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, זָאל מֶען גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - פַאר אַ תִּיקוּן.

**זֶעט** מֶען ווִי אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, מְנִיעוֹת אוּן עִכּוּבִים צוּ קֶענֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן, זֵיי ווִילְן אַזוֹי שְׁטַארְק קוּמֶען, אוּן דִי וַוייבּ זָאגְט "דוּ פָארְסְט נִישְׁט קַיין אוּמַאן!" וָואס זָאלְן זֵיי טוּן, מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ צוּלִיבּ דֶעם; בַּיי זֵיי אִיז דָאס דֶער מְנִיעָה.

**בַּיי** אַנְדֶערֶע אִיז דִי מְנִיעָה 'דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס', עֶר ווִיל נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן וַוייל עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע וֶועג, אָדֶער וַוייל עֶר טְרַאכְט 'פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ פָארְן'.

**אַ** טַאטֶע הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן: "אִיךְ ווִיל מַיין בָּחוּר זָאל פָארְן קַיין אוּמַאן אוּן עֶר ווִיל נִישְׁט, אִיךְ צָאל אוֹיס דֶעם טִיקֶעט פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן שְׁלֶעפּ מַיין זוּן קַיין אוּמַאן!" זַיין מְנַהֵל, מַשְׁגִּיחַ אוּן עֶלְטֶערְן אַלֶע שְׁטִיפְּן אִים שׁוֹין צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, יֶעצְט אִיז זַיין מְנִיעָה עֶר אַלֵיינְס, אַז עֶר ווִיל נִישְׁט גֵיין. ווִיבַּאלְד דָאס אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע אוּן ווִיכְטִיגֶע זַאךְ מוּז דָאס אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער.

### מִשְׁנָיוֹת אוּן תְּהִלִּים

**דִי** זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת. יֶעדֶעס מָאל מֶען ווִיל עֶפֶּענֶען אַ מִשְׁנָיוֹת הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן: 'יָא', 'נֵיין', 'אִיךְ וֶועל בַּאלְד לֶערְנֶען'.

**אוֹיךְ** קוּמְט אָן שְׁוֶוער צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל דָאס זֶענֶען גוּטֶע זַאכְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג) אַז מֶען זֶעט אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זֶענֶען אַלֶע עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה. לָאמִיר הַאלְטְן אַ קְלֵיינֶע תְּהִלִּים אִין טַאשׁ אוּן יֶעדֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּט זָאגְן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים.

**שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ גְרוֹיסֶע יְסוֹד אִין קְדוּשָּׁה צוּ** הָאבְן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ! אוֹיבּ אֵיינֶער קֶען זִיךְ בַּארוּמֶען: "אִיךְ הָאבּ שָׁלוֹם בַּיִת", מֵיינְט דָאס אַז אֵיינֶער אִיז עֶרְלִיךְ, אָדֶער אִיז דֶער מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָדֶער דִי וַוייבּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, אָדֶער זֶענֶען בֵּיידֶע צוּזַאמֶען עֶרְלִיךְ, וַוייל עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַ קָאפְּל זָאל הָאבְן שָׁלוֹם בַּיִת, זִיךְ לִיבּ הָאבְן, זִיךְ פַארְשְׁטֵיין אוּן הֲנָאָה הָאבְן, נָאר אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז עֶרְלִיךְ, אֵיינֶער שְׁלִינְגְט, אֵיינֶער אִיז מְוַותֵּר, אֵיינֶער בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ,

אֵיינֶער הָאט אָפְּגֶעמַאכְט: 'אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, נָאר אֵיין זַאךְ - הַאלְטְן מַיין שְׁטוּב, און אִיךְ גֵיי הַאלְטְן מַיין שְׁטוּב פַאר יֶעדֶע פְּרַייז'.

**הַאלְטְן** אַ שְׁטוּב אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ טַאטֶע מַאמֶע אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶער דָאס אִיז 'קְדוּשָּׁה', דָאס אִיז 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער'. אֲפִילוּ זִי קֶען נִישְׁט קָאכְן, זִי קֶען נִישְׁט מַאכְן דִי בֶּעט, זִי טוּט גָארְנִישְׁט, זִי זִיצְט אוֹיפְ'ן קָאוּטְשׁ (סָאפֶע) אַ גַאנְצְן טָאג מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאון, זִי שַׁאפְּט, זִי בֶּעט גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, - זוּךְ אוֹיף גוּטְס אִין אִיר, קוּק אוֹיף אִיר גוּטְס, רֶעד מִיט אִיר, שְׁמוּעֶס מִיט אִיר, גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן צוּם גוּטְן.

**אִיךְ** בִּין גֶעזִיצְן שָׁעוֹת מִיט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט גֶטְ'ן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים: "גֶט זִיךְ נִישְׁט; דוּ לֵייגְסְט צוּגְרִינְד דַיינֶע קִינְדֶער, עֶנְדֶערְשׁ נֶעם אַ בִּיקְס, שִׁיס אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער, דֶערְנָאךְ גֶט זִיךְ..." עֶר הָאט מִיר נִישְׁט גֶעפָאלְגְט און הָאט זִיךְ גֶע'גֶט, וַוייל עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט: "אִיךְ בִּין נִישְׁט מְחוּיָב צוּ לַיידְן צוּלִיבּ מַיינֶע קִינְדֶער", לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ, שְׁפֶּעטֶער נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט קוּמְט עֶר צוּ מִיר וֵויינֶען בְּסוֹד סוֹדוֹת: "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ מַיין נַייעֶ וַוייבּ, אִיךְ מוּז שְׁמֵייכְלֶען כְּדֵי מֶען זָאל מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין מְסוּדָר, אָבֶער אִיךְ ווִיל צוּרִיק מַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער".

**דֵעוֹת פוּן דִי לִינְקֶע וֶועלְט כַאפְּן זִיךְ אַרַיין מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל זֶעט מֶען אַז עֶפֶּעס גֵייט**

דָא זַיין, עֶס קוּמְט נִישְׁט קַיין דְרִיטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה מִיט בִּיקְסְן און טַאנְקֶען, נָאר אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז 'פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ מִלְחָמָה בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין מֹחַ', מֶען וֶועט גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שְׁטְרַיימְל, מִיט דִי בֶּעקִיטְשֶׁע, מִיט דִי וַוייסֶע זָאקְן, און מֶען וֶועט הָאבְּן נִסְיוֹנוֹת אִין דִי אֱמוּנָה.

**דָאס** זֶעט מֶען שׁוֹין לֵיידֶער בַּיים טִיר, דִי דֵעוֹת פוּן דִי לִינְקֶע וֶועלְט כַאפְּן זִיךְ אַרַיין צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל לֶעבְּן אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן חֲתוּנָה, זָאל אֵיינֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין וֶועג פַארְ'ן צְוֵוייטְן, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ און מַיין וַוייבּ אִיז גְרֵייט מִיר צוּ הֶעלְפְן, אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק מַיין שְׁלָאף פַאר אִיר און זִי גֶעבְּט אַוֶועק אִיר שְׁלָאף פַאר מִיר. אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן לֶעבְּן מַאן און וַוייבּ, און דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן הַנָאָה הָאבְּן אִינְאֵיינֶעם, - כַאפְּן זִיךְ אַרַיין דִי דֵעוֹת פוּן דִי לִינְקֶע וֶועלְט, מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף זִיךְ, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע הַנָאוֹת, "אִיךְ בִּין

נִישְׁט מְחוּיָב צוּ לַיידְן פַאר מַיין ווייבּ", און זִי זָאגְט: "אִיךְ בִּין נִישְׁט מְחוּיָב צוּ לַיידְן פַאר מַיין מַאן".

וֶוען אַ פְרוֹי קוּמְט אָן צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט, זָאגְט מֶען אִיר: "לָאז אָפּ דַיין מַאן, נֶעם דַיין צַייט וְכוּ'", און פַאר'ן מַאן זָאגְט מֶען: "לָאז אִיר אָפּ", פַאר דִי פְרוֹיעֶן זָאגְט מֶען אַז דִי מֶענֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע מֶענְטְשְׁן, און פַאר דִי מֶענֶער זָאגְט מֶען אַז דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען נִישְׁט נָארְמַאל. נָאר וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ בַּיים צַדִּיק, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט בְּלַייבְּן מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, ווייל דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס דִי וֶועג פוּן לֶעבְּן ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, מֶען זָאל זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְווייטְן, יֶעדֶער זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין וֶועג פַאר'ן צְווייטְן.

### מְחַזֵק זַיין דִי ווייבּ צוּ קוּמֶען צוּ דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם

**עֶס** אִיז ווִיכְטִיג פַאר אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן מְחַזֵק זַיין זֵייעֶר ווייבּ צוּ קוּמֶען צוּ דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם, זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל אָנְפִילְן מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת. רוֹב פְרוֹיעֶן זֶענֶען בַּיינַאכְט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט און זֵיי קֶענֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַרוֹיסְגֵיין צוּ אַ שִׁיעוּר, מֶען וֶועט עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים און גֵיין שְׁלָאפְן. מֶען דַארְף אִיר מְפַתֶּה זַיין און מְפַיֵּיס זַיין אַז זִי זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ קוּמֶען, זָאג אִיר: "עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ אַ שִׁיעוּר, דוּ וֶועסְט דָארְט טְרֶעפְן חַבֵר'טֶעס וְכוּ'", און דֶער מְצִיאוּת אִיז אַז דִי פְרוֹיעֶן קוּמֶען אַהֵיים פוּן דִי צוּזַאמְקוּמֶען פוּל מִיט כֹּחַ, פוּל מִיט בֶּעטֶערִי, פוּל מִיט עֶנֶערְגִיֶע און שִׂמְחָה.

### עֶס הָאט נִישְׁט מִיט אִיר, דוּ דַארְפְסְט תְּשׁוּבָה טוּן!

**אַז** דוּ קוּמְסְט אַהֵיים נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט און דַיין ווייבּ בְּלָאזְט, הָאט דָאס גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט אִיר, דוּ דַארְפְסְט תְּשׁוּבָה טוּן! ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פז), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר קוּקְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, און אֲפִילוּ אֵיינֶער ווָאס הָאט שׁוֹין זַיין שִׁידוּךְ, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶועט זִיךְ זַיין ווייבּ קְרִיגְן מִיט אִים וְכוּ'. אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, אָדֶער אֲפִילוּ מֶען הָאט נָאר אַן אַלְטֶע פְּגַם אוֹיף ווָאס מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, לַיידְט מֶען פוּן דִי ווייבּ.

**טוּ תְּשׁוּבָה, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף מַיינֶע זִינְד, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ גֵיי נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן מַיין שְׁטוּב, אִיךְ גֵיי הַאלְטְן מַיין שְׁטוּב, אִיךְ גֵיי רֶעדְן שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים".**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטְ"א הָאט זֵייעֶר גֶעוויינְט:** עֶס אִיז פַּחַד פְּחָדִים; אִינְגֶעלַייט ווָאס גֵייעֶן מִיט שְׁטְרַיימְל, ווייסֶע

זאָקן און אַ ווייסע וועסטל טראַכטן מחשבות ניאוף אַז 'דאָס וואָלט געווען פאַר מיר אַ בעסערע שידוך'... דער הייליגער רבי זאָגט (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן רמב) אַז ניאוף איז 'טֻמְאַת מֵת'!

**אַז** דער איבערשטער האָט געהאָלפן דו האָסט חתונה געהאַט גיי אַהיים לעב מיט דיין ווייב, רעד צו איר שיין, קוק נישט אויף אַנדערע!

**דו האָסט פוטער אויפ'ן קאָפּ**

**די** וואָך האָב איך געזאָגט פאַר אַ אינגערמאַן: "זאָלסט וויסן, אויב דו וועסט נישט רעדן שיין צו דיין ווייב וועט זי דיך איבער לאָזן!" ווינקט מיר דער אינגערמאַן דערשראָקענערהייט: "ששש, צוויי בחורים הערן וואָס דער ראש ישיבה רעדט צו מיר", האָב איך אים געזאָגט: וואָס הערט מען?! באַלד וועט מען עס זען! וואָס האָסטו מורא אַז אַנדערע הערן, באַלד וועל איך עס זיי אויך זאָגן, איך זאָג דאָך עס פאַר יעדן, אַז דו האָסט אַזוי מורא אַז אַנדערע וועלן הערן מיינט אַז דו האָסט פוטער אויפ'ן קאָפּ, דאַרף איך דיר דאָס הערשט זאָגן...

**די** זעלבע זאַך איז געווען ביי מוהרא"ש זכרונו לברכה. מוהרא"ש פלעגט רעדן ביי די שיעורים פון פאַרשידענע ענינים, נאָך יעדע שיעור זענען מענטשן אַוועק געגאַנגען ווייל עס האָט זיך זיי געדאַכט אַז מוהרא"ש רעדט פון זיי בּרבּים, מוהרא"ש מיינט זיי צו פאַרשעמען. באמת האָט מוהרא"ש בכלל נישט געמיינט ספּעציעל זיי, נאָר ווייבאַלד דער מענטש איז געווען געשלאָגן אין אָט די זאַך פון וואָס מוהרא"ש האָט גערעדט - האָט זיך אים עס אַזוי געדאַכט.

**חלישת הדעת האָט מיט'ן מענטש אַליינס**

**עס** איז געווען איינער וואָס פלעגט זוכן וואו ער קען מאַכן מחלקת און אַוועק נעמען מענטשן פון מוהרא"ש. איינער האָט מיר דערציילט אַז יענער האָט אים געזאָגט: "איך האָב שוין מצליח געווען אַוועק צו נעמען יעדן פון מוהרא"ש, אפילו די נאָנטסטע מענטשן, אויסער דער ראש ישיבה". איך האָב געוואוסט אַז איך דאַרף זיך זייער אַכטונג געבן פון יענעם, איך האָב געהאַט אַסאַך מעשיות מיט יענעם.

**איינמאָל** איז אים ביי געפאַלן אַ פּלאַן ווי אַזוי מיך צו מסדר זיין וכו', האָט ער אַריין געלייגט אין אַ צייטונג וואָס איז פול מיט לשון הרע און רכילות וכו', וואָס מיט געלט קען מען דאָרט אַריין לייגן וועלכע נייעס מען וויל אפילו ליגנט און הוצאת שם רע וכו', אַז מוהרא"ש האָט געהאַלטן אַ דרשה אַז איך זאָל איבער נעמען, און עס איז אַריין אין דעם צייטונג. יענער האָט עס געברענגט פאַר מוהרא"ש פאַר'ן ליל שישי שיעור און געוויזן: "קוק וואָס דער ראש ישיבה

שְׁרַייבְּט אִין דִי צֵייטוּנְגֶען אַז עֶר גֵייט אִיבֶּער נֶעמֶען.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהַאט אַ נֵס אַז אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶערוּפְן אִינְמִיטְן טָאג דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער דֶעם נֵייעֶם אִינֶעם צֵייטוּנְג, אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס וַוארְט אוֹיף מִיר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ בִּין אַרוֹיס שְׁפַּאצִירְן אוּן גֶעוֵוינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בַּיי יֶענֶע שִׁיעוּר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶערֶעדְט זֵייעֶר שַׁארְף בְּתוֹךְ הַדְבָרִים: "קוּמְט אַ אִינְגֶערְמַאן אַ מְחוּצָף אוּן טְרַאכְט 'וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין קֶענֶען אִיבֶּער נֶעמֶען מַיין רֶבִּי' וְכוּ'", אִיךְ הָאבּ אַ גַאנְצְן צַייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין".**

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט מִיר גֶעהַאט גֶערוּפְן יֶענֶעם אִינְדֶערְפְרִי - אֵיידֶער מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דֶעם נֵייעֶם פוּנֶעם צֵייטוּנְג - אַז אִיךְ זָאל אִים בְּרֶענְגֶען פוּפְצְן טוֹיזְנְט דָאלֶער (עֶס צוּ גֶעבְּן פַאר יֶענֶעם בַּאנְדִיט וָואס הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט דֶעם נֵייעֶם אִין דִי צֵייטוּנְג...) אִיךְ הָאבּ שְׁנֶעל גֶעשַׁאפְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט. נָאכ'ן שִׁיעוּר בִּין אִיךְ אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיבֶּערְגֶעבְּן דָאס גֶעלְט. וִוי נָאר אִיךְ קוּם אַרַיין וַוייזְט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ דֶעם צֶעטְל, אוּן פְרֶעגְט מִיר: "וָואס שְׁטֵייט דָא? אַז דוּ וֶועסְט אִיבֶּערְנֶעמֶען?!" אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט אַרַיין גֶעלֵייגְט, דָאס הָאט דֶער צֵייטוּנְג שְׁרַייבֶּער גֶעשְׁרִיבְּן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מֶער גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ מִיר יֶענֶע נַאכְט.

**[אִיךְ** הָאבּ אַ גְרוֹיסֶע הַכָּרַת הַטוֹב פַאר רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א, וַוייל עֶר אִיז אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִים דֶערְצֵיילְן דֶעם אֱמֶת אַז אֵיינֶער הָאט עֶס אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶס אִיז הוֹילֶע לִיגְנְט, אַזוֹי הָאט שׁוֹין מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ מִיר דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ].

**וֶוען** אִיךְ בִּין צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם וַואסֶער זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין, הָאבּ אִיךְ אַרַיין גֶערוּפְן 'קוֹל בְּרֶסְלֶב' אוּן אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן צוּ הֶערְן אַ שִׁיעוּר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ פוּן דֶעם פַּרְשָׁה, הֶער אִיךְ וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מַמָשׁ דִי זֶעלְבֶּע שַׁארְפֶע דְרָשָׁה אִין דִי תש"ל יָארְן, בְּשַׁעַת אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען גֶעבּוֹירְן... הָאבּ אִיךְ אַיינְגֶעזֶען אַז חֲלִישַׁת הַדַעַת הָאט מִיט'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט מִיר גֶעמֵיינְט, דִי זֶעלְבֶּע דְרָשָׁה הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן אַנְדֶערֶע יָארְן.

### שַׁבָּת דַארְף מֶען צוּלֵייגְן מֶער לִיבְּשַׁאפְט

**אַז** אִיךְ זָאג פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן "רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ" - מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיךְ ווִיל אִים פַארְשֶׁעמֶען, וַוייל אֲפִילוּ דוּ וָואלְסְט טַאקֶע גֶערֶעדְט שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס אוֹיךְ גֶעדַארְפְט זָאגְן, דֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין דַארְף אוֹיךְ הֶערְן עֶר זָאל וַוייטֶער רֶעדְן שֵׁיין. דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי

שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (תִּיקוּנֵי זוֹהַר, דַּף נז) אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען יֶעדֶע זַאךְ מַאכְן טָאפְּלְט, אַ גַאנְצֶע וָואךְ צִינְדְט מֶען אָן אֵיין לִיכְט, אוֹיף שַׁבָּת זָאל מֶען אָנְצִינְדְן צְוֵויי לִיכְט, אַ גַאנְצֶע וָואךְ הָאט מֶען אֵיין בְּרוֹיט, שַׁבָּת הָאט מֶען לֶחֶם מִשְׁנָה, אוֹיבּ אִיז מֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ טְרוֹיעֶרִיג, דַארְף מֶען שַׁבָּת זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט דוּרְכְ'ן וָואךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן אָדֶער מִיט דִי וַוייבּ, דַארְף מֶען זִיךְ שַׁבָּת אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, פִּירְט דֶער זוֹהַר אוֹיס: אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין בְּשָׁלוֹם אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר רֶעדְט שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ שֵׁיין צוּ זַיין וַוייבּ, דַארְף עֶר שַׁבָּת צוּלֵייגְן מֶער לִיבְּשַׁאפְט, רֶעדְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**נָאכְדֶעם** הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: זָכְרֵנוּ לְחַיִּים, מֶלֶךְ חָפֵץ בַּחַיִּים, וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים, לְמַעַנְךָ אֱלֹקִים חַיִּים".

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת רְאֵה, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פז, אוּן גֶערֶעדְט פוּן דֶער סוֹד פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל.

**אֵיידֶער** דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "זָכְרֵנוּ לְחַיִּים, מֶלֶךְ חָפֵץ בַּחַיִּים, וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים, לְמַעַנְךָ אֱלֹקִים חַיִּים".

**לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פז**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: **דַּע,** זָאלְסְט ווִיסְן, **שֶׁכַּוָּנַת אֱלוּל הֵם תִּקּוּן לִפְגַם הַבְּרִית,** חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז מְסוּגָּל צוּ פָארְרֶעכְטְן פְּגַם הַבְּרִית, **כִּי סוֹד כַּוָּנוֹת אֱלוּל הוּא הַנּוֹתֵן בַּיָּם דָּרֶךְ** (יְשַׁעְיָה מ"ג) (וְכַמְבֹאָר בְּכַוָּנַת הָאֲרִ"י ז"ל) - **לְהָאִיר בְּחִינַת דֶּרֶךְ בַּיָּם, וְדֶרֶךְ זֶה נִפְתָּח בְּחֹדֶשׁ אֱלוּל** (וְעַיֵּן שָׁם בְּכַוָּנוֹת כָּל הַכַּוָּנוֹת שֶׁל אֱלוּל). אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט אַז דֶער סוֹד פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מג, טז): "הַנּוֹתֵן בַּיָּם דָּרֶךְ", דָאס מֵיינְט אַז חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען טְרֶעפְן דֶעם ווֶעג אַרוֹיס פוּנֶעם שְׁטוּרֶעמִישְׁן וַואסֶער, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **וְעִקַּר פְּגַם הַבְּרִית הוּא בִּבְחִינַת דֶּרֶךְ הַזֶּה, כִּי הָיָה צָרִיךְ לְהָאִיר בְּחִינַת הָרְכ"ד** [מָאתַיִם עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה] **אוֹרוֹת בִּבְחִינַת יָם, בְּחִינַת אֱמוּנָה, וְהוּא נָטָה מִזֶּה, וּפָגַם בִּבְחִינַת דֶּרֶךְ, בִּבְחִינַת** (בְּרֵאשִׁית ו): **כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ. כִּי אִשָּׁה נִקְרֵאת דֶּרֶךְ, כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (קִידּוּשִׁין ב:), **וְיֵשׁ דֶּרֶךְ אַחֵר, בְּחִינַת** (מִשְׁלֵי ל): **דֶּרֶךְ אִשָּׁה מְנָאֶפֶת.**

**וְהַכְּלָל** - **שֶׁעִקַּר הַפְּגַם בִּבְחִינַת דֶּרֶךְ, שֶׁלֹּא הֵאִיר הַדֶּרֶךְ בַּיָּם,** אַנְשְׁטָאט זַיין עֶרְלִיךְ הָאט עֶר פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית. **וְלִפְעָמִים מֵחֲמַת זֶה הַפְּגָם יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זִווּגוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁנָּטָה מִזִּוּוּגוֹ, קָשֶׁה לוֹ לִמְצֹא אֶת זִווּגוֹ,** אַמָאל קֶען אַ מֶענְטְשׁ דוּרְךְ דֶעם פְּגַם פַארְלִירְן זַיין זִיווּג, **וַאֲפִלּוּ אִם יִמְצָא אֶת זִווּגוֹ,** אוּן אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט זַיין זִיווּג, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהָאט, **תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת, וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ, מֵחֲמַת שֶׁנָּטָה מִמֶּנָּה וְלֹא הֵאִיר בָּהּ, מִזֶּה נִתְהַוֶּה שֶׁיֵּשׁ לָהּ רָצוֹן אַחֵר כְּנֶגְדּוֹ. וְאָז: לֹא זָכָה - כְּנֶגְדּוֹ** (יְבָמוֹת סג), ווֶעט עֶר זִיךְ מוּטְשֶׁען אִינְדֶערְהֵיים, זַיין ווַייבּ ווֶעט זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִים וְכוּ'.

**זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי: וְחֹדֶשׁ אֱלוּל שֶׁאָז יְכוֹלִין לְתַקֵּן זֶה וּלְהָאִיר הַדֶּרֶךְ בַּיָּם כַּנַּ"ל,** [עַל־כֵּן כַּוָּנַת אֱלוּל הֵם תִּקּוּן לָזֶה], חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן

וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית, וּכְשֶׁמְּתַקֵּן זֶה, אֲזַי **מוֹצֵא זִוּוּגוֹ**, אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה טְרֶעפְט מֶען אַ שִׁידּוּךְ, **וְהִיא אֵינָהּ כְּנֶגְדּוֹ, רַק כִּרְצוֹנוֹ**, אוּן מֶען בַּאקוּמְט שְׁלוֹם בַּיִת.

**וְיֵשׁ בָּזֶה סוֹד נִפְלָא**, אוּן עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹד. זָאגְט דֶער רֶבִּי: **כִּי דַע**, זָאלְסְט ווִיסְן, **שֶׁזֶּה הַסּוֹד מָסַר אַבְרָהָם לֶאֱלִיעֶזֶר עַבְדּוֹ, כְּשֶׁשְּׁלָחוֹ לְבַקֵּשׁ הַזִּוּוּג שֶׁל יִצְחָק בְּנוֹ**, ווֶען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט בַּאפוֹילְן זַיין קְנֶעכְט אֱלִיעֶזֶר צוּ גֵיין זוּכְן אַ שִׁידּוּךְ פַאר זַיין זוּן יִצְחָק אָבִינוּ, הָאט עֶר אִים אַנְטְפְּלֶעקְט דֶעם סוֹד, **הַיְנוּ סוֹד כַּוָּנַת אֱלוּל, שֶׁהֵם מְסֻגָּלִים לְתִקּוּן הַבְּרִית**, אַז חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז מְסוּגָל צוּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, **שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה מוֹצְאִין הַזִּוּוּג**, אוּן דוּרְךְ דֶעם טְרֶעפְט מֶען דֶעם שִׁידּוּךְ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט שְׁלוֹם בַּיִת. **כִּי עַל־יְדֵי הַתִּקּוּן הַנַּ"ל נַעֲשָׂה בָּהּ רָצוֹן אֵלָיו, כִּי מִקֹּדֶם לֹא הָיְתָה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ, כִּי נָטְתָה מִמֶּנּוּ כַּנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי־זֶה אִי אֶפְשָׁר לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, וַאֲפִלּוּ אִם מוֹצְאָהּ, אֵינָהּ נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ כַּנַּ"ל, אֲבָל עַל־יְדֵי כַּוָּנַת אֱלוּל שֶׁהֵם הַתִּקּוּן לָזֶה, עַל־יְדֵי־זֶה חָזַר וְנַעֲשָׂה בָּהּ רָצוֹן אֵלָיו כַּנַּ"ל.**

**וְזֶה הַסּוֹד מְבֹאָר בַּתּוֹרָה בְּפָרָשַׁת אֱלִיעֶזֶר, כִּי אַבְרָהָם מָסַר לוֹ הַסּוֹד הַזֶּה, וְזֶה שֶׁאָמַר אַבְרָהָם לֶאֱלִיעֶזֶר** (בְּרֵאשִׁית כ"ד): **וְאִם לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָלֶכֶת אַחֲרֶיךָ**, דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי ווֶערְטֶער ווָאס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר (בְּרֵאשִׁית כד, ח): "**וְאִם לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָלֶכֶת אַחֲרֶיךָ**", **רְאֵה וְהַבֵּט נִפְלְאוֹת תּוֹרָתֵנוּ, כִּי רָאשֵׁי־תֵבוֹת פָּסוּק זֶה הֵם אוֹתִיּוֹת אֱלוּל, וּבָאֶמְצַע הֵם תֵּבוֹת: תֹאבֶה הָאִשָּׁה**, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק אִיז 'אֱלוּל', אוּן אִינְמִיטְן שְׁטֵייט דִי ווֶערְטֶער: 'תֹאבֶה הָאִשָּׁה', **כִּי עַל־יְדֵי בְּחִינַת אֱלוּל, הַיְנוּ סוֹד כַּוָּנוֹת אֱלוּל, עַל־יְדֵי־זֶה תֹאבֶה הָאִשָּׁה, כִּי עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשָׂה בָּהּ רָצוֹן אֵלָיו כַּנַּ"ל**, דָאס קוּמְט אוּנְז ווַייזְן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה חוֹדֶשׁ 'אֱלוּל' אִיז עֶס מְסוּגָל צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידּוּךְ אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת. **נִמְצָא שֶׁבְּאֵלּוּ הַתֵּבוֹת בְּעַצְמָן שֶׁדִּבֵּר אַבְרָהָם עִם אֱלִיעֶזֶר מֵעִנְיַן הַחֲשָׁשׁ שֶׁמָּא לֹא תִתְרַצֶּה לֵילֵךְ אַחֲרָיו, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁאָמַר לוֹ: וְאִם לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָלֶכֶת אַחֲרֶיךָ - בְּאֵלּוּ הַתֵּבוֹת עַצְמָן גִּלָּה לוֹ סוֹד הַתִּקּוּן לָזֶה, דְּהַיְנוּ סוֹד אֱלוּל, הַמְרֻמָּז בְּרָאשֵׁי־הַתֵּבוֹת, שֶׁהוּא הַתִּקּוּן לָזֶה, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה תֹאבֶה הָאִשָּׁה. וְעוֹד יֵשׁ בָּזֶה סוֹדוֹת נוֹרָאִים מְאֹד**, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ סוֹדוֹת אִין דֶעם.

**גַּם עַיֵּן בַּמַּאֲמָר הַמַּתְחִיל: וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ** (בְּלִקּוּטֵי א', סִימָן ו), **כִּי שָׁם מְדַבֵּר מִכַּוָּנוֹת אֱלוּל, וְהוּא תִּקּוּן לִפְגַם הַבְּרִית כַּנַּ"ל**. הַיְנוּ לְעַיֵּן בְּאוֹתוֹ הַמַּאֲמָר, וְלִזְכּוֹת לְהָבִין בּוֹ וְלַעֲשׂוֹת עִמּוֹ אֵיזֶה עֲבוֹדָה בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם - עַל־יְדֵי־זֶה יְתַקֵּן פְּגַם הַבְּרִית.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט:**

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא אַז חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ גוּטֶע צֵייט צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן דֶער וָואס הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁלוֹם בַּיִת.

## קוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידּוּשִׁין פב.): "הַסַּפָּנִין רוּבָּן חֲסִידִים", רוֹב שִׁיף-קַאפִּיטַאנֶען זֶענֶען עֶרְלִיךְ, פַארְוָואס? וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין אַ קַאר וְכַדוֹמֶה רֶעדְט עֶר זִיךְ אֵיין אַז אוֹיבּ וֶועט עֶפֶּעס גֶעשֶׁען אִינְמִיטְן וֶועג וֶועלְן אִים מֶענְטְשְׁן הֶעלְפְן, אָבֶּער אַ שִׁיפְס קַאפִּיטַאן וֵוייסְט אַז וִוי שְׁטַארְק עֶר אִיז אוּן וִוי שְׁטַארְק זַיין שִׁיף אִיז, וֶועט קֵיינֶער אִים נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט אָדֶער שְׁרֶעקְלִיכֶע כְּוַואלְיֶעס, דֶערִיבֶּער טְרַאכְט עֶר אַ גַאנְצְן צֵייט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן. דֶערְפַאר זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז רוֹב שִׁיף-קַאפִּיטַאנֶען זֶענֶען עֶרְלִיךְ, וַוייל זֵיי קוּקְן אַ גַאנְצְן צֵייט אַרוֹיס נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי וֶועלְט אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ שְׁטוּרֶעמִישֶׁע וַואסֶער, אוּן מֶען דַארְף נֶעמֶען דֶעם זֶעלְבְּן מִיטְל וָואס דִי שִׁיף-קַאפִּיטַאנֶען נִיצְן, אַרוֹיס קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי כַּוָונָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל (שַׁעַר רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, יִחוּד י"ו) וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָא, אַז דֶער סוֹד פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מג, טז): "הַנּוֹתֵן בַּיָּם דָּרֶךְ", - דָאס הֵייסְט אַז חוֹדֶשׁ אֱלוּל זָאל מֶען נֶעמֶען דֶעם וֶועג וָואס מֶען נִיצְט אִין וַואסֶער, דֶער וֶועג פוּן אַרוֹיסְקוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

## זָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים

קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֵיינְט עֶטְלִיכֶע זַאכְן.

דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים', אוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל צְוֵויי מָאל דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים', דָאס הֵייסְט, זוּנְטָאג הָאט עֶר גֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל 'יוֹם רִאשׁוֹן', מָאנְטָאג צְוֵויי מָאל 'יוֹם שֵׁנִי', אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דֶערְפַאר, אַז דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג פִינְף קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, זָאג חוֹדֶשׁ אֱלוּל צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אַז דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, זָאג חוֹדֶשׁ אֱלוּל צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן אוֹיבּ דוּ זָאגְסְט נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים, זָאלְסְטוּ חוֹדֶשׁ אֱלוּל עֶפֶּענֶען אַ תְּהִלִּים אוּן זָאגְן כָּאטְשׁ 'אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים'.

## רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דִי צְוֵוייטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֵיי שְׁפַּאצִירְן אוּן טוּ דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

**רֶעדְן** צום אייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט אֶמוּנָה פַּאר א מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער איז דָא, אִיךְ קֶען אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ, אִיךְ דַאנְק אִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אִיךְ ווייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער איז דָא, אִיךְ דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם.

**אַמָאל** אִיז אַ אִינְגֶערְמַאן גֶעקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל אַלְס גַאסְט, אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אוּן דֶערְצֵיילְט מִיר אַז עֶר הָאט הַיינְט גֶעזֶען אַ פֶּלֶא'דִיגֶע זַאךְ: "אִיךְ הָאבּ שְׁפַּאצִירְט מִיט מַיין ווייבּ אִין גַאס, אוּן אִיךְ זֶע ווִי אַ אִינְגְל פוּן זִיבְּן יָאר גֵייט אַלֵיינְס אִין גַאס, פְרֶעג אִיךְ אִים: 'אִינְגֶעלֶע, דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא צוּ גֵיין אַלֵיינְס אִין גַאס?!' עֶנְטְפֶערְט דֶער אִינְגְל: 'פוּן וֶועמֶען זָאל אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר!'" - דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת, וַוייל דָאס קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט מַאכְן, מֶען זֶעט אַז דֶער אִינְגְל הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט אַן אֶמֶת.

**יֶעצְט** דַארְף מֶען זֶען אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן דָאס נָאכְמַאכְן. מֶען דַארְף ווִיסְן אַז קִינְדֶער כַאפְּן אוֹיף ווֶען עֶפֶּעס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים ווִי אַזוֹי טַאטֶע מַאמֶע רֶעאַגִירְן, אַנְשְׁטַאט צוּ ווֶערְן פַּארְלוֹירְן, אוּן בַּאשׁוּלְדִיגְן אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן, דַארְף מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן", "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "גַּם זוּ לְטוֹבָה" אוּן "לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל עֶס קֶענֶען פַּארְרֶעכְטְן".

**לְמָשָׁל**, ווֶען דִי מַאמֶע הָאלְט אִינְמִיטְן ווַאשְׁן וֶועשׁ אוּן פְּלוּצְלִינְג צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ דִי ווַאשׁ מַאשִׁין, וָואס טוּט מֶען דָא? דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן אַרַיין לֵייגְן 'אֱמוּנָה' אוּן 'תְּפִלָּה' אִין דִי קִינְדֶער, מֶען זָאגְט פַּאר דִי קִינְדֶער: "לָאמִיר אַלֶע אִינְאֵיינֶעם מַאכְן אַ 'מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה', מֶען גֵייט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי ווַאשׁ מַאשִׁין זָאל צוּרִיק אָנְהֵייבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן, לָאמִיר זָאגְן צוּזַאמֶען: '**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף דִי ווַאשׁ מַאשִׁין זָאל זִיךְ פַּארְרֶעכְטְן**'".

### לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

דִי דְרִיטֶע ווֶעג ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, לֶערְן 'אַבִּיסְל' מִשְׁנָיוֹת, 'אַבִּיסְל' גְמָרָא. ווֶען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר נָאכְדֶעם גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ נֵייעֶ זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז 'אַבִּיסְל' אִיז אוֹיךְ גוּט".

### 'אֱלוּל', 'אֱלוּל', 'אֱלוּל'...

**עֶס** קוּמְט אֱלוּל, מֶענְטְשְׁן הֵייבְּן אָן מוֹרָא'דִיג צוּ בְּרֶענֶען; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "מֶענְטְשְׁן בְּרֶענֶען: 'אֱלוּל', 'אֱלוּל', 'אֱלוּל' אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט!" אֱלוּל הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן מָארְגְן, הַיינְט 'רֹאשׁ

חוֹדֶשׁ' איז שוין אֱלוּל, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ: וָואס הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעטוּן פַאר אֱלוּל? אִיךְ הָאבּ שוין גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ? אִיךְ הָאבּ שוין גֶעעֶפְנְט אַ מִשְׁנָיוֹת? אִיךְ הָאבּ שוין גֶעעֶפְנְט אַ גְּמָרָא? אִיךְ הָאבּ שוין גֶעעֶפְנְט אַ תְּהִלִּים? אִיךְ בִּין שוין גֶעגַאנְגֶען אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן? אִיךְ הָאבּ שוין גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? - דָאס אִיז אֱלוּל!

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, מֶען זָאל פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען וֶועט מְתַקֵן זַיין דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, וֶועט זַיין שִׁידוּכִים און מֶען וֶועט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ זִיסֶע לִיכְטִיגֶע יָאר, אָמֵן.

**דֶערְנָאךְ** הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן לְכָבוֹד רֹאשׁ חוֹדֶשׁ: "יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם. לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. לְפַרְנָסָה טוֹבָה וּלְכַלְכָּלָה. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. לִשְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת. וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. וְלִגְשָׁמִים בְּעִתָּם. וְלִרְפוּאָה שְׁלֵמָה. וְלִגְאוּלָה קְרוֹבָה וְנֹאמַר אָמֵן".

# פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים

# פָּרְשַׁת שׁוֹפְטִים

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

פְּרַייטָאג צוּנַאכְטְס בַּיים בָּאטֶע הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט הֶערְלִיכֶע דִּבְרֵי הִתְחַזְקוּת בְּעִנְיָן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע וָואס זוּכְט אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע עֶרְלֵיי וֶועגְן.

**זַיי שְׁטַארְק, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה ווִי אַזוֹי מֶען זָאל זִיךְ פִירְן וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס צוּ אַ מִלְחָמָה קֶעגְן דִי פַיינְט. אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים טַייטְשְׁן אוֹיס דִי פְּסוּקִים אוֹיפְ'ן 'מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר'.

**דֶער פָּסוּק זָאגְט** (דְּבָרִים כ, א): "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ", וֶוען דוּ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן דֶעם גְרֶעסְטְן פַיינְט, דֶער יֵצֶר הָרָע, "וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב מִמְּךָ", דוּ וֶועסְט זֶען אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז פִיל שְׁטֶערְקֶער פוּן דִיר, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן ווִי דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט אִים, זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ: "לֹא תִירָא מֵהֶם", הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן אִים, "כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ עִמָּךְ", ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט דִיךְ, "הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם", דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט דִיךְ אַרוֹיס גֶעצוֹיגְן פוּן לַאנְד מִצְרַיִם פוּן דִי מ"ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, וֶועט דִיר אוֹיךְ הֶעלְפְן מִיט דַיין מִלְחָמָה קֶעגְן דֶער יֵצֶר הָרָע.

"**וְהָיָה** כְּקָרָבְכֶם אֶל הַמִּלְחָמָה" (דְּבָרִים כ, ב), וֶוען עֶטְס וֶועט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ דִי מִלְחָמָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "וְנִגַּשׁ הַכֹּהֵן", זָאל דֶער כֹּהֵן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן - דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס אִיז מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "וְדִבֶּר אֶל הָעָם", עֶר זָאל רֶעדְן צוּם פָאלְק.

"**וְאָמַר** אֲלֵהֶם" (דְּבָרִים כ, ג), עֶר זָאל זָאגְן צוּ זֵיי, "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל", זָאגְט רַשִׁ"י: "אֲפִילוּ אֵין בָּכֶם זְכוּת אֶלָּא קְרִיאַת שְׁמַע בִּלְבַד, כְּדַאי אַתֶּם שֶׁיּוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם", אֲפִילוּ אִיר הָאט נָאר דֶעם זְכוּת פוּן קְרִיאַת

שְׁמַע, "אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֵיכֶם", אִיז שׁוֹין גֶענוּג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק הֶעלְפְן בַּיישְׁטֵיין דִי מִלְחָמָה.

**אַזוֹי** וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

**דֶער** צַדִּיק זָאגְט אוּנְז אָן: עֶטְס זָאלְטְס זַיין גֶעוָואָרְנְט, "אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם", עֶנְקֶער הַארְץ זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁוַואךְ, "אַל תִּירְאוּ", עֶטְס זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, "וְאַל תַּחְפְּזוּ", עֶטְס זָאלְטְס זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, "וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם", אוּן עֶטְס זָאלְטְס נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן זֵיי.

**דִי** גַאנְצֶע זַאךְ פוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ חֲלִישׁוּת הַדַעַת, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן טְרַאכְטְן: 'צַדִּיקִים קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר מִיר', קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן זָאגְט אוּנְז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת, זַיי שְׁטַארְק, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נָאר דִי מִצְוָה פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, דוּ הָאסְט נָאר דִי אֱמוּנָה - וֶועט דָאס דִיךְ הֶעלְפְן.

**אִיךְ וֵויס אַז אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט**

"**כִּי** ה' אֱלֹקֵיכֶם הַהֹלֵךְ עִמָּכֶם לְהִלָּחֵם לָכֶם" (דְבָרִים כ, ד), וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְקֶער בַּאשֶׁעפֶער גֵייט מִיט עֶנְק צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן פַאר עֶנְק, "עִם אֹיְבֵיכֶם", מִיט עֶנְקֶערֶע פַיינְט, "לְהוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם", עֶנְק צוּ הֶעלְפְן; אִיךְ הָאבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**רַשִׁ"י** זָאגְט: "הֵם בָּאִים בְּנִצְחוֹנוֹ שֶׁל בָּשָׂר וָדָם", דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל דִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דוּ הָאסְט כֹּחַ זִיךְ צוּ קְרִיגְן קֶעגְן אִים, אוּן לְמַעֲשֶׂה פַארְשְׁטֵייסְטוּ אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ זִיךְ צוּ קְרִיגְן קֶעגְן אִים, וַוייל וִוי אַזוֹי קֶען זִיךְ אַ בָּשָׂר וָדָם קְרִיגְן מִיט אַ מַלְאָךְ?! דֶערְפַאר ווִילְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דִי מִלְחָמָה. אָבֶּער בֶּאֱמֶת, "וְאַתֶּם בָּאִים בְּנִצְחוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם", אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן זִיךְ קְרִיגְן, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן אִין מַיין מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אִים מְנַצֵּחַ זַיין.

**דָאס** אִיז דִי זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס, אוּן דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת; דוּ הָאסְט נִסְיוֹנוֹת? דוּ הָאסְט שְׁוֶועריִקַייטְן אִין לֶעבְּן? זָאלְסְטוּ ווִיסְן 'כִּי ה' אֱלֹקֵיכֶם הַהֹלֵךְ עִמָּכֶם לְהִלָּחֵם לָכֶם', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן.

'**אָבֶּער** אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ זִיךְ צוּ קְרִיגְן קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע', - דוּ הָאסְט טַאקֶע נִישְׁט קַיין כֹּחַ זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אָבֶּער וָואס דַארְפְסְטוּ כֹּחַ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר! אַז מֶען רֶעדְט

זִיךְ אַיין אַז מֶען קוּמְט 'בְּנִצְחוֹנוֹ שֶׁל בָּשָׂר וָדָם', מִיט מַיין אֵייגֶענֶע כֹּחַ, פַּאלְט מֶען פוּן דִי כֹּחוֹת, מֶען קֶען טַאקֶע נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶער אִיךְ קוּם 'בְּנִצְחוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם', אִיךְ הָאבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵייס אַז אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיךְ הֶעלְפְן.

## שֶׁתְּחִלַּת נְפִילָה - נִיסָה

**שְׁטֵייט** וַוייטֶער אִין פָּסוּק (דְבָרִים כ, ט): "וּפָקְדוּ שָׂרֵי צְבָאוֹת בְּרֹאשׁ הָעָם", מֶען זָאל אוּיפְנֶעמֶען הֶערְן פוּן מִילִיטֶער אִין שְׁפִּיץ פוּנֶעם פָאלְק, זָאגְט רַשִׁ"י: "שֶׁמַּעֲמִידִין זַקָּפִין מִלְּפְנֵיהֶם", מֶען שְׁטֶעלְט שְׁטַארְקֶע לַייט אִין פָארְנְט פוּן דִי מִילִיטֶער, "וּמֵאַחֲרֵיהֶם", אוּן פוּן הִינְטֶער דִי מִילִיטֶער, "וְכַשִּׁילִים שֶׁל בַּרְזֶל בִּידֵיהֶם", מִיט אַייזֶערְנֶע הֶעק אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, "וְכָל מִי שֶׁרוֹצֶה לַחֲזוֹר, הָרְשׁוּת בְּיָדוֹ לְקַפֵּחַ אֶת שׁוֹקָיו", דִי שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען בַּארֶעכְטִיגְט אוּנְטֶער צוּ הַאקְן דִי פִּיס פוּן דִי אַנְטְלוֹיפֶערְס. ... "שֶׁתְּחִלַּת נְפִילָה - נִיסָה", וַוייל אַז מֶען אַנְטְלוֹיפְט, פַּארְלִירְט מֶען דִי מִלְחָמָה.

**מֶען** זֶעט אִין דִי גְמָרָא (סוֹטָה מד:) שְׁטֵייט אַ פַּארְקֶערְטֶע לָשׁוֹן: "שֶׁתְּחִלַּת נִיסָה - נְפִילָה", אַז מֶען הֵייבְּט אָן צוּ אַנְטְלוֹיפְן, פַּארְלִירְט מֶען דִי מִלְחָמָה. אָבֶער רַשִׁ"י הָאט גֶעטוּישְׁט דֶעם לָשׁוֹן אוּיף: "שֶׁתְּחִלַּת נְפִילָה - נִיסָה", וַוייל רַשִׁ"י וִויל אוּנְז לֶערְנֶען אַז יֶעדֶע אָנְהֵייבּ פוּן אַ מַפָּלָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ פַּארְלִירְט דִי מִלְחָמָה, קוּמְט נָאר פוּן דֶעם וָואס מֶען אַנְטְלוֹיפְט, מֶען אִיז זִיךְ מְיַיאֵשׁ. דֶערִיבֶּער שְׁטֶעלְט מֶען אַוֶועק גֶענֶעַראלְן, מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק צַדִיקִים וָואס זָאלְן אוּיסְשְׁרֵייעֶן: אַנְטְלוֹיף נִישְׁט, לָאז נִישְׁט אָפּ, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל!" זָאגְט רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנג): דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין לֶעצְטֶע בִּיסְל כֹּחַ: "גִּיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַּארְהַאנֶען"; עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי יֵאוּשׁ.

## דֶער טָעוּת פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט

**זָאל** אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר זָאל זַיין וואוּ עֶר זָאל נָאר זַיין, אוּן עֶס זָאל הָאבְּן אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אוּיף אִים וָואס עֶס אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, קֶענְסְטוּ נָאכְאַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט נָאר דוּ קֶענְסְט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דוּ קֶענְסְט נָאךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק!

**עֶס** אִיז דָא אַ טָעוּת צְווִישְׁן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס מֵיינֶען אַז דִי צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין צַדִיקִים וַוייל זֵיי שְׁטַאמֶען פוּן צַדִיקִים; רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כו): יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז

דער רֶבִּי איז צוגֶעקוּמֶען צו זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת און הַשָּׂגוֹת ווייל עֶר איז אַן אֵיינִיקְל פון דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און פון הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און פון נָאךְ צַדִּיקִים, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין, און זָאגְן: "איךְ בִּין צוגֶעקוּמֶען צו וָואס איךְ בִּין צוגֶעקוּמֶען, נִישְׁט ווייל איךְ שְׁטַאם פון אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס, און נִישְׁט ווייל מַיין נְשָׁמָה וְכוּ', נָאר ווייל איךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, און יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צו דֶעם", און "אֲפִילוּ איךְ וָואלְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי די פָּשׁוּט'סְטֶע שְׁטוּבּ, וָואלְט איךְ אויךְ זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צו מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, דוּרְךְ דֶעם וָואס איךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט" (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כה).

**דער** הייליגער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ה) ווי שְׁטַארְק עֶר הָאט זיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט אין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן צו דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צו דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און איז אַרָאפּ גֶעפַאלְן, עֶר הָאט זיךְ דֶערְהַאלְטְן און נָאכְמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנְדַאסְנַיי צו דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי איז עֶר נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צום אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז אין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאט עֶר גֶעמַאכְט "טוֹיזְנְט הַתְחָלוֹת אין אֵיין טָאג!" דָאס איז מוֹרָא'דִיגֶע חִיזּוּק, ווייל גֶעוֶועְנְלִיךְ ווַארְט אַ מֶענְטְשׁ אָנְצוּהֵייבְּן פון פְרִישׁ אויף אַ נֵייעֶ טָאג אָדֶער אַ נֵייעֶ וָואךְ, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פון פְרִישׁ כִּמְעַט יֶעדֶע מִינוּט, ווייל אין אַ טָאג איז דָא 'פֶערְצְן הוּנְדֶערְט און פֶערְצִיג מִינוּט'.

**די עֲבֵירוֹת זֶענֶען נָאר קְלֵיינֶע בָּאמְבֶּעס**

**בַּיי** די מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר איז נִישְׁטָא קֵיין אַנְטְלוֹיפְן, נִישְׁטָא קֵיין אוֹיפְגֶעבְּן.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דֶער מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר איז 'עֲבֵירוֹת', דֶער יֵצֶר הָרָע וויל דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרָאפּ פַאלְן אין אַן עֲבֵירָה, דָאס איז אַ טָעוּת, די 'עֲבֵירוֹת' זֶענֶען נָאר קְלֵיינֶע בָּאמְבֶּעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטֶעלְט אוּנְטֶער מִיט'ן צִיל עֶר זָאל קֶענֶען ווַארְפְן זַיין גְרוֹיסֶע בָּאמְבֶּע, וָואס איז זַיין גְרוֹיסֶע בָּאמְבֶּע? - דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּמַאכְן: "איךְ גֶעבּ אויף!" די עֲבֵירוֹת זֶענֶען דֶער מִיטְל דֶערְצוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל מַחְלִיט זַיין 'איךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּן צוּפִיל עֲבֵירוֹת, עֶס איז גוּט, איךְ גֶעבּ אויף, איךְ הֶער אויף צו בֶּענְקֶען צו זַיין אַ גוּטֶער איד, איךְ הֶער אויף צו וֶועלְן זַיין אַ צַדִּיק'.

**זיךְ נִישְׁט בַּאגְנוּגֶענֶען, ווילְן נָאךְ און נָאךְ**

**יֶעדֶער** בָּחוּר וויל זַיין אַ צַדִּיק, וֶוען מֶען ווערט עֶלְטֶער גֶעבְּט מֶען אויף

דֶעם ווילְן, מֶען בַּאגְנוּגְט זיךְ מִיט אַבִּיסְל גְמָרָא און מִשְׁנָיוֹת, איךְ הָאבּ אַ שִׁיעוּר צוּפְרִי און בַּיינַאכְט, אָבֶער איךְ זָאל נָאךְ אוֹיסְגֵיין צו וֶועלְן זַיין אַ צַדִּיק?! דָאס איז דֶער יֵצֶר הָרָע'ס מִלְחָמָה, דֶער מֶענְטְשׁ

זָאל אוֹיפְגֶעבְּן זַיין ווילְן און טְרַאכְטְן: קְרִיאַת שְׁמַע איז נִישְׁט פַאר מִיר, חֲצוֹת איז נִישְׁט פַאר מִיר, הִתְבּוֹדְדוּת איז נִישְׁט פַאר מִיר, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ איז נִישְׁט פַאר מִיר, כִּתְבֵי הָאֲרִ"י איז נִישְׁט פַאר מִיר.

**דער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ח), ווי אַזוֹי עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען וֶוען עֶר איז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד, אַז עֶס איז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען וֶוען עֶר איז גֶעוֶוען יוּנְג, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעווֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וויל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען און פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנָיוֹת. נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע סְפָרִים און עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעווֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן: "וְכֵן בְּלִמּוּד זוֹהַר וְכִתְבֵי הָאֲרִ"י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָיָה בּוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה עַד שֶׁזָּכָה לְהָבִין", עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעווֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין זוֹהַר און כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל, בִּיז עֶר הָאט אַלֶעם פַארְשְׁטַאנֶען, עַיֵּין שָׁם.

**מֶען** זֶעט דָא אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאגְנוּגְנְט מִיט דֶעם אַז עֶר לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט קֶענֶען זוֹהַר און כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין קַבָּלָה, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעווֵיינְט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק! אַז דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען - וויל אִיךְ אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין זַיינֶע וֶוערְטֶער, פַארְוָואס זָאל זַיין נָאר דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ און רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי און אִיךְ נִישְׁט?!"** עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעווֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט אַלֶעם פַארְשְׁטַאנֶען.

## דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גַן עֵדֶן

**דָאס** קֶענֶען מִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דִי הַיינְטִיגֶע פָּרָשָׁה, אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַ גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ, מִיט אַזוֹיפִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר וֶוערְט מְיוּאָשׁ 'ווי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען מְנַצֵּחַ זַיין דִי מִלְחָמָה?' זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה: הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער איז מִיט דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם; אִין מִצְרַיִם איז גֶעוֶוען מֶער טוּמְאָה ווִיפִיל דוּ הָאסְט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן דָארְט, וֶועט עֶר דִיךְ אוֹיךְ הֶעלְפְן יֶעצְט. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי אֱמוּנָה, אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי אֱמוּנָה אַלֵיינ'ס איז אַזאַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט 'אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין מִיט מִיר, גְלֵייבּ אִיךְ וַוייטֶער אִינֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן׳ - פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

וָוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אוֹיף פֶּסַח אִין אִיסְטַאנְבּוּל, אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קֵיין עֶסְן אוֹיף יוֹם טוֹב, אִינְמִיטְן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָּאלְק פוּן דֵייטְשְׁלַאנְד אוּן גֶעבְּרֶענְגְט פַארְ׳ן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַלֶע עֶסְן אוֹיף יוֹם טוֹב, אִינְמִיטְן דֶעם סֵדֶר פְרֶעגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זַיין טָאכְטֶער אָדֶל: "וֶוער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַצּוֹת, וַויין, מִיט אַלֶע גוּטֶע עֶסְן?" הָאט אָדְל גֶעזָאגְט אַז דִי פָּאר-פָּאלְק הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט אוּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם גַאנְצֶע סֵדֶר, שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן דוּ זָאלְסְט זֵיי בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ קִינְד. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ זָאג צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג, בִּיז אַ יָאר וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד", פְּלוּצְלִינְג הֶערְט עֶר אַ כְּרוּז פוּן הִימְל ווִי מֶען רוּפְט אוֹיס אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא, דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מח) אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַיֶּ׳ צוּ זַיין, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ בְּלַייב גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֶועל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קֵיין גַן עֵדֶן, אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל גָארְנִישְׁט הָאבְּן!"

**דֶער** יֵצֶר הָרָע דֶערְשְׁרֶעקְט אַ מֶענְטְשׁ, ׳וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דוּ וֶועסְט עֶס סַיי ווִי נִישְׁט מַאכְן, דוּ וֶועסְט סַיי ווִי נִישְׁט מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע, דוּ וֶועסְט סַיי ווִי נִישְׁט קֶענֶען אָנְהַאלְטְן דַיין קַבָּלָה׳, דַארְף מֶען אִים עֶנְטְפֶערְן: אִין בִּין וֶוער אִיךְ בִּין, אוּן עֶס גֵייט מִיר גָארְנִישְׁט אָן וָואס אִיךְ וֶועל הָאבְּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אִיךְ דִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! - אוּן צוּ דֶעם קֶען יֶעדֶער פְּשׁוּט׳עֶר בָּחוּר אוּן אִינְגֶערְמַאן צוּקוּמֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז יֶעדֶער אִיד וָואס ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף זַיין גְרֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קֵיין שׁוּם שָׂכָר - נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

### צְוֵויי קַשְׁיוֹת פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ אַלְס קִינְד

**מוֹהֲרַ"אשׁ** הָאט דֶערְצֵיילְט (עַיֵּין סֵפֶר רִגְעֵי מוֹהֲרַ"אשׁ, סִימָן ז, וְסִימָן טז בְּהַגָּה), וָוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגְל פְלֶעגְט עֶר לֵיינֶען אַסַאךְ מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִיקִים, הָאט אִים אַלְץ גֶעבַּאדֶערְט צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז נָאר דִי צַדִיקִים זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים, פַארְוָואס עֶפֶּעס זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעוֶועלְט אוּן נִישְׁט אִיךְ? צְווֵייטְנְס, וָואס אִיז דִי זַאךְ וָואס מֶען זֶעט אִין דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ אַז צַדִיקִים פְלֶעגְן אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל שְׁפַּאצִירְן אִין דִי

עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען אַרוֹיף אִין הִימְל? וִוי אַזוֹי שְׁפַּאצִירְט מֶען אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים? - דִי צְוֵויי זַאכְן הָאבְּן אִים מַמָּשׁ גֶעפַּיינִיגְט.

**וֶוען** עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם סֵפֶר מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ[ז], אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק, דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיזְ'ן גְרֶעסְטְן - וֶוער עֶס וֶועט מִיךְ פָאלְגְן מִיט דִי עֵצָה פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז דָא".

**אוֹיךְ** הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף זַיין צְוֵוייטֶע ווּאוּנְדֶער 'וִוי אַזוֹי שְׁפַּאצִירְט מֶען אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים?' - וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיז מַמְשִׁיךְ צוּ רֶעדְן נָאךְ אוּן נָאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט אִים דִי מֹחַ גֶעטוֹישְׁט אַז עֶר שְׁפַּאצִירְט אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים! מִיר וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט וָואס דָאס מֵיינְט, אָבֶּער אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן, מִיר וֶועלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ מֹחַ.

### רֶעד אַבִּיסְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**אַז** מֶען וִויל אַסַאךְ טוּט מֶען גָארְנִישְׁט, לָאמִיר רֶעדְן 'אַבִּיסְל' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען הֵייבְּט אָן מִיט אַבִּיסְל, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיין וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט, אַ טְרָאפּ נָאךְ אַ טְרָאפּ, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

**גֵיי** אִין אַ זַייט, זֶעץ זִיךְ אַוֶועק אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָא אִין שְׁטֶעטְל קֶען מֶען עֶס מְקַיֵים זַיין צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער.

**זָאג** פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל גְלֵייבְּן אִין דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל דִיר שְׁפִּירְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ וִויל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אַ גַאנְצְן טָאג בִּין אִיךְ מֵסִיחַ דַעַת פוּן דִיר, אִיךְ פַארְגֶעס פוּן דִיר, אִיךְ טְרַאכְט נָאר פוּן גֶעלְט, פוּן עֶסְן, פוּן שְׁלָאפְן, פוּן כָּבוֹד, פוּן פָּאלִיטִיק אוּן**

---

ז. דֶער סֵפֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען רֶבִּי אַלְטֶער טֶעפְּלִיקֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. עֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען צְוֵויי סְפָרִים, דֶער סֵפֶר "הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ". וָואס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן דֶער סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ" וָואס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דֶער עִנְיָן פוּן הִתְחַזְקוּת, בֵּיידֶע סְפָרִים זֶענֶען לִקּוּטִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן רֶבִּי נָתָנְ'ס סְפָרִים. בְּזִוּוּג שֵׁנִי הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן זַיין שְׁוָואגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מִיטְ'ן אַרוֹיס גֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "כּוֹכְבֵי אוֹר".

**נָאךְ זַאכְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן פוּן דִיר".**

**אֲפִילוּ** מֶען אִיז נָאךְ וַוייט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט עֶס אִיבֶּער אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מִיט יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען מֶער צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלְץ מֶער קְלָארְט זִיךְ אוֹיס דִי מֹחַ אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מֶען** דַארְף עֶס נָאר אָנְהֵייבְּן צוּ טוּן, אוּן מֶען קֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט וָואס עֶס גֶעשֶׁעט ווֶען מֶען רֶעדְט צוּ דִיר".**

**וֶוען** דוּ גֵייסְט אַרוֹיס אוֹיפְ'ן גַאס, דוּ זֶעסְט דִי הִימְל, הֵייבּ אָן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים וָואס דוּ דַארְפְסְט, אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער, נַחַת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער יֶעדֶע זַאךְ מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל.

## זַיין גַאנְצֶע אַיינְקוֹיפְן אִיז אֵיין שְׁטִיק דְבֵיקוּת בַּה'

**מֶענְטְשְׁן** פְרֶעגְן וואו קֶען מֶען עֶפֶּעס אָנְזֶען אוֹיף אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד? - דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען אָנְזֶען; צְווֵיי מֶענְטְשְׁן קֶענֶען גֵיין אַיינְקוֹיפְן אִין גְרָאסֶערִי לְכָבוֹד שַׁבָּת, אֵיינֶער מַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט מִיט דִי לִיפְּן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וואו לִיגְט דִי מִילְךְ, דִי פֶּערְפְל, דִי לָאקְשְׁן?" "אָה שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטְרָאפְן"**, זַיין גַאנְצֶע אַיינְקוֹיפְן אִיז אֵיין שְׁטִיק דְבֵיקוּת בַּה', ווִידֶער דֶער צְווֵייטֶער אִיז טַאקֶע עוֹסֵק אִין אַיינְקוֹיפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת אָבֶער **עֶר טוּט עֶס נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן!**

**עֶס** קֶען אוֹיסְקוּקְן פַּאר מֶענְטְשְׁן מָאדְנֶע, דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, וואו עֶס לִיגְט פֶּערְפְל אוּן לָאקְשְׁן?! - לָאמִיר אָבֶער זֶען, פוּן וֶועם טְרַאכְטְסְטוּ אוּן פוּן וֶועם טְרַאכְט אִיךְ?! אִיךְ טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! יֶעדֶע רֶגַע וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְלֹא כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, עֶר אִיז דָא גֶעבְּן מִיר אוּן אִיךְ קֶען אִים אַלֶעם בֶּעטְן - אִיז עֶר דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז מְקַיֵּים אַזוֹיפִיל מִצְוֹת.

**מֶען** טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס לַאכְן פוּן דֶעם, ווַייל דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לַאכְן - לַאכְן פוּן דִי אֱמוּנָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**מֶען** קֶען אוֹיסְקוּקְן ווִי אַן אִישׁ פָּשׁוּט, גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַרְבֶּעטְ'ס קְלֵיידֶער, נִישְׁט מַאכְן קַיין טוּמְל, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט ווִיסְן פוּן אִים, אוּן מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַלֶע שְׁמוֹנָה בְּגָדִים, מִיט סְטְרָאקֶעס אוּן גֶעפֶּעפֶּעטֶע הוֹיזְן, זִיצְן אוֹיבְן אָן בַּיים

מִזְרַח וַואנְט, און עֶס טוּט זִיךְ אַ גַאנְצֶע טוּמְל אַרוּם אִים, וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אִים קוּקְט עֶר אוֹיס וִוי אַן עֶרְנְסְטֶער מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער פְרֶעגְט: "וֶועמֶענְ'ס אֵיידֶעם אִיז עֶר? אָה יֶענֶעמְ'ס אֵיידֶעם?!" - אָבֶּער עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואנֶדְן אִין דֶעם, דֶער עִיקָר אִיז 'וואוּ אִיז מַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה?' אוֹיבּ בֶּעט עֶר יֶעדֶע זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט - אִיז עֶר דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! און אוֹיבּ נִישְׁט - הָאט עֶר גָארְנִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז בְּלוֹיז עֶטֶענְשְׁן (אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט); זַיין גַאנְצֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט 'וָואס וֶועט מֶען זָאגְן אוֹיף מִיר', און 'וָואס וֶועט מֶען טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר'!

**בֵּיידֶע** קֶענֶען גֵיין נֶעבְּן און מֶען וֶועט גָארְנִישְׁט אָנְזֶען אַ חִילוּק צְווִישְׁן זֵיי צְוֵויי, אָבֶּער דֶער חִילוּק אִיז גְרוֹיס, דֶער רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער אַנְדֶערֶער נִישְׁט.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט דִיךְ יָא אוֹיס

**דֶער** פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כ, ב - ג): "וְנִגַּשׁ הַכֹּהֵן וְדִבֶּר אֶל הָעָם. וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל", דֶער כֹּהֵן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז, גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן! אַסַאךְ מָאל פַאלְט אַ מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין אַזַא קַטְנוּת, עֶר וֶוערְט אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער זָאגְט אִים: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", קֶען עֶר עֶס נִישְׁט הֶערְן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז: גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט דִיךְ יָא אוֹיס, זֶעץ זִיךְ אַוֶועק אִין אַ זַייט און בֶּעט: "**בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ**".

**דָא** זִיצְט אַ חָתָן וָואס אִיז דִי וָואךְ אַ חָתָן גֶעוָוארְן, בַּיי דִי לְחַיִּים הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַ הֶערְלִיכֶע פְּשֶׁעטְל, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט זַיין מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, אַז עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע גֵייט עֶר נִישְׁט קַיין חָתָן וֶוערְן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיךְ**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וִויל שׁוֹין הָאבְּן מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אִיךְ וִויל טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה**", עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן און גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן!

## נִישְׁט גֵיין אוֹיף צוּרִיק

**אֵיינֶע** פוּן דִי וֶועגְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, וִוי אַזוֹי עֶר שְׁטֶערְט אַ מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דוּרְךְ מְבַלְבֵּל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט מַחְשָׁבוֹת עֶר זָאל טוֹישְׁן פוּן אֵיין הַנְהָגָה צוּ אַן אַנְדֶערֶע הַנְהָגָה, דַארְף מֶען וִויסְן אַז 'תְּחִלַּת נִיסָה - נְפִילָה', אַז מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פַארְלִירְט מֶען דִי מִלְחָמָה, אַז מֶען הָאט אָפְּגֶעמַאכְט: 'דָאס אִיז מַיין מִנְיָן וואוּ אִיךְ דַאוֶונען', 'דָאס גֵיי אִיךְ לֶערְנֶען', 'דָאס אִיז מַיין

יִרְאַת שָׁמַיִם׳, און דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט עֶס שְׁוֶוער, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז אַ טְרִיק פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן שְׁוַואךְ און אַלֶעס אָפְּלָאזְן, מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט גֵיין אוֹיף צוּרִיק, נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי גוּטֶע קַבָּלוֹת וָואס מֶען הָאט זִיךְ פָּארְגֶענוּמֶען, אַפִילוּ עֶס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קטו), וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט צוּ טוּן; אַז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַ גֶעוִויסֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר גֶעוֶוען שְׁטַארְק פַּאר אַ שְׁטִיק צַייט מִיט דֶעם הַנְהָגָה, אַפִילוּ עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען בִּיטֶער שְׁוֶוער, וֶוען עֶס אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען מַחְשָׁבוֹת עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דִי הַנְהָגוֹת און אָנְהֵייבְּן אַנְדֶערֶע הַנְהָגוֹת, הָאט עֶר זֵיי נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ בְּלַייבְּן מִיט דִי וֶועג, מִיט דִי קַבָּלוֹת טוֹבוֹת און הַנְהָגוֹת וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט צוּ טוּן, און הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁטֶערְן דוּרְךְ טוּישְׁן דִי וֶועג וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט.

### מִצְרַיִם אִיז נָאךְ הַיינְט דָא

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִי אַלֶע פְּסוּקִים, מִיר זָאלְן גְלֵייבְּן אַז ׳כִּי ה׳ אֱלֹקֶיךָ עִמָּךְ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׳, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיס גֶעצוֹיגְן פוּן לַאנְד מִצְרַיִם, וֶועט עֶר מִיךְ אוֹיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן מַיין אֵייגֶענֶעם מִצְרַיִם.

**קִינְדֶער** אִין חֶדֶר מֵיינֶען אַז מִצְרַיִם אִיז אַ לַאנְד וָואס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְז צוּ פַּיינִיגְן, עֶס אִיז נִישְׁט אֶמֶת, מִצְרַיִם אִיז נָאךְ הַיינְט דָא, מִצְרַיִם אִיז אִין מֹחַ, מִצְרַיִם אִיז דִי וֶוערְטֶער מֵצַר-יָם, אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט ׳וָואס וֶועט זַיין?׳ ׳וָואס וֶועט זַיין?׳ אִיז עֶר אִין מִצְרַיִם, זַיין מֹחַ אִיז אִין מִצְרַיִם. און דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען אַרוֹיס גֵיין אוֹיךְ פוּן דֶעם מִצְרַיִם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיפְרוּף פוּן אַ חָתָן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה נֵרוֹ יָאִיר. נָאכְ'ן דאַוֶונֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', אוּן גֶעעֶנְדִיגְט מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פָאַרְגֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן אִינֶעוֵוייניג. מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס דָא אִין קוּרְצְן:

**דֶער** קֶענִיג הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן גִּבּוֹר ווִי אַזוֹי מֶען קֶען דוּרְךְ גֵיין דֶעם וֶועג פוּנֶעם שְׁוֶוערְד אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. אַז אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שְׁוֶוערְד אִיז דָא אִין דֶער זַייט אַ וֶועג וָואס פִירְט צוּ אַ קָאךְ וָואס מֶען קָאכְט דָארְט אַלֶע עֶרְלֵיי מַאֲכָלִים.

**מוֹהֲרַאְ"שׁ** אִיז מַסְבִּיר אַז דֶער קָאךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס פוּן אִים גֵייט אַרוֹיס אַלֶע גוּטֶע עֶסְן - תּוֹרוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וָואס אִיז מְחַזֵּק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**דוּ גֵייסְט הָאבְּן עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת**

**דֶערְפַאר** - זָאגְט דֶער קֶענִיג צוּם גִּבּוֹר - זָאלְסְטוּ פִירְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן דִי עֲשִׁירִים קֶעגְן דֶעם ווִינְט כְּדֵי זֵיי זָאלְן שְׁמֶעקְן דִי גֶערוּךְ פוּן דִי עֶסְן פוּן דֶעם קָאךְ, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵיי גֶעבְּן פוּן דִי עֶסְן, וֶועלְן זֵיי בְּוַודַּאי אַוֶועק ווַארְפְן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. דֶער גִּבּוֹר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי פָאר עֲשִׁירִים פוּן דִי מְדִינָה פוּן דִי עֲשִׁירִים, עֶר הָאט זֵיי גֶעפִירְט קֶעגְן דֶעם ווִינְט, ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמֶעקְט דִי גוּטֶע גֶערוּךְ פוּן דִי עֶסְן הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן פוּן דִי מַאֲכָלִים, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי אַוֶועק גֶעפִירְט פוּן דֶעם ווִינְט הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן אַז עֶס שְׁטִינְקְט זֵייעֶר. נָאכְדֶעם הָאט עֶר זֵיי נָאכְאַמָאל גֶעפִירְט קֶעגְן דֶעם ווִינְט, הָאבְּן זֵיי ווִידֶער גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן פוּן דִי גוּטֶע עֶסְן, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי נָאכְאַמָאל אַוֶועק גֶעפִירְט פוּן דֶעם ווִינְט הָאבְּן זֵיי ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן אַז עֶס שְׁטִינְקְט זֵייעֶר.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט:**

דֶער רֶבִּי אִיז דָא מְרַמֵּז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל אָנְהֵייבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף עֶר ווִיסְן אַז עֶר גֵייט הָאבְּן עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת, אִין אָנְהֵייב בְּרֶענְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְנָאךְ פַאלְט מֶען אַרָאפּ, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אוּן מֶען פַאלְט ווַייטֶער אַרָאפּ; אַזוֹי גֵייט עֲבוֹדַת ה'.

**מִיר** גְרֵייטְן זִיךְ צוּ גֵיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּינ'ס קָאךְ, קֵיין אוּמַאן, דַארְף

מֶען דָאס גֶעדֶענְקֶען אַז צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער איד גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אֲפִילוּ מֶען אִיז זִיךְ דָארְט מְקַבֵּל גוּטֶע קַבָּלוֹת, מֶען מַאכְט אָפּ אַז מֶען גֵייט אָפְּלָאזְן דָאס שְׁלֶעכְטְס אוּן מֶען גֵייט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, בְּלַייבְּט מֶען נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע מַדְרֵיגָה, וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים פוּנֶעם קָאךְ - פוּן אוּמַאן, וֶועט מֶען צוּרִיק אַרָאפּ פַּאלְן, אָבֶער אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הֵייבְּט מֶען אָן צוּ לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית**

**דֶער** גִּבּוֹר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "אִיר זֶעט דָאךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא קַיין זַאךְ וָואס זָאל שְׁטִינְקֶען, מוּז בְּוַדַּאי זַיין אַז אִיר אַלֵיין שְׁטִינְקְט". דֶערְנָאךְ הָאט דֶער גִּבּוֹר זֵיי גֶעגֶעבְּן פוּן דִי מַאֲכָלִים. ווִי נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן פוּן דִי מַאֲכָלִים, זֵיי הָאבְּן פַארְזוּכְט דִי הִתְחַזְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶען דָאס גֶעמֵיינְקֵייט פוּן גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן ווִי עֶס שְׁטִינְקְט.

**אַז** מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן תַּכְלִית, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**מִיר** זֶענֶען דָא בַּיים רֶבִּי'ן אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקְן, וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צְווָאם מִיט חֲבֵרִים, אַנְשְׁטָאט רֶעדְן פוּן גֶעלְט אַז 'דֶער הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט' אוּן 'דֶער הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט', זָאל מֶען רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן, נָאךְ אַ ווָארְט פוּן רֶבִּי'ן, נָאךְ אַן הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי'ן, אַז אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן קֶען אִיךְ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער, קֶען אִיךְ נָאכְאַלְץ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**וָואס זָאל זַיין מַיין רָצוֹן, מַיין חָלוֹם, מַיין תְּשׁוּקָה?**

**הָאבְּן** זֵיי תֵּכֶף אַוֶועק גֶעוָוארְפְן זֵייעֶר גֶעלְט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגְרָאבְּן גְרִיבֶּער אוּן זִיךְ בַּאגְרָאבְּן פוּן גְרוֹיס בּוּשָׁה.

**פוּן** אֵיין זַייט הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן גֶעלְט, רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפא): וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען קְרֶעכְצְן צוּם רֶבִּי'ן אַז זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן גֶעלְט, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵיי פַארְשֶׁעמֶען, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵיי פָארְהַאלְטְן פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן, ווִיאַזוֹי קֶען דָאס פַּאסִירְן?

מֶען הָאט מְבַטֵּל גֶעוֶוען אַסַאךְ צייט פוּן תּוֹרָה און תְּפִלָּה צוּ קֶענֶען פַארְדִינֶען דָאס גֶעלְט, און יֶעצְט אַז מֶען הָאט עֶס פַארלוירְן וועט מֶען נָאכְאַמָאל דַארְפְן אויסְגֶעבְּן די צייט לְבַטָּלָה. אָבֶער פוּן די אַנְדֶערֶע זייט הָאט דֶער רֶבִּי פַארְ'מִיאוּס'ט תַּאֲווֹת מָמוֹן.

**עֶס** איז בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין סְתִירָה, מֶען דַארְף טַאקֶע אַכְטוּנְג גֶעבְּן אויף די גֶעלְט עֶס נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן, מֶען זָאל קֶענֶען דינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען, און קֶענֶען בַּאצָאלְן די רֶענְט און מַארְגֶעדְזְשׁ אין צייט, אָבֶער די אֱמוּנָה, די רָצוֹן, די חָלוֹם, די תְּשׁוּקָה, דֶער תַּכְלִית, דֶער פִּיוּטְשֶׁער (צוּקוּנְפְט) זָאל זַיין גֶעלְט?! - דָאס נִישְׁט!

**דֶער** רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז 'מַיין תַּכְלִית, מַיין פִּיוּטְשֶׁער, מַיין ווילְן, איז צוּ דינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נָאכְאַלְץ וועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער איד'.

**אַ** איד איז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוויינְט אַז עֶר וויל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער איד, עֶר פְּרוּבִּירְט אַהֶער און אַהִין, עֶס איז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל צייט און עֶס גֵייט אים נִישְׁט, הָאט רֶבִּי נָתָן אים גֶעזָאגְט: "קוּק אויף מִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע בָּארְד, און אִיךְ הָאבּ נָאכְאַלְץ בְּדֵעָה, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַלְץ אַ פְּלַאן, צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער איד".

### אִיךְ בִּין דֶער גִּבּוֹר!

**דֶער** גִּבּוֹר איז גֶעקוּמֶען און זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן די גְרִיבֶער און גֶעזָאגְט: "קוּמְט מִיט מִיר. הַיינְט דַארְפְט איר שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם גִּבּוֹר, ווייל דָאס בִּין אִיךְ; אִיךְ בִּין דֶער גִּבּוֹר!"

**מוֹהֲרָא"ש** איז מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דֶער 'גִּבּוֹר' גֵייט אַרוּיף אויף די 'מִדַּת הַגְּבוּרָה', צָרוֹת און יְסוּרִים, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט אויף אַ מֶענְטְשׁ. און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט די שְׁוֶועריקֵייטְן כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אים, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר ווען אַ מֶענְטְשׁ איז שׁוֹין זוֹכֶה אָפְּצוּלָאזְן זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, און הֵייבְּט אָן צוּ לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם גִּבּוֹר. און יֶעצְט זֶעט עֶר אַיין אַז דֶער 'גִּבּוֹר' איז גָאר גֶעוֶוען זַיין יְשׁוּעָה, ווייל זַיינֶע צָרוֹת און יְסוּרִים הָאבְּן אים דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**ווען** אַ מֶענְטְשׁ וועט גוּט קוּקְן וָואס הָאט אים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן, וועט עֶר זֶען אַז זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס עֶר איז אַרִיבֶּער, אָדֶער זַיין מַצָּב וָואס עֶר גֵייט נָאכְאַלְץ אַרִיבֶּער, דָאס בְּרֶענְגְט אים צוּם רֶבִּי'ן.

**מוֹהֲרָא"ש** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַלְץ וָואס די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת תֵּצֵא, סִימָן ב): "צָרִיךְ אָדָם

לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו. לָמָּה, שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מַחֲזִיק טוֹבָה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**סְתַם** אַזוֹי גֵייט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּ צוּם שַׁאפֶּע נֶעמֶען אַ תְּהִלִּים, נָאר וֶוען עֶר אִיז פַּארְוֵוייטָאגְט, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָדֶער דֶער דָאקְטֶער הָאט עֶפֶּעס אָנְגֶעשְׁרָאקְן חַס וְשָׁלוֹם, דַאן נֶעמְט עֶר אַ תְּהִלִּים און זוּכְט וָואס עֶר קֶען זִיךְ עֶפֶּעס פָּארְנֶעמֶען צוּ פַּארְרֶעכְטְן, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער פְּרָאבְּלֶעם בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַ** מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין צַדִּיק, און לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט הֵייבְּט עֶר אָן צוּ שֶׁעלְטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי וִוי לְהַבְדִּיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת - אַ גוֹי טָמֵא; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט גוּט פַּאר אַ גוֹי, עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דָאס עֶרְשְׁטֶע שֶׁעלְט עֶר מִיט קְלָלוֹת נִמְרָצוֹת זַיין אָפְּגָאט... אָבֶּער אַ אִיד וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעשִׁיקְט אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים, דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא פוּנֶעם גִּבּוֹר, עֶר פַארְרֶעכְנְט דֶעם גִּבּוֹר אַלְס זַיין פְרֵיינְד, וַוייל דֶער גִּבּוֹר בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דֶער סִימָן פוּן תְּשׁוּבָה

זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם גִּבּוֹר עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן נָאךְ פוּן דִי עֶסְן, זֵיי ווִילְן עֶס גֶעבְּן פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר מְדִינָה, וַוייל אַפִילוּ זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיס פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט, ווִילְן זֵיי אוֹיךְ אַז זֵייעֶר גַאנְצֶע מְדִינָה זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי תַּאֲוָה.

**דָאס** אִיז דֶער סִימָן פוּן תְּשׁוּבָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאגְנוּגְנְט זִיךְ נִישְׁט בְּלוֹיז מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם אֱמֶת, נָאר עֶר ווִיל אוֹיךְ מְזַכֶּה זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**וִוי** נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן דִי עֶסְן פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר מְדִינָה הָאבְּן אַלֶע אַוֶועק גֶעוָוארְפְן זֵייעֶר גֶעלְט. דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זֵיי גִישִׁיקְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן תְּשׁוּבוֹת און תִּיקוּנִים, און הָאט זֵיי גֶערֵיינִיגְט פוּן זֵייעֶרֶע תַּאֲווֹת. דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוָוארְן קֶענִיג אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע הָאבְּן נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תּוֹרָה, תְּפִלָּה, תְּשׁוּבָה און מַעֲשִׂים טוֹבִים, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן בָּרוּךְ ה' לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן.

**לָאמִיר אָנְהֵייבְּן עֶסְן דִי גוּטֶע עֶסְן פוּן רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ פָּארְן צוּם

הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף מֶען זֶען צוּ הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנא) אוּם חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז מְסוּגָל דוּרְכְצוּזָאגְן גַאנְץ 'תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים', אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט צוּגֶעלֵייגְט מֶען זָאל אוֹיךְ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים, אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, לְאַמִיר אָנְהֵייבְּן עֶסְן דִי גוּטֶע עֶסְן פוּן רֶבִּי'ן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען ווערְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר. "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו, רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע זַיינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן". דֶער לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מַאכְט אַן אָפֶּעראַצְיֶע, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס זַיינֶע אָדֶערְן זֶענֶען אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁטָאפְּט מִיט אַלֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלַן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוֹיפְצוּשְׁנַיידְן אוּן אוֹיפְשְׁטָאפְּן זַיינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

**זָאג דִי וֶוערְטֶער, דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין**

**אִין** אָנְהֵייב קֶען מֶען נָאכְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, מֶען דַארְף בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן צוּם סוֹף אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין.

**מֶענְטְשְׁן** פְרֶעגְן: "וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער?" "אַז מֶען וֶועט בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה וֶועט דָאךְ נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן קַיין דַיָּנִים?" דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: פְּרוּבִּיר עֶס אַלֵיינְס אוֹיס; נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, נֶעם אַ גְמָרָא, הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער דוּ וֶועסְט שׁוֹין אַלֵיינְס זֶען וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט וואוּנְדֶערְלִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז צוּם סוֹף אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין.

**עֶס** הֶערְט זִיךְ וואוּנְדֶערְלִיךְ אַז דוּרְךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, עֶס שְׁטִימְט נִישְׁט עַל פִּי שֵׂכֶל, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט סְתָם אַ חָכְמָה וָואס מֶען לֶערְנְט זִיךְ, תּוֹרָה אִיז אַ רוּחָנִיוּת'דִיגֶע זַאךְ, אוּן אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטַאנְד אִיז מֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף צוּ פַארְשְׁטֵיין. וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קי) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְהוֹשֻׁעַ א, ח): "לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ", אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ רוּחָנִיוּת'דִיגֶע זַאךְ, וֶוער עֶס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג דֶער קֶען פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה אוּן וֶועט גָארְנִישְׁט פַארְגֶעסְן, ווייל אַ רוּחָנִיוּת'דִיגֶע זַאךְ פַארְנֶעמְט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ, עֶס קֶען זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייטְן אָן קַיין שִׁיעוּר. אוּן וֶוער עֶס

קוּקְט אוֹיף דִי תּוֹרָה וִוי אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאךְ, דֶער קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי תּוֹרָה נָאר וִויפִיל עֶס גֵייט אַרַיין אִין זַיין מֹחַ. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק: "לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה", אַז 'יָמוּשׁ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מַמָשׁוּת, דָאס וָוארְנְט אוּנְז דִי תּוֹרָה: מַאךְ נִישְׁט קַיין גַשְׁמִיוּת פוּן דִי תּוֹרָה, קוּק אוֹיף דִי תּוֹרָה וִוי אַ זַאךְ וָואס אִיז רוּחְנִיוּת וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

### וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה?

**אוֹיבְּן** אִין הִימְל פְרֶעגְט מֶען אַ נְשָׁמָה אוֹיב עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, - וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה? - דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ שֵׁיינֶע דֶרֶךְ הַלִימוּד (עַיין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אַפִילוּ אָן פַארְשְׁטַאנְד, אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן קֶען מֶען עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

**בָּרוּךְ** הַשֵׁם אַז מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַ רַייכֶע קְהִלָה, מִיר הָאבְּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען יֶעדֶעס יָאר מְסַיֵים שַׁ"ס. מֶען קֶען עֶס בַּאוַוייזְן; לֹא בַשָּׁמַיִם הוּא לֵאמֹר מִי יַעֲלֶה לָנוּ הַשָּׁמַיְמָה (דְבָרִים ל, יב), דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן. עֶס נֶעמְט בְּעֶרֶךְ אַ שָׁעָה צַייט צוּ גוֹרֵם זַיין זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא, אוּן מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדֶע יָאר תַּלְמוּד בַּבְלִי, אַז מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל, קֶען מֶען לֶערְנֶען אֵיין בְּלַאט אַ טָאג, עֶנְדִיגְט מֶען אִין זִיבְּן יָאר תַּלְמוּד בַּבְלִי.

**וֶוען** מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אִיז עֶס נִישְׁט אוֹיף אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען, עֶס אִיז נָאר אוֹיף צוּ מוֹסִיף זַיין. הַאלְט וַוייטֶער אָן אַלֶע שִׁיעוּרִים מִיט דַיינֶע חַבְרוּתוֹת, דֶער טָאג אִיז גֶענוּג לַאנְג אוֹיף צוּלֵייגְן נָאךְ אַ שִׁיעוּר, אוֹיסֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן לֶערְן כְּסִדְרָן אָן אָפְּשְׁטֶעל, לֶערְן אֵיין פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט גַאנְץ שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, נָאכְדֶעם הֵייב אָן נָאכְאַמָאל, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט שַׁ"ס, לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט אֵיינְמָאל, נָאכְדֶעם הֵייב אָן נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהֵייב.

**אַ** מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: 'וִוי קוּם אִיךְ אָן צוּ זֹהַר הַקָדוֹשׁ? הַלְוַאי זָאל אִיךְ קָאטְשׁ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י', אָבֶּער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען עֶנְדִיגְן בֵּיידֶע, אוּן אוֹיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע סְפָרִים, אַלֶע מִדְרָשִׁים אוּן כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל וְכוּ'.

### וֶוער אִיז זִיךְ מְיָיאֵשׁ?!

**מֶענְטְשְׁן** מַאכְן חוֹזֵק פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים: מֶען זִינְגְט 'גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ', עֶס אִיז דָאךְ אַזַא שֵׁיינֶע וֶועלְט, וֶוער אִיז דֶען זִיךְ מְיָיאֵשׁ?! - וָואס מֵיינְט יֵאוּשׁ? - דָאס אַז דוּ טְרַאכְסְט נִישְׁט דוּרְכְצוּלֶערְנֶען קָאטְשׁ

אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן גַאנְץ רַמְבַּ"ם אוּן גַאנְץ ד' חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דוּ בִּיסְט צוּפְרִידְן מִיטְ'ן קֶענֶען אַבִּיסְל הִלְכוֹת שַׁבָּת אוּן יוֹרֶה דֵעָה, - דָאס אִיז יֵאוּשׁ!

**דָאס** אַז דוּ טְרַאכְסְט נִישְׁט נָאכְאַמָאל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל נִישְׁט רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרָע**", אִיז יֵאוּשׁ. אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה אִיז מֶען זִיךְ מְקַבֵּל צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר 'שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן', אוּן מֶען טְרַאכְט נָאךְ יֶעדֶעם מָאל וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אַ צְווייטְן: 'אוֹי, מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרָע', אוּן יֶעצְט אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ 'אַזוֹי גֵייט עֶס, דָאס אִיז דִי וֶועלְט, מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם'.

**יֶעדֶער** בָּחוּר ווִיל הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, דָאס אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף דַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם קוּמְט אוֹיךְ פוּן יֵאוּשׁ! אוֹיף דֶעם הָאבְּן מִיר דֶעם רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט אוּנְז: "גִיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיָאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען!" דוּ קֶענְסְט נָאךְ יָא זוֹכֶה זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין 'לָשׁוֹן הָרָע', דוּ קֶענְסְט נָאךְ יָא זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן 'שְׁמִירַת עֵינַיִם', בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל נִישְׁט רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרָע**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם**", **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל הָאבְּן שְׁמִירַת הַמַּחְשָׁבָה, אִיךְ ווִיל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר**".

### דִי מַתָּנָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי זַאךְ פוּן 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', וָואס זָאל נָאר זַיין מִיט אַ מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר דִי מוֹיל וָואס עֶר קֶען בֶּעטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען**".

**וואוּ** דוּ בִּיסְט, אוּן וָואס דוּ בִּיסְט, מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל, גְרוֹיס, קְלֵיין, יוּנְג אוּן אַלְט, קְלוּג אוּן נִישְׁט קְלוּג, גוּט אוּן נִישְׁט גוּט, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין וואוּ עֶר זָאל נָאר זַיין רַחֲמָנָא לִצְלָן, קֶענְסְטוּ נָאכְאַלְץ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עח): רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי ווִי אַ מַאמֶע וָואס גֵייט מִיט שְׁטֶענְדִיג מִיט אִיר קִינְד. בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס נָאכְנִישְׁט. סְתָם אַזוֹי פַארְבְּרֶענְגְט מֶען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד, דֶער טַאטֶע טוּט זִיךְ אוֹיף: "דֶער קִינְד אִיז מַיין קְרֶעדִיט"... בִּיז דָאס קִינְד הֵייבְּט אָן שְׁמֶעקְן, דַאן ווִיל שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט הָאבְּן מִיטְ'ן קִינְד - אוֹיסֶער דִי מַאמֶע. דִי מַאמֶע רֶענְגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְ'ן קִינְד, זִי וַואשְׁט אִים אָרוּם, זִי רֶעדְט אוּן זִינְגְט צוּם קִינְד, אוּן זִי טוּט אִים צוּרִיק אָן שֵׁיין, נָאכְדֶעם קוּמֶען אַלֶע צוּרִיק זִיךְ שְׁפִּילְן מִיטְ'ן קִינְד; נָאר דִי מַאמֶע גֵייט אַרָאפּ מִיטְ'ן קִינְד אִין אַלֶע פַארְשְׁמִירְטֶע פְלֶעצֶער.

**זָאגְט** דֶער רֶבִּי - אַזוֹי אִיז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים, וֶוען אַלֶע שְׁרֵייעֶן: "שֵׁנְץ אַרוֹיס!" "שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט? דָאס טוּסְטוּ? דָאס טְרַאכְסְטוּ?!" בְּלַייבְּט אֵיין זַאךְ מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ: זַיין מוֹיל, זָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּק מִיר אָן וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס, נֶעם מִיךְ צוּרִיק, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".**

**אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן**

**מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא פוּן בְּרֶסְלֶב,** יֶעדְן טָאג קוּמֶען דָא גֶעסְט קוּקְן דִי שְׁטֶעטְל, זָאגְן זֵיי מִיר: "אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק", אִיךְ זָאג זֵיי צוּרִיק: אִיךְ בִּין אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין סַאטְמַאר, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ אוֹיךְ מְחַיֶה מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן. אִיךְ דַארְף אַ רֶבִּי זָאל מִיר נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען אִיךְ זָאל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ דַארְף אַ רֶבִּי זָאל מִיר נָאכְאַמָאל זָאגְן דִי עֵצָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג; וְעַיֵּן שָׁם בְּמִשְׁנָה בְּרוּרָה סְעִיף קָטָן ח).

**אִיךְ** דַארְף אַ רֶבִּי זָאל מִיר נָאכְאַמָאל זָאגְן דִי עֵצָה פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת. מֶענְטְשְׁן קוּקְן אָן מִשְׁנָיוֹת וִוי אַ רִיזִיגֶע זַאךְ, וִוי עֶס פְלֶעגְט זַיין דִי אַלְטֶע סֶעט מִשְׁנָיוֹת פוּן דְרַייצְן גְרוֹיסֶע בֶּענְדֶער, הַיינְט קֶען מֶען הָאבְּן גַאנְץ מִשְׁנָיוֹת אִין אֵיין בַּאנְד, אוּן הַיינְט אִיז דָא מִשְׁנָיוֹת מִיט וַוייכֶע דֶעקְלֶעךְ וָואס מֶען קֶען הַאלְטְן בַּיי זִיךְ אִין טַאשׁ, וֶוען מֶען הָאט אַ מִינוּט לֶערְנְט מֶען אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין אַ סְטִיקֶער אַלְס סִימָן וווּ מֶען הַאלְט.

**אִיךְ** דַארְף אַ רֶבִּי זָאל מִיר נָאכְאַמָאל זָאגְן אִיךְ זָאל לֶערְנֶען גְמָרָא, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט מִיר אָן עֵצָה צוּ קֶענֶען מְסַיֵים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז בַּיים רֶבִּי'ן קֶענֶען אֲפִילוּ בַּחוּרִים אוּן קִינְדֶער עֶנְדִיגְן שַׁ"ס. וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט וֶועט מֶען מִיר פְרֶעגְן אוֹיבְן אִין הִימְל: "הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט מִשְׁנָיוֹת? הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט גְמָרָא?" בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט מִיר צוּ דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

**וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֲשִׁירוּת?**

**אַז** מֶען שְׁמֶעקְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֶסְן, מֶען אִיז טוֹעֵם פוּן רֶבִּינְ'ס עֶסְן, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְּקוּת, דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ אָנְצוּהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, אַנְשְׁטָאט לוֹיפְן צוּ נַארִישְׁקֵייטְן, "אִיךְ גֵיי הָאבְּן גֶעלְט", אוּן "אִיךְ גֵיי הָאבְּן גֶעלְט", טְרַאכְט אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען

דַארְף נִישְׁט הָאבְּן פַּרְנָסָה, דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, אָבֶער דֶער קָאפּ דַארְף לִיגְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט) אַז דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה קוּמְט בִּזְכוּת מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ. מוֹהֲרַ"אשׁ בְּרֶענְגְט זַייעֶר אַ שַׁארְפֶע לָשׁוֹן פוּן תִּקוּנֵי זֹהַר (הַקְדָּמָה ב.): "קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ, דְּלָאו אִיהוּ נָדִיב וְלָאו אִיהוּ מִזַּרְעָא דְּאַבְרָהָם", אַ קַמְצָן אִיז אַ נָבָל; אִין שְׁטוּב טָאר מֶען נִישְׁט זַיין קַיין קַמְצָן.

**עֶס** זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶוען דִי וַוייבּ ווִיל פָּארְן מִיט אַ קַאר סֶערְוִויס, רֶעגְט עֶר זִיךְ: "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין צוּפִיס?" אוּן וֶוען זִי בֶּעט גֶעלְט צוּ נֶעמֶען אַ רוּימֶערְקֶע וֶוערְט עֶר אוֹיסֶער זִיךְ, עֶר שְׁרֵייט: "דוּ עֶסְט מִיר אוֹיף דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט!" בְּשַׁעַת דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט נָאר בִּזְכוּת אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין אוּן מֶען גֶעבְּט גֶעלְט פַאר דִי וַוייבּ.

**אַז** מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען ווִיסְן אַז בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען נָאר וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט שְׁלוֹם בַּיִת, אוֹיבּ אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן טִישׁ. שְׁלוֹם בַּיִת אִיז גֶעוֶוען אַן עִיקָר בַּיים רֶבִּי'ן, וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט שְׁלוֹם בַּיִת הָאט מֶען אַ רֵיינֶעם מֹחַ, בַּיים רֶבִּי'ן אִיז קְדוּשַׁת הַמֹּחַ אוּן טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ.

**אַ וֶועג צוּ פַארְדִינֶען גֶעלְט - דוּרְךְ הַפָּצָה**

**מוֹהֲרַ"אשׁ** הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ פַארְדִינֶען גֶעלְט, דוּרְךְ הַפָּצָה, מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט: ווִי אַזוֹי קֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קְרֶעכְצְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה? עֶס אִיז דָא אַ שֵׁיינֶע אוּן רֵייכֶע וֶועג צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה, צוּ גֵיין מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בַּיי דִי הַייזֶער, אַזוֹי אִיז מֶען נִישְׁט קַיין נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת אוּן אַ מְצַפֶּה לְשֻׁלְחָן חֲבֵירוֹ וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה לב:) אַז "עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדוֹ".

**מִיר** גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. הֵיי יָאר קָאסְט דִי נְסִיעָה אַסַאךְ גֶעלְט, פַאר דִי פְלִיגֶער אוּן בַּאנֶען וְכוּ'; עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לֵייגְן אַוֶועק פֶּעקְלֶעךְ גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אוֹיסְגֶעגְלִיכְן אַלֶע הוּנְדֶערְטֶערְס אוֹיף אֵיין זַייט, גֶעעֶפֶנְט אַלֶע שְׁפִּיצְן, אוּן אֲפִילוּ גֶעבִּיגְלְט דִי גֶעלְט עֶס זָאל זַיין שֵׁיין גְלַאט... מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דֶעם פֶּעקְל גֶעלְט פַאר דִי נְסִיעָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ זָארְג פַאר עֶנְקֶער שְׁפֶּעזְן, דִי וֶועג צוּ מִיר אוּן דִי וֶועג אַהֵיים", אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן לג): "בִּזְכוּת הַצַּדִּיק תַּלְמִידָיו מִתְפַּרְנְסִים", אַז דוּ קוּמְסְט צוּם צַדִּיק וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁמֶעקְן אוּן עֶסְן פוּן דִי גוּטֶע הִתְחַזְקוּת פוּן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה וֶועט אוּנְז אִינְגַאנְצְן מְתַקֵן זַיין, אָמֵן.

**נָאכְדֶעם** הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ".

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכ.

**אֵיידֶער** דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאב אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, הֶעלְף מִיר הֶעלְף מִיר, הָאב אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאב אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

**שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכ**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: עָנָה וְאָמַר:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים (לא, כה): **חִזְקוּ וְאִמְצוּ כָּל הַמְיַחֲלִים לַה',** שְׁטַארְקְט זִיךְ אַלֶע וָואס הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"כָּל הַמְיַחֲלִים" דַּיְיקָא,** דֶער פָּסוּק כַּאפְּט אָן דַּוְקָא דֶעם לָשׁוֹן 'כָּל הַמְיַחֲלִים', אַלֶע וָואס הָאפְן, **אֲפִלּוּ אִם אֵינָם זוֹכִים לְשׁוּם קְדֻשָּׁה וַעֲבוֹדָה חַס וְשָׁלוֹם,** אַז אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה צוּ קַיין שׁוּם קְדוּשָׁה אוּן עֲבוֹדָה, **רַק מְיַחֲלִים לְבַד,** נָאר עֶר הָאפְט, עֶר וִויל, עֶר בֶּענְקְט זִיךְ, **אַף-עַל-פִּי-כֵן חִזְקוּ וְאִמְצוּ,** זָאל עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, **וְאַל תִּפֹּלוּ מִשּׁוּם דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם,** אוּן נִישְׁט אַרָאפְּ פַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין, **כַּמְבֹאָר מִזֶּה בִּדְבָרֵינוּ כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים** (עַיֵּין לִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן מח)**,** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט שׁוֹין אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

**עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט**

**דֶער** רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם פָּסוּק, אַז דֶערְפַאר כַּאפְּט דֶער פָּסוּק אָן דֶעם לָשׁוֹן: "כָּל הַמְיַחֲלִים", אַלֶע וָואס הָאפְן, ווייל וֶוען מֶען ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מוּז מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן ווִיסְן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, מֶען דַארְף קוֹדֶם אַרִיבֶּער גֵיין אַלֶע סָארְט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן אַלֶע בִּלְבּוּלִים, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן אוּן טְרַאכְטְן 'עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר', נָאר ווייטֶער הָאפְן, בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן.

**וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח)**: "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת",** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זַיין גְרֵייט אַז מֶען גֵייט אִים ווייזְן ווִי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט,

"וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה, וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", עֶס וֶועט זִיךְ אִים דַאכְטְן ווִי פוּן הִימְל שְׁטוּפְּט מֶען אִים אַוֶועק אוּן מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען וֶוערְט דֶערְוַוייטֶערְט - אִיז נָאר צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וְצָרִיךְ הִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְבִלְי לִפֹּל בְּדַעְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם", אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, "כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁעוֹבְרִים כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים שֶׁהוּא מִתְיַגֵּעַ בִּיגִיעוֹת גְּדוֹלוֹת בִּשְׁבִיל עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם", פוּן וָואס מֶען זֶעט ווִי עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן וָואס מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, "וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מְאֹד", אוּן מֶען אִיז נָאכְאַלְץ זֵייעֶר ווַייט, "וְלֹא הִתְחִיל כְּלָל לִכָּנֵס לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה", מֶען הָאט נָאךְ בִּכְלָל נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה.

**וְיוֹתֵר וְיוֹתֵר מִזֶּה צָרִיךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְחַזֵּק אֶת חֲבֵרוֹ**, נָאכְמֶער דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מְחַזֵּק זַיין זַיין חָבֵר, וֶוען עֶר זֶעט ווִי עֶר הֵייבְּט אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **לְבַל יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ מִשּׁוּם דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם**, אַז עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. **וַאֲפִלּוּ אִם הוּא יוֹדֵעַ בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא כְּמוֹ שֶׁהוּא**, אַפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט 'אִיךְ קֶען דֶען מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטְן? אִיךְ אַלֵיינְס דַארְף נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ אַלֵיינְס דַארְף דָאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?!' **אַף-עַל-פִּי-כֵן יְחַזֵּק אֶת חֲבֵרוֹ**, פוּן דֶעסְט וֶועגְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - זַיי מְחַזֵּק דַיין חָבֵר, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִיר, אַפִילוּ דוּ אַלֵיינְס קֶענְסְט נָאכְנִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דַיין חָבֵר קֶענְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין, **כִּי אֶת חֲבֵרוֹ בְּקַל יוֹתֵר לְחַזֵּק מִלְּחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ**, ווַייל עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטְן, זָאגְן פַּאר אַ חָבֵר: "בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ", "זָאלְסְט ווִיסְן אַז עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין", ווִי זִיךְ אַלֵיינְס מְחַזֵּק זַיין, **כִּי אֵין חָבוּשׁ מַתִּיר אֶת עַצְמוֹ מִבֵּית הָאֲסוּרִים** (בְּרָכוֹת ה:), ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אֵיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה, זָאל עֶר זַיין ווִי גֶעלוּנְגֶען עֶר זָאל נָאר זַיין, קֶען עֶר זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט אוֹיסְלֵייזְן, אַ צְוֵוייטֶער מוּז אִים אוֹיסְלֵייזְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיז גְרִינְגֶער פַּאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע, ווִי זִיךְ אַלֵיינְס.

**כִּי אֵין רָעָה גְּדוֹלָה מִנְּפִילָה**, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֶרְגֶערֶע זַאךְ ווִי אַרָאפּ פַאלְן פוּן שְׁרֶעק. **וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל לְעִנְיַן מִלְחָמָה הַגַּשְׁמִיּוּת עַל פָּסוּק: "אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ" וְכוּ'** (דְּבָרִים כ, ג), אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט דִי וָואךְ אִין דִי סֵדְרָה בַּיי אַ גַּשְׁמִיּוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה, אַז פַּאר מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין אַ מִלְחָמָה

רוּפְט דֶער כֹּהֵן מְשׁוּחַ מִלְחָמָה אוֹיס (דְּבָרִים כ, פָּסוּק ג): "אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם", עֶנְקֶער הַארְץ זָאל נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן, "אַל תִּירְאוּ", עֶטְס זָאלְטְס נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, "וְאַל תַּחְפְּזוּ", עֶטְס זָאלְטְס זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, "וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם", אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן. **אַל תִּירְאוּ מִשִּׁפְעַת הַקַּלְגָּסִים וְאַל תַּעַרְצוּ מִקּוֹל הַקְּרָנוֹת וְכוּ'**, זָאגְן דֶערוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סוֹטָה מב.) עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן שְׁוַואךְ אוּן דֶערשְׁרָאקְן פוּן דִי גְרוֹדֶער פוּן זֵייעֶרֶע פֶערְד, פוּן זֵייעֶרֶע פַּאנְצֶערְס, פוּן זֵייעֶרֶע שׁוֹפָרוֹת אוּן פוּן זֵייעֶרֶע גֶעשְׁרֵייעֶן וֶוען זֵיי גְרֵייטְן זִיךְ צוּ דִי מִלְחָמָה.

**שֶׁכָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה עוֹבְרִים עַל מִי שֶׁחָפֵץ לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת ה'**, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי רוּחָנִיּוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה, **שֶׁכַּמָּה מִינֵי מִלְחָמוֹת וּפְחָדִים וְשִׁפְעַת הַקַּלְגָּסִים וְקוֹל הַקְּרָנוֹת וְכוּ' וְכוּ' עוֹבְרִים עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד** (וְכַמְבֹאָר בִּדְבָרֵינוּ מִזֶּה בְּסֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בְּיוֹרֶה דֵעָה, הִלְכוֹת גִּלּוּחַ, הֲלָכָה ג, אוֹת ט'), וֶוער עֶס ווִיל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט אַרִיבֶּער אִין זַיין מֹחַ דִי אַלֶע סָארְט שְׁרֶעק ווָאס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל עֶר ווִיל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן דֶערשְׁרָאקְן, **וְצָרִיךְ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ, לְבִלְתִּי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ בְּשׁוּם אֹפֶן בָּעוֹלָם**, אוּן דָאס אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּנֶעם מִלְחָמָה, אַז עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁוַואךְ, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, זִיךְ נִישְׁט דֶערשְׁרֶעקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, **וּלְצַפּוֹת לִישׁוּעָה תָּמִיד**, נָאר וַוארְטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, **וּלְבִלְתִּי לְהִתְרַחֵק וְלָנוּס מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ חַס וְשָׁלוֹם**, נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם.

**אֲפִילוּ** דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ 'ווִי אַ פַּארְפַּאלֶענֶער, ווִי אִיךְ קֶען נִישְׁט, ווִי קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, ווִי מֶען הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס, ווִי אִיךְ טָאפּ אַ וַואנְט אוּן ווִי אִיךְ גֵיי אִין דִי פִינְסְטֶער', וַוייל ווִיפִיל מָאל דוּ מַאכְסְט אָפּ פוּן פְרִישׁ צוּ זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, צוּ לֶערְנֶען, צוּ דַאוֶוענֶען - גֵייט עֶס נִישְׁט, זָאגְט דֶער רֶבִּי, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא! לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין רָצוֹן צוּ זַיין גוּט, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל אוֹיךְ דַאוֶוענֶען, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע קְדֻשּׁוֹת"**, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז צוּם סוֹף וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָּׁה.

**וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל** (סוֹטָה מד:) אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, **לְעִנְיַן מִלְחָמָה שֶׁתְּחִלַּת מַפָּלָה נִיסָה, רַחֲמָנָא לִצְלַן**, אַז דוּרךְ שְׁרֶעק אוּן אַוֶועק לוֹיפְן פַארלִירְט מֶען דִי מִלְחָמָה, **כִּי: אָנָה**

**מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח,** און ווי איז שַׁיָיךְ אַוֶועק צו לויפְן פוּנֶעם אייבֶּערשְׁטְן, **אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה,** אַז אִיךְ וֶועל אַרויפְגֵיין אִין הִימְל - בִּיסְטוּ דָארְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, **וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ וְכוּ'** (תְּהִלִּים קל"ט), אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין תְּהוֹם - בִּיסְטוּ וַוייטֶער דָארְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, **כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכָל מָקוֹם,** דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אִיבֶּעראַל. **כִּי צְרִיכִין לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה',** מֶען דַארְף זַיין אַ גְרויסֶער עַקְשָׁן וֶוען עֶס קוּמְט צו דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערשְׁטְן, **כַּמְבֹאָר בִּדְבָרֵינוּ עַיֵּן שָׁם** (לִקּוּטֵי תִּנְיָנָא מ"ח).

**וּכְשֶׁיִּזְכֶּה לִבְלִי לְהַפִּיל אֶת חֲבֵרוֹ,** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ מְחַזֵּק זַיין אַ חַבֵר עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן, **אַף-עַל-פִּי שֶׁיֵּדַע בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא רָחוֹק מֵעֲבוֹדָתוֹ,** אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאךְ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערשְׁטְן, **אַדְּרַבָּא יְחַזְּקוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְחַזְּקוּת, וִיחַיֵּהוּ וִישִׁיבֵהוּ בְּכָל מִינֵי דִּבּוּרִים הַמְּשִׁיבִין אֶת הַנֶּפֶשׁ וְכוּ',** אִיז עֶר אִים מְחַזֵּק מִיט שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, **עַל-יְדֵי-זֶה יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁאַחַר-כָּךְ יִזְכֶּה גַּם הוּא לַחֲזוֹר וְלָשׁוּב לַעֲבוֹדַת ה'** עַל-יְדֵי-זֶה, דָאס אַלֵיינְס וֶועט שׁוֹין מַאכְן אַז עֶר זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**אַזוֹי** ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפד), וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ צְווייטְן דִּבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת - וֶוערְט אַן אוֹר יָשָׁר אוּן אַן אוֹר חוֹזֵר; דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין יֶענֶעמְ'ס אוֹיעֶר, דָאךְ וֶוערְט אַן אוֹר חוֹזֵר אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וֶוערְט שְׁטַארְק מְחוּזָּק.

**בֶּעט און בֶּענְק וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין**

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:**
דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא, פּוּנְקְט אַזוֹי ווי בַּיי אַ גַּשְׁמִיּוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה אִיז דֶער שְׁוֶועריקֵייט נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערשְׁרָאקְן פוּן דֶער פַּחַד וָואס דֶער שׂוֹנֵא מַאכְט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אוּנְזֶער רוּחָנִיּוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה, קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערשְׁרָאקְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

**מֶען** זֶעט בְּגַשְׁמִיּוּת וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פַארְדִינֶען גֶעלְט, פְּרוּבִירְט אַ מֶענְטְשׁ אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל, אַז עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם גֶעשֶׁעפְט, וֶועט עֶר פְּרוּבִירְן אַ צְווייטֶע סָארְט גֶעשֶׁעפְט, אָבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת מַאכְט דֶער יֵצֶר הָרָע אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל פַארְלִירְן זַיין מוּט, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן: 'נֶע, עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, עֶס אִיז נָאר פַאר דִי חָשׁוּבְ'עֶ אִידְן', - פַארְוָואס טְרַאכְסְטוּ אַזוֹי?! עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערשְׁטְן אוּן בֶּענְק צוּם אֵייבֶּערשְׁטְן, וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין.

**דֶער** רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אִין אָנְהֵייבּ ווי מֶען דַארְף זֵיי

נִישְׁט, מֶען הֶערְט זֵיי נִישְׁט אוֹיס, אוּן עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט, וְוִיפִיל מָאל זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַ גוּטֶע קַבָּלָה אִיז עֶס נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, "כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ מִפִּיהֶם בְּפֵרוּשׁ", אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן זֵיי אַלֵיינְס, "שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם", אַז עֶס הָאט זִיךְ זֵיי גֶעדַאכְט, "שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵין מִסְתַּכֵּל וּפוֹנֶה אֲלֵיהֶם כְּלָל", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי אוּן דַארְף זֵיי נִישְׁט, "מֵחֲמַת שֶׁרָאוּ", וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען, "שֶׁזֶּה זְמַן רַב", אַז נָאךְ אַזַא לַאנְגֶע צַייט, "שֶׁהֵם מְבַקְשִׁים", וָואס זֵיי בֶּעטְן, "וִיגֵעִים", אוּן פְּלָאגְן זִיךְ, "וְעוֹשִׂים וְעוֹבְדִים עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אוּן טוּעֶן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וַעֲדַיִן הֵם רְחוֹקִים מְאֹד", זֶענֶען זֵיי נָאכְאַלְץ זֵייעֶר וַוייט, "וְאִלּוּ לֹא הָיוּ מַחֲזִקִים עַצְמָן מְאֹד", אוּן וֶוען זֵיי וָואלְטְן זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטַארְקְט, "לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל זֶה", נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, "הָיוּ נִשְׁאָרִים בִּמְקוֹמָם הָרִאשׁוֹן", וָואלְטְן זֵיי גֶעבְּלִיבְּן וִוי בַּיים אָנְהוֹיבּ, "וְלֹא הָיוּ זוֹכִים לְמַה שֶּׁזָּכוּ", אוּן זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן צַדִיקִים.

### דֶער עִיקָר אִיז 'זִיךְ דֶערְהַאלְטְן'

**רֶבִּי** נָתָן הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת, עֶר הָאט זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶוען זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען וִויל וְכוּ'; אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן צוּפֵייעֶרְט אוּן גֶעזָאגְט: "פַּארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעוֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַּארְוָואס אִיז דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַּארְוָואס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַּארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! אוּן פַּארְוָואס בִּין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין? וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת!" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אִיז 'זִיךְ דֶערְהַאלְטְן', נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט, וַוייל אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, אוּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.

**וֶוען** צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וֶוער אִיז דֶער גֶעווִאוּנֶער? דֶער וָואס גֶעבְּט דֶעם לֶעצְטְן פַּאטְשׁ! דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי מִלְחָמָה מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ פַּאטְשׁ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען מִיךְ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן, אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן וואוּ אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן, וֶועל אִיךְ אִים צוּרִיק גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, אִיךְ וֶועל זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְהֵייבְּן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאט עֶר גֶעמַאכְט "טוֹיזְנְט

הַתְחָלוֹת אִין אֵיין טָאג". הַלְוַאי זָאלְן מִיר כָּאטְשׁ אֵיין מָאל אַ טָאג זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאנֵייעֶן, נָאכְאַמָאל אָפְּמַאכְן צוּ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְאַמָאל וֶועלְן אִינְזִינֶען הָאבְּן דָאס דַאוְוענֶען, נָאכְאַמָאל וֶועלְן הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן 'נֶע עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר', - עֶס אִיז יָא פַאר מִיר! אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל וֶועלְן זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל וֶועלְן, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל בֶּענְקֶען דִיךְ צוּ דִינֶען אַפִילוּ עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

### מִיר פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

**בִּפְרַט** אַז מִיר גְרֵייטְן זִיךְ יֶעצְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט אוּנְז דֶער רֶבִּי מְתַקֵן זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶר קֶען אוּנְז אַלֶע מְתַקֵן זַיין, אַפִילוּ וֶועם עֶר קֶען נִישְׁט אַ גַאנְץ יָאר מְתַקֵן זַיין (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז).

**מֶענְטְשְׁן** פְרֶעגְן: "הֵיי יָאר פָארְט מֶען אוֹיךְ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן?" - מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס מֵיינְט זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער עוֹנֶשׁ פוּן מְגֻלְגָל וֶוערְן, דַארְפְן נָאכְאַמָאל אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר אוּן יְסוּרִים וָואס אַ נְשָׁמָה מַאכְט מִיט וֶוען מֶען שִׁיקְט אִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי וֶועלְט", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמו) מֶען זָאל זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן אוֹיבְן אִין הִימְל בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אוּן זָאגְן: "עֶקְט מִיט מִיר דָא, אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן גִלְגוּל", וֶוען מֶען שְׁטֵייט פַארְ'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה זָאל מֶען זָאגְן פַארְ'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אַז מֶען אִיז גְרֵייט צוּ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ אַלֶע שְׁטְרָאפְן, אַלֶע גֵיהִנוֹמְ'ס - אַבִּי נִישְׁט צוּ דַארְפְן נָאכְאַמָאל אַרָאפּ קוּמֶען בָּזֶה הָעוֹלָם, "מִיט דֶעם אַלֶעם" - הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מֶען וֶועט מִיר גֶעבְן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט נָאכְאַמָאל צוּ קֶענֶען גֵיין צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרָאפּ קוּמֶען נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי וֶועלְט, אַבִּי צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן".

### דוּרְכְבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סו): יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף טוּן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל פָארְן צוּם צַדִיק, אָדֶער אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן, בְּרֶענְגְט מֶען פוּן הִימְל אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּ וֶועלְן טוּן דִי זַאךְ, אוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט דִי גְלִיסְטֶענִישׁ אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הַאלְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֶס קֶענֶען טוּן, - דָאס מַאכְט אַז

מֶען זָאל עֶס נָאךְ מֶער וֶועלְן טוּן. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיף יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ שִׁיקְט מֶען אוּנְטֶער מְנִיעוֹת, שְׁוֶועריַקייטְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיף אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ ווִי קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אוּנְטֶער קוּמֶען שְׁטֶערוּנְגֶען, דַארְף מֶען שׁוֹין מַאכְן אַן הֲכָנָה, מֶען זָאל טַאקֶע אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דוּרְכְבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי זָאל מִיךְ מְתַקֵּן זַיין".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן, נָאר נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, אוּן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

# פַּרְשַׁת
# כִּי תֵצֵא

# פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָדוֹשׁ חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָנִים תג, תד, תה.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** מִיר שְׁטֵייעֶן דָאךְ יֶעצְט פַאר'ן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועלְן מִיר לֶערְנֶען אַבִּיסְל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אִים.

### חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תג

**גֹּדֶל יִקְרַת רֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁלּוֹ,** דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אָמַר,** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, **הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל,** זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, **וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה,** אוּן אִיךְ וואוּנֶדער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר אוּן זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **אִישׁ לֹא יֵעָדֵר,** קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן. **כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה,** וַוייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ,** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אוּן זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **לֹא יֶחְסַר אִישׁ,** קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן. **וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם, וְזֶה נֶאֱמַר עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה,** אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (נְחֶמְיָה ח, י): **"אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים ... כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם",** עֶסְט אוּן טְרִינְקְט גוּטֶע זַאכְן,

וַוייל דִי פְרֵייד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶנְקֶער שְׁטַארְקֵייט.

## חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תד

אֶחָד אָמַר לְפָנָיו, אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, שֶׁהָיָה נִיחָא לוֹ יוֹתֵר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל שַׁבַּת תְּשׁוּבָה וְלֹא עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, אַז עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז אִים גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת תְּשׁוּבָה, כִּי אֵין לוֹ מָקוֹם לַעֲמֹד שָׁם בְּבֵית־הַמִּדְרָשׁ, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין זִיץ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וְגַם אֵין לוֹ אַכְסַנְיָא טוֹבָה לֶאֱכֹל וְלָלוּן, אוֹיךְ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ עֶסְן אוּן וואוּ צוּ שְׁלָאפְן, וּמֵחֲמַת זֶה דַעְתּוֹ מְבֻלְבֶּלֶת מְאֹד וְאֵינוֹ יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר צֶעמִישְׁט אוּן קֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג דַאוֶונֶען מִיט כַּוָּנָה, עַל־כֵּן הָיָה טוֹב לְפָנָיו יוֹתֵר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ בִּזְמַן אַחֵר וְלֹא בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה, עֶס וֶועט אִים זַיין בֶּעסֶער אוֹיבּ עֶר וֶועט קוּמֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע צַייט, נִישְׁט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. הֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, אִם לֶאֱכֹל אִם שֶׁלֹּא לֶאֱכֹל, אִם לִישֹׁן אִם שֶׁלֹּא לִישֹׁן, אִם לְהִתְפַּלֵּל אִם שֶׁלֹּא לְהִתְפַּלֵּל (רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁלֹּא לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה כָּרָאוּי), אַךְ וְרַק שֶׁתִּהְיוּ אֶצְלִי עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה. וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "יָא עֶסִין נִיט עֶסִין, יָא שְׁלָאפִין נִיט שְׁלָאפִין, יָא דַאוִוינֶען נִיט דַאוִוינֶען, אַבִּי דוּ זָאלְסְט בַּיי מִיר זַיין אוֹיף רֹאשׁ־הַשָּׁנָה", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "יָא עֶסְן - נִישְׁט עֶסְן, יָא שְׁלָאפְן - נִישְׁט שְׁלָאפְן, יָא דַאוֶונֶען - נִישְׁט דַאוֶונֶען, אַבִּי דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה". שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן: (וּבֶאֱמֶת כָּל דְּבָרִים אֵלּוּ הַנַּ"ל הֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּפִתּוּיִים שֶׁל הַבַּעַל דָּבָר, כִּי תּוֹדֶה לָאֵל נִרְאֶה בְּחוּשׁ שֶׁעַל־פִּי הָרֹב מִתְפַּלְּלִין יוֹתֵר בְּכַוָּנָה בִּכְלַל הַקִּבּוּץ הַקָּדוֹשׁ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, מִמַּה שֶּׁהָיָה מִתְפַּלֵּל בְּבֵיתוֹ), בֶּאֱמֶת זֶענֶען דִי אַלֶע זַאכְן בְּלוֹיז דִמְיוֹנוֹת אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן פוּנֶעם בַּעַל דָּבָר, וַוייל מֶען זֶעט בְּחוּשׁ אַז דִי אַלֶע וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ - דַאוֶונֶען מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע כַּוָּנָה ווִי דִי וָואס דַאוֶונֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ.

## מְנִיעוֹת פוּן אִינְדְרוֹיסְן

דִי אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָא, אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג דַאוֶונֶען אוּן מֶען הָאט נִישְׁט וואוּ אַיינְצוּשְׁטֵיין וְכוּ', דִי אַלֶע זַאכְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם. מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז ווִילַאנְג עֶס אִיז 'מְנִיעוֹת פוּן אִינְדְרוֹיסְן', פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, - קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, וַוייל עֶס אִיז אוֹיךְ שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת, אִיךְ בִּין עֶס אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער מֶען קֶען עֶס נָאךְ גְרִינְג אִיבֶּער קוּמֶען.

**מֶענְטְשְׁן** טְרַאכְטְן: 'וָואס גֵייט מֶען זָאגְן אוֹיף מִיר?'... - אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ גֶעהַאט; אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דִי וֶועלְט גֵייט זִיךְ עֶנְדִיגְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל פָּארְן קַיין אוּמַאן. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן בִּין אִיךְ גֶעווָאוּיר גֶעוָוארְן אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן, מֶען וֶועט מִיר אַרוֹיס וַוארְפְן אוּן אַרַיין וַוארְפְן - אַלֶעס אִיז דִמְיוֹנוֹת.

**בַּיי** אֵיינֶעם אִיז דֶער מְנִיעָה צוּלִיבּ גֶעלְט, עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן וַוייל עֶס קָאסְט אִים צוּפִיל גֶעלְט, אֵיי, וָואס טוּט מֶען נִישְׁט פַארְ'ן לֶעבְן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען דָאךְ מִשְׁפָּט'ן דִיךְ, דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְ'ן גַאנְצְן יָאר!

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהַאט אַ חַבֶר וָואס פְלֶעגְט יֶעדֶעס יָאר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אֵיין יָאר הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט קוּמֶען, פְרֶעג אִיךְ אִים: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ מֶער נִישְׁט צוּם רֶבִּי'ן?" זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר הָאט גֶעעֶפֶנְט אַ בֶּעקֶערַיי, אוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה מַאכְט עֶר זַיין עִיקָר גֶעלְט, וַוייל עֶר פַארְקוֹיפְט הָאנִיג קִיכְן. אִיךְ קוּק אִים אָן: וֶועגְן דֶעם קוּמְסְטוּ נִישְׁט צוּם רֶבִּי'ן?! עֶנְדֶערְשׁ פַארְקוֹיף דַיין בִּיזְנֶעס אוּן עֶפְן אַן אַנְדֶערֶע בִּיזְנֶעס, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן. אַזוֹי אִיז עֶס, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע בִּלְבּוּלִים. אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט דִמְיוֹנוֹת.

### מְנִיעָה פוּן אִינֶעוֵוייִנִיג

**נָאכְדֶעם** אִיז אָבֶּער דָא פִּיל אַ שְׁוֶוערֶערֶע מְנִיעָה, פוּן אִינֶעוֵוייִנִיג, פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, עֶס הֵייבְּט אָן אַרַיין קוּמֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ בִּלְבּוּלִים: 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְיָאר אוּן עֶס הָאט מִיר גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַלְץ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע יָאר'.

**מֶען** הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס אִיז דִי חִילוּק פוּן אַ לֵב נִשְׁבָּר, אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ - צוּ עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דֶעפְּרֶעסְט, דֶערְבִּיטֶערְט; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מב) עַצְבוּת אִיז זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן טַעֲנוֹת 'אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְיָאר אִין אוּמַאן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע יָאר', אָדֶער 'וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען אַז עֶס הֶעלְפְּט מִיר סֵיי וִוי נִישְׁט, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ וַוייטֶער מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען', אָבֶּער אַ 'לֵב נִשְׁבָּר' אִיז זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אִין מַיין צָרָה", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אִין מַיין צָרָה".**

**דֶעם** לֶעצְטְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר פוּן רֶבִּי'ן, שְׁנַת תקע"א אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַ מַעֲשֶׂה. אֵיינֶער פוּן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן אִיז

גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זָאגְן אַז עֶר דַארְף אַ בְּרָכָה, עֶר אִיז זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן עֶר הָאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים. בִּשְׁעַת עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דָארְט אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם מֶענְטְשׁ, זַיינְס אַ חַבֶר, אוּן יֶענֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן: "דֶער רֶבִּי זָאל וִויסְן, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז וַוייל עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה, דָאס מַאכְט אִים קְרַאנְק", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רחצ): פַארְוָואס זָאלְסְטוּ צַאמִשְׁטֶעלְן זַיין קְרַאנְקֵייט מִיט מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ דָאס אָנְהֶענְגֶען אִין עֲבֵירוֹת, אֶפְשָׁר אַז עֶר הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, עֶר פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת - דָאס בְּרֶענְגְט אִים זַיין קְרַאנְקְהֵייט?! - פַארְוָואס הֶענְגְסְטוּ אָן דַיינֶע צָרוֹת אִין אוּמַאן?! אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע יָאר מֵיינְט אַז דוּ דַארְפְסְט תְּשׁוּבָה טוּן.

**הֵיי** יָאר אִיז דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן אַ שְׁוֶוערֶע, אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס טוּט זִיךְ אָפּ מִיט אַ נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶס אִיז אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף אַ נְשָׁמָה, אַ נְשָׁמָה קֶען אַרוֹיפְקוּמֶען אִין הִימְל אוּן וֶוערְן פַארְוָואגְלְט אוֹיף הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער יָארְן, אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ פַארֶערְכְטְן, אֲפִילוּ וֶועם אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארֶערְכְטְן אַ גַאנְץ יָאר", גֵייעֶן מִיר צוּם רֶבִּי'ן אֲפִילוּ וִוי שְׁוֶוער עֶס זָאל זַיין, מִיט דִי פְלִיגֶער, מִיט דִי בַּאן אוּן דִי בָּאס, אַבִּי צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תה**

**עָנָה וְאָמַר**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, **הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל**, מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, **וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַז אִיךְ וֵייס וָואס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען בִּירוּשָׁה פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאר אִיךְ הָאבּ דָאס בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **לֹא מִבָּעֲיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי**, אוּן נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַלְמִידִים זֶענְט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי**, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**פוּן וואוּ הָאט מֶען גֶעלְט פַאר דִי נְסִיעָה?**

**מֶען** דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וָואס מֶען הָאט צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

**אַז** מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט קֶען מֶען גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט. בְּעֶצֶם קֶען מֶען שׁוֹין

אַוֶועק לֵייגְן גֶעלְט אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט אָנְהֵייבּ יָאר, אָבֶער אֲפִילוּ דִי לֶעצְטֶע מִינוּט קֶען מֶען נָאךְ אוֹיךְ גֵיין נָאךְ גֶעלְט.

**אִיךְ** הָאבּ שׁוֹין בֵּייגֶעוואוֹינְט אַסַאךְ מָאל ווִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעטוּן אַן עֵצָה, אַנְשְׁטָאט בָּארְגְן גֶעלְט, גֵייעֶן זֵיי אַרוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, זֵיי בֶּעטְן: "קֶענְסְט מִיר אֶפְשָׁר גֶעבְּן צְדָקָה אִיךְ זָאל קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן?" וֶועסְטוּ זֶען אַז אֵיינֶער וֶועט זָאגְן: "נֵיין", אוּן דֶער אַנְדֶערֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ פּוּפְצִיגֶער, אַ הוּנְדֶערְטֶער.

**פוּן** אִינְדְרוֹיסְן קוּקְט אוֹיס ווִי 'וֶוער הָאט מִיט בְּרֶסְלֶב?' אָבֶער שְׁטִילֶערְהֵייט לֶעבְּן אַלֶע פוּן רֶבִּי'ן, אַלֶע ווִילְן פָארְן קַיין אוּמַאן, נָאר יֶעדֶער מִיט זַיינֶע מְנִיעוֹת קֶענֶען נִישְׁט פָארְן, קֶען זַיין אַז מֶען טְרֶעפְט פּוּנְקְט אָן אִין אֵיינֶעם וָואס ווִיל פָארְן, אוּן יֶענֶער וֶועט דִיר זָאגְן: "אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק פָארְן קַיין אוּמַאן, נָאר אִיךְ הָאבּ מְנִיעוֹת, אִיךְ ווִיל דִיר אוֹיסְצָאלְן דַיין טִיקֶעט, כְּדֵי אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דַיין אוּמַאן",

### מֶען דַארְף בַּארוּאִיגְן דִי עֶלְטֶערְן

**אִינְגֶעלַייט** זָאגְן מִיר אַז זֵייעֶרע עֶלְטֶערְן רוּפְן יֶעדְן טָאג פְּרֶעגְן: "דוּ פָארְסְט הֵיי יָאר קַיין אוּמַאן?! עֶס אִיז דָאךְ אַ סַכָּנָה צוּלִיבּ דִי מִלְחָמָה מִיט רוּסְלַאנְד!" דַארְף מֶען בַּארוּאִיגְן טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה, עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין גֶעפָארְן אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. מֶען דַארְף נָאר מִתְפַּלֵל זַיין אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

# פַּרְשַׁת
# כִּי תָבוֹא

# פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאווֶענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ מַעֲשֶׂה אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', דִי לֶעצְטֶע מַעֲשֶׂה, מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פָּארְגֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן אִינֶעווֵייניג. מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס דָא אִין קוּרְצְן:

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אַ בֵּן יָחִיד. דֶער קֶענִיג הָאט גֶעוָואלְט אָפְּגֶעבְּן זַיין מְלוּכָה פַאר זַיין זוּן בְּחַיָּיו, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, וואוּ עֶס זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַלֶע שָׂרֵי מְלוּכָה, אוּן מֶען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה הָאט דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: אִיךְ בִּין אַ שְׁטֶערְן זֶעעֶר אוּן אִיךְ זֶע אַז דוּ גֵייסְט אֵיינְמָאל וֶוערְן אוֹיס קֶענִיג, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען נִישְׁט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג. אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מֶער נִישְׁט קֶענִיג, ווַייל אֵיינֶער וָואס קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן צוּ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אַפִילוּ וֶוען עֶר פַארְלִירְט זַיין שְׁטֶעלֶע קֶען נִישְׁט זַיין קֶענִיג, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ נָאכְמֶער פְרֵייעֶן.

### אֵיינֶער וָואס קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן קֶען נִישְׁט וֶוערְן אַ צַדִּיק

מִיט דֶעם שׁוּרָה קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר מְחַיֶּה זַיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא פַאר יֶעדְן אִיד, דוּ גֵייסְט וֶוערְן קֶענִיג; דוּ גֵייסְט מַצְלִיחַ זַיין, דוּ גֵייסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, זָאלְסְט אָבֶּער ווִיסְן אַז אֵיינְמָאל גֵייסְטוּ וֶוערְן אוֹיס קֶענִיג, דוּ גֵייסְט אַרָאפְּפַאלְן פוּן דַיין מַדְרֵיגָה, זָאלְסְט זֶען נִישְׁט צוּ וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג. אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין טְרוֹיעֶרִיג וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מֶער נִישְׁט קֶענִיג, ווַייל אֵיינֶער וָואס קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן

ווען ער האט א יְרִידָה קען נישט ווערן א צַדִּיק.

**פארוואס** ווערסטו צעבראכן ווען דו פאלסט אראפ? דו מיינסט אז צַדִּיקִים האבן נישט געהאט קיין שווערע ביטערע נִסְיוֹנוֹת? דו מיינסט אז צַדִּיקִים האבן נישט געהאט קיין נְפִילוֹת?! דער פָּסוּק זאגט (מִשְׁלֵי כד, טז): "כִּי שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִּיק", דער צַדִּיק האט אויך א נְפִילָה, נאר: "וָקָם", ווען דער צַדִּיק פאלט אראפ שטארקט ער זיך, ער שטעלט זיך צוריק אויף. ווידער דער רָשָׁע - פירט דער פָּסוּק אויס (שָׁם): "וּרְשָׁעִים יִכָּשְׁלוּ בְרָעָה" - זיי בלייבן ליגן אויף דער ערד.

**דער** רבי בעט זיך צו דיר, דו גייסט האבן א נְפִילָה, בלייב פריילעך, קוק נישט אויף צוריק, אויף וואס איז געווען, קוק אויף פאראויס.

### דאס גרויסקייט פון תְּמִימוּת

**דערציילט** דער רבי ווייטער, דער בֶּן מֶלֶךְ איז געווארן קְרַנק. ער איז געווען א גרויסער חָכָם, ער האט זייער ליב געהאט חָכְמָה און ער האט געהאט ביי זיך גרויסע חֲכָמִים, און ווייל חָכְמָה האט געהאט א חֲשִׁיבוּת ביי אים האט זיך די גאנצע מְדִינָה גענומען עוֹסֵק זיין אין חָכְמָה. און דורך די חָכְמוֹת איז די גאנצע מְדִינָה אריין געפאלן אין אַפִּיקוֹרְסוּת, אויך דער בֶּן מֶלֶךְ איז אריין געווארן געצויגן אין אַפִּיקוֹרְסוּת, אויסער די פְּשׁוּט'ע מענטשן זיי זענען געבליבן ערליך.

**האט דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א געזאגט:**

דא זעט מען דאס גרויסקייט פון 'תְּמִימוּת'. א מענטש וואס לעבט מיט תְּמִימוּת, ער זוכט נישט קיין חָכְמוֹת און איז נישט קיין אויבער חָכָם, בלייבט ער ביים אייבערשטן, און ווי מער א מענטש הייבט אן צו ניצן זיין שֵׂכֶל, ער הייבט אן ווילן אלעס פארשטיין וְכוּ' פאלט ער אוועק פונעם אייבערשטן.

### א אידישע נְשָׁמָה און גוטע מִדּוֹת

**דערציילט** דער רבי ווייטער, וויבאלד דער בֶּן מֶלֶךְ איז געבוירן געווארן מיט טוֹב - דאס גייט ארויף אויף זיין אידישע נְשָׁמָה, און ער האט געהאט גוטע מִדּוֹת, פלעגט ער זיך אלץ דערמאנען 'וואו בין איך אויף דער וועלט?!'

**א** אידישע נְשָׁמָה ציט אלץ צוריק צום אייבערשטן, אֲפִילוּ ער פאלט נעבעך אראפ אין שלעכטע זאכן טוט אים עס וויי, נאכדערצו אז מען האט גוטע מִדּוֹת, טוען די גוטע מִדּוֹת צוהעלפן מען זאל זיך קענען צוריק קערן צום אייבערשטן.

**ווען** דער בֶּן מֶלֶךְ האט זיך דערמאנט אין זיין מַצָּב וואו ער איז אויף דער וועלט, פלעגט ער זייער קרעכצן און זיפצן:

"פאַרְוואָס טוּ אִיךְ דִּי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן? וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר? וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?" אָבֶּער ווִי נָאר עֶר הָאט צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ נִיצְן זַיין שֵׂכֶל, אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן גֶעשְׁטַארְקְט זַיינֶע חָכְמוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין זַיין בִּיטֶערְן מַצָּב הָאט עֶר גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעזִיפְצְט, אוּן ווִי נָאר עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נִיצְן זַיין שֵׂכֶל אִיז ווִידֶער גֶעוָוארְן גֶעשְׁטַארְקְט בַּיי אִים דָאס אַפִּיקוֹרְסוּת.

**דֶער** רֶבִּי הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט ווייטֶער דֶעם חֵלֶק מַעֲשֶׂה. רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (בַּיים עֶנְדֶע פוּן דִי מַעֲשֶׂה): "דֶעם אוֹיסְפִיר פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ דֶערְפוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן, דָאס הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶר וֶועט דָאס שׁוֹין נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, אוּן מֶען וֶועט דָאס שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן".

### דֶער מִלְחָמָה גֵייט אַהִין אוּן צוּרִיק

**מִיר** נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם שְׁטִיקֶל סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיף דֶער וועלט אִין אַ מִלְחָמָה מִיט'ן יֵצֶר הָרַע, אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ בַּיי זִיךְ 'אִיךְ גֵיי וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁלֶעפְּט אִים צוּרִיק צוּ אַפִּיקוֹרְסוּת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן. דֶער מִלְחָמָה גֵייט אַהִין אוּן צוּרִיק נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

**גֶעבְּט** אוּנְז דֶער רֶבִּי אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן דֶעם מִלְחָמָה, יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ דֶערְמַאנְסְט זִיךְ פוּן תְּשׁוּבָה גֶעבּ אַ קְרֶעכְץ אוּן אַ זִיפְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן?**"

**אַז** דוּ בִּיסְט ווייטֶער אַריין גֶעפַאלְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת, גֶעבּ נָאכְאַמָאל אַ קְרֶעכְץ אוּן אַ זִיפְץ: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן?**" אוּן אַז דוּ בִּיסְט נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן, דוּ הָאסְט ווייטֶער גֶעקוּקְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, שְׁרַיי נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן?**" מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן אַנְטוֹישְׁט אַז מֶען פַאלְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, ווייל אַזוֹי גֵייט דֶער מִלְחָמָה אַהִין אוּן צוּרִיק.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער דִי מִלְחָמָה, ווייל 'עֶס פַּאסְט מִיר נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין נֶעבְטְן צוּגֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן' - פוּן דֶעסְט וֶועגְן דֶערְהַאלְט זִיךְ! אַזוֹי גֵייט עֶס, עֶס דַארְף דִיר יָא פַּאסְן זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְצוּהֵייבְּן, אוּן טַאקֶע דָאס

אִיז דֶער מִלְחָמָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין שׁוֹין נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אִיךְ לָאז שׁוֹין אָפּ, עֶס פַּאסְט מִיר נִישְׁט אִיךְ זָאל דָאס דוּרְכְגֵיין', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל 'עֶס זָאל דִיר יָא פַּאסְן זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְצוּהֵייבְּן'.

**גֶעבּ** אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבּ אַ זִיפְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואו בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן?**" "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**", דָאס הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אוּן דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת, מְחַזֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין, אֲפִילוּ עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפּ פַאלְן.

### דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ!

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דִי וָואךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע רַשִׁ"י וָואס אִיז זֵייעֶר מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק אַ מֶענְטְשׁ. רַשִׁ"י זָאגְט (דְּבָרִים כט, ג) אִינֶעם טָאג וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה פַאר דִי בְּנֵי לֵוִי, זֶענֶען אַלֶע אִידְן גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בַּארְג סִינַי, אוּן מִיר הָאבְּן אוֹיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, פַארְוָואס גֶעבְּסְטוּ דִי תּוֹרָה נָאר פַאר דַיין שֵׁבֶט, דִי בְּנֵי לֵוִי?" הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוּן גֶעזָאגְט: "הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם, הַיינְט זֶע אִיךְ 'שֶׁאַתֶּם דְּבֵקִים וַחֲפֵצִים בַּמָּקוֹם', אִיר זֶענְט בַּאהָאפְטְן אוּן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**לִכְאוֹרָה** אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, דִי אִידְן הָאבְּן דָאךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעטוּן פוּן דִי וֶועלְט אוּן גֶעטוּן עֶפֶּעס גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, זֵיי הָאבְּן פָּשׁוּט גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט טַעֲנוֹת, פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ זֵיי צוּלִיבּ דֶעם צוּ פַארְדִינֶען דֶעם גְרוֹיסְן טִיטְל פוּן: 'דְּבֵקִים וַחֲפֵצִים בַּמָּקוֹם'?

**אֶלָּא** מַאי מוּז זַיין, אַז דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ! אַ אִיד וָואס קוּקְט אוֹיס וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט אוֹיס, עֶר פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ וואו עֶר פַאלְט אַרָאפּ, אוּן דָאךְ שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ אוּן קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ טַעֲנָה, עֶר בֶּעט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**פַארְוָואס זֶענֶען דָא צַדִּיקִים אוּן אִיךְ בִּין אִינְדְרוֹיסְן, פַארְוָואס בִּין אִיךְ וַוייט פוּן דִי קְדוּשָׁה?**" "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק**", "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אוֹיךְ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ**", "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אוֹיךְ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן**", "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אוֹיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין צַייט אַזוֹי וִוי אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן**", אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז בַּאהָאפְטְן אוּן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרֵיידְט זִיךְ צוּ אִים וֶוען עֶר זֶעט וִוי שְׁטַארְק עֶר ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים.

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וֶוער פוּן דָא עֶס פְּלַאנְט צוּ פָארְן אוּן וֶוער עֶס טְרַאכְט נִישְׁט צוּ פָארְן, מֶען מוּז רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְּרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג) יֶעדְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער טוּן, אֵיינֶער קֶען רֶעדְן צוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן אֵיינֶער קֶען כָאטְשׁ רֶעדְן צוּ זַיין חַבֵר אוּן גוּטֶע פְּרֵיינְד. אֵיינֶער הָאט מִיר נֶעכְטְן בַּיים בָּאטֶע גֶעזָאגְט אַ וֶוערְטְל אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט פוּן רוּסְלַאנְד הָאט הֵיי יָאר גֶעמַאכְט דֶעם גְרֶעסְטְן 'כְּרוּז', וַוייל פוּן וֶוען עֶר אִיז אַרַיין אִין מִלְחָמָה מִיט אוּקְרֵיינָא אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֲפִילוּ דֶער פַארְשְׁטִיפְּסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אִיז אוֹיךְ גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, דִי גַאנְצֶע נֵייעֶס דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם אוּמַאן, 'מֶען פָארְט יָא קַיין אוּמַאן', 'מֶען פָארְט נִישְׁט קַיין אוּמַאן'. מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן אַיין אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן נִישְׁט אוֹיף בָּאמְבֶּעס אוּן אוֹיף גָארְנִישְׁט, אַבִּי צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

## מִיט 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת' קֶען מֶען גָאר אַסַאךְ פּוֹעֵל'ן

**אַ** אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אַז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ שְׁמוּעֶס מִיט אֵיינֶעם פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, בְּתוֹךְ הַדְבָרִים פְּרֶעגְט עֶר יֶענֶעם: "קוּמְסְט

קַיין אוּמַאן?" עֶנְטְפֶערְט יֶענֶער: "נֵיין", זָאגְט אִים דֶער אִינְגֶערְמַאן: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן", עֶנְטְפֶערְט יֶענֶער: "עֶס אִיז אַ 'תְּפִילַת שָׁוְא', אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן!" זָאגְט אִים דֶער אִינְגֶערְמַאן: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ 'תְּפִלַּת שָׁוְא'".

דִי מִשְׁנָה זָאגְט (בְּרָכוֹת נד.) אוֹיבּ מֶען דַאוֶנְט וֶוען מֶען וַוארְט שׁוֹין אַ קִינְד עֶס זָאל וֶוערְן אַ אִינְגְל אִיז דָאס אַ תְּפִלַּת שָׁוְא, בְּפַשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז מֶען זָאל נִישְׁט בֶּעטְן דֶערוֹיף, אִיז אָבֶּער דָא אַן אַנְדֶערֶע פְּשַׁט דֶערוֹיף[ח], אַז דָאס אִיז טַאקֶע אַ 'תְּפִילַת שָׁוְא' אָבֶּער מֶען קֶען נָאכְאַלְץ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף.

**זָאגְט** אִים דֶער אִינְגֶערְמַאן: בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל וֶועלְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, און אִיךְ זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן**", אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער טְרֶעפְן זֵיי

ח. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא אִין אַ בְּרִיוו, מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס אַרָאפּ:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען קֶען בֶּעטְן אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרֶעגְט אִיר 'דֶעמָאלְט וָואס מֵיינְט תְּפִלַּת שָׁוְא? דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָאךְ (בְּרָכוֹת נד.) אַז אוֹיבּ מֶען דַאוֶנְט וֶוען מֶען וַוארְט שׁוֹין אַ קִינְד עֶס זָאל וֶוערְן אַ אִינְגְל אִיז דָאס אַ תְּפִלַּת שָׁוְא!'

אִיר וֶועט דָאס פַארְשְׁטֵיין מִיט אַן הַקְדָּמָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פְרֶעגְן (שָׁם ס.) מִיר זֶעעֶן דָאךְ בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי פִיר הֵיילִיגֶע אִמָּהוֹת, לֵאָה, אַז זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקּוֹדֶשׁ אַז זִי וַוארְט אַ אִינְגְל, עֶס זָאל וֶוערְן אַ מֵיידְל כְּדֵי אִיר שְׁוֶועסְטֶער רָחֵל זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן און הָאבְּן נָאר אֵיין קִינְד, און מִיט תְּפִילָה הָאט זִי אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט און דָאס קִינְד אִיז גֶעוָוארְן אַ מֵיידְל, דִינָה; זֶעעֶן מִיר קְלָאר אַז מֶען קֶען יָא בֶּעטְן אַ תְּפִלַּת שָׁוְא! עֶנְטְפֶערְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא: "אֵין מַזְכִּירִין מַעֲשֵׂה נִסִּים", פְרֶעג נִישְׁט פוּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ נֵס!

לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער, וִוי אַזוֹי הָאט לֵאָה גֶעבֶּעטְן פַאר דִי נֵס? אוֹיךְ אִיז דָא אַ מַחֲלוֹקֶת (תַּנְחוּמָא וַיֵּצֵא, ח), רַב הוּנָא זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם רַבִּי יוֹסֵי: "אֵינוֹ כֵן", עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָּא זָאגְט: "הָיְתָה אִשְׁתּוֹ מְעֻבֶּרֶת וְאָמַר יְהִי רָצוֹן שֶׁתֵּלֵד אִשְׁתִּי זָכָר, הֲרֵי זוֹ תְּפִלַּת שָׁוְא, אֶלָּא אֲפִלּוּ עַד שָׁעָה שֶׁתֵּשֵׁב עַל הַמַּשְׁבֵּר", נָאר בִּיז מֶען גֶעבּוֹירְט דָאס קִינְד, "יִתְפַּלֵּל שֶׁתֵּלֵד זָכָר", זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין אַ אִינְגְל, "לְפִי שֶׁאֵין קָשֶׁה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לַעֲשׂוֹת אֶת הַנְּקֵבוֹת זְכָרִים", צוּ מַאכְן פַארְקֶערְט, "וְאֶת הַזְּכָרִים נְקֵבוֹת".

נָאר וָואס דֶען? מֶען קֶען זָאגְן אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא, און עֶס אִיז נִישְׁט קַיין מַחֲלוֹקֶת; מֶען רֶעדְט דָא פוּן צְוֵויי סָארְט מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט אַזַא קְלָארֶע אֱמוּנָה, עֶר אִיז אוּנְטֶער גֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער טֶבַע, מִקְרֶה און מַזָל, עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אָבֶּער עֶר הַאלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ טֶבַע; אַזַא אֵיינֶער קֶען נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס, בַּיי אִים אִיז דָא 'תְּפִלַּת שָׁוְא', בַּיי אִים אִיז דָא 'אֵין מַזְכִּירִין מַעֲשֵׂה נִסִּים'.

זִיךְ נָאכְאַמָאל, דֶערְצֵיילְט אִים יֶענֶער דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ טִיקֶעט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן!

**אִיךְ** דֶערְצֵייל עֶס צוּלִיבּ צְוֵויי סִיבּוֹת, אֵיינְס, מֶען זָאל זֶען אַז מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס מֶען טוּט אוֹיף מִיט אֵיין וָוארְט חִיזוּק פַאר אַ מֶענְטְשׁ, צְוֵייטְנְס, אִיז עֶס חִיזוּק אוֹיף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ דַיין וַוייבּ הָאט דִיר קְלָאר גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן קוּמְט אַ גֶט", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶענוּג וֶועגְן דִיר צוּ הֶעלְפְן צוּ קֶענֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה**".

**דַארְפְסְט** נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן אַז דַיין וַוייבּ וֶועט גֶעוָואוֹיר וֶוערְן אַז דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דַיין וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט וָואס דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַ** תַּלְמִידָה הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אָנְפַאנְג יָאר אַז אִיר מַאמֶע ווִיל אִיר נָאכְנִישְׁט קַיין כַּלָּה מַאכְן, אִיר מַאמֶע וֵוייסְט אָבֶּער אַז תְּפִלָּה הֶעלְפְט, הָאט זִי אִיר אָנְגֶעזָאגְט: "אִיךְ לָאז דִיךְ אַפִילוּ נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט אַ כַּלָּה וֶוערְן", פְרֶעגְט זִי מִיר אַ שְׁאֵלָה אוֹיבּ זִי מֶעג יָא בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דִי מַאמֶע דַארְף נִישְׁט וִויסְן אַז זִי בֶּעט אוּן זִי זָאל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף. תְּפִלָּה אִיז אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט הֶערְן, מֶען בֶּעט שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל וֶוערְן אַ כַּלָּה**", לְמַעֲשֶׂה אִיז זִי טַאקֶע שׁוֹין אַ כַּלָּה!

**מִיט** 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת' קֶען מֶען גָאר אַסַאךְ פּוֹעֵל'ן. זַייט אִיךְ בִּין מְקוֹרָב

---

נָאכְדֶעם אִיז דָא אֵיינֶער וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר אַ פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער עֶר אִיז מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, דֶער צַדִּיק שַׁיינְט אַרַיין אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר בְּרֶענְגְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ אַזַא הוֹיכֶע דַּרְגָּה אִין אֱמוּנָה, עֶס אִיז מֶער נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, קַיין מִקְרֶה אוּן קַיין מַזָּל; עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע נֵס דָאס אָטֶעמֶען, זֶען, הֶערְן, רֶעדְן, טַאפְּן, גֵיין - ווִי הָאבְּן אַ קִינְד אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן פוּן אַ נְקֵבָה צוּ אַ זָכָר; בַּיי אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן אִיז - "אֵין קָשֶׁה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" - גָארְנִישְׁט שְׁוֶוער בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן אִיז דָאס נִישְׁט אַ תְּפִלַּת שָׁוְא, צוּ זֵיי רֶעדְט רֶבִּי יוֹסֵי אוּן זָאגְט זֵיי: "אֲפִלּוּ עַד שָׁעָה שֶׁתֵּשֵׁב עַל הַמַּשְׁבֵּר יִתְפַּלֵּל שֶׁתֵּלֵד זָכָר"; ווִידֶער דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיטָה, דִי חֲכָמִים - זֵיי רֶעדְן צוּם הֲמוֹן עַם, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶעעֶן אַ טֶבַע'דִיגֶע וֶועלְט, אַ מַזָּל'דִיגֶע מֶענְטְשׁ, אַ גוּטֶער פַּאסִירוּנְג, אַ שְׁלֶעכְטֶע פַּאסִירוּנְג; פַאר זֵיי זָאגְט מֶען 'תְּפִלַּת שָׁוְא' אוּן 'אֵין מַזְכִּירִין מַעֲשֵׂה נִסִּים'.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - הַכֹּל לַכֹּל עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, בִּיז אִיר וֶועט שְׁפִּירְן בַּיים בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, "אֵין קָשֶׁה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", גָארְנִישְׁט אִיז שְׁוֶוער צוּ בַּאקוּמֶען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת תשפ"ב, קוּנְטְרֵס 230)

גְעוָוארְן צום רֶבִּי'ן בֶּעט איך דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז נִישְׁט נָאר איך זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן, נָאר מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה און מַיין וַוייבְ'ס מִשְׁפָּחָה - אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צום רֶבִּי'ן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם איך זֶע יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט נָאךְ פוּן מַיינֶע קְרוֹבִים וֶוערְן מְקוֹרָב צום רֶבִּי'ן. קַיין אוּמַאן דַארְף מֶען זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן צוּ קוּמֶען און דָאס אִיז נָאךְ שְׁוֶוער פַאר זֵיי, אָבֶער שְׁטִילֶערְהֵייט זֶענֶען זִיךְ אַלֶע מְחַיֶּה מִיט די חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן, נִישְׁט בְּלויז מִיטְ'ן 'הֶערְן' די שִׁיעוּרִים, נָאר זֵיי 'לֶעבְּן' מִיט די שִׁיעוּרִים, אַז עֶס אִיז אֵיין וָואךְ נִישְׁטָא קַיין פְרוֶּוען שִׁיעוּר, רוּפְט מֶען שוֹין מַיין וַוייבּ זִיךְ בֶּעטְן אַז זֵיי וַוארְטְן דֶערוֹיף בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם.

**מֶען** קֶען נִישְׁט וִויסְן וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אין אַ מֶענְטְשׁ, אֵיינֶעם הָאט די וַוייבּ גֶעסְטְרַאשֶׁעט, אֵיינֶעם הָאט דֶער טַאטֶע גֶעסְטְרַאשֶׁעט און אֵיינֶעם הָאט דֶער שְׁוֶוער גֶעסְטְרַאשֶׁעט, "אויב פָּארְסְטוּ קַיין אוּמַאן..." קֶענְסְט אָבֶער גֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע קְרֶעכְץ און אַ גְרוֹיסֶע זִיפְץ, און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס קוּקְט אוֹיס צוּ זַיין אַ 'תְּפִלַּת שָׁוְא'.

### קְרֶעכְץ און זִיפְץ צום אֵייבֶּערְשְׁטְן

**דָאס** אִיז 'בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת'; גֶעבּ נָאךְ אַ קְרֶעכְץ צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבּ נָאךְ אַ זִיפְץ צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם איך דַארְף אַ שִׁידוּךְ**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם איך דַארְף שְׁלוֹם בַּיִת**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם איך וִויל הָאבְּן קִינְדֶער**", **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם איך וִויל הָאבְּן נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם איך וִויל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער איד**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם איך וִויל גֵיין צום רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה**".

**טְרַאכְט** נִישְׁט: 'נֶע, די אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר מִיר, איך וֶועל זִיכֶער נִישְׁט אָנְקוּמֶען דֶערְצוּ', - מַאךְ אֵיין תְּפִלָּה און נָאךְ אַ תְּפִלָּה און נָאךְ אַ תְּפִלָּה, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט.

### מֶען דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין זִיבְּן וַואסֶערְן

**איך** הָאבּ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַז הַיי יָאר וֶועלְן מִיר גֵיין זִיבְּן נְסִיעוֹת אָנְצוּקוּמֶען צום רֶבִּי'ן, די עֶרְשְׁטֶע נְסִיעָה - פוּן שְׁטוּבּ צום לוּפְטְפֶעלְד, 2) פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין וַוארְשֶׁע, 3) פוּן וַוארְשֶׁע קַיין רֵישָׁא, 4) פוּן רֵיישָׁא וֶועט זַיין אַ בַּאס וָואס גֵייט טְרָאגְן קַיין לִיזֶענְסְק, 5) פוּן לִיזֶענְסְק וֶועט זַיין אַ בַּאס וָואס גֵייט טְרָאגְן קַיין פְּשֶׁעמִישְׁל, צום בַּאן סְטַאנְצְיֶע, 6) פוּן פְּשֶׁעמִישְׁל וֶועט מֶען פָּארְן מִיטְ'ן בַּאן קַיין וִוינִיצֶע, 7) און פוּן וִוינִיצֶע וֶועט זַיין אַ בַּאס וָואס גֵייט טְרָאגְן קַיין אוּמַאן.

**זֶעט** אוֹיס אַז אָנְצוּקוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן - דַארְף מֶען

אַריבֶּערגֵיין זִיבְּן וַואסֶערְן, זִיבְּן נְסִיעוֹת, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט די מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּערְגֶער וְעָנִי (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י) אַז די בַּת קֵיסָר הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעזָאגְט: "די זִיבְּן וַואסֶערְן זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער, קֶען נִישְׁט וֶוערְן דֶער שִׁידוּךְ". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין אַזוֹי ווי די זִיבְּן וַואסֶערְן וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער בִּקְדוּשָׁה מִיטְ'ן בֶּערְגִיר, אוּן נִישְׁט ווי די זִיבְּן וַואסֶערְן וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער מִיטְ'ן רוֹצֵחַ.

### דֶער עִיקָּר אִיז: קוּם

**אֵיינֶער** הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעטַוּישְׁט דֶעם שְׁנִיט פוּן די דְרָשׁוֹת אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פָּארְן קַיין אוּמַאן, אַמָאל פְלֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְן אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן ווייל 'וָואס טוּט דֶען נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶס וַוארְט אִים אַ מִשְׁפָּט? עֶר וֶועט אַלֶעס פַארְקוֹיפְן אַבִּי צוּ טְרֶעפְן דֶעם בֶּעסְטְן לוֹיעֶר, דֶעם בֶּעסְטְן שׁוֹפֵט אַרוֹיסְצוּגֵיין זַכַּאי בַּדִין, וָואס טוּט דֶען נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר דַארְף אַ רְפוּאָה? עֶר וָואלְט אַלֶעס פַארְקוֹיפְט צוּ הָאבְּן גֶעלְט צוּ צָאלְן דֶעם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער; אַזוֹי אִיז מִיט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען גֵייט אוּנְז אַלֶע מִשְׁפָּטְ'ן, מֶען גֵייט אוּנְז מִשְׁפָּטְ'ן מִי יִחְיֶה, מִי יָמוּת, אִיז דֶער רֶבִּי דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן בֶּעסְטֶער לוֹיעֶר אוּן דָאקְטֶער - מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט יָאר, דֶערְפַאר פָּארְן מִיר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה!'

**הַיינְט** אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶס מַסְבִּיר אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, אַז 'עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אַז די נְשָׁמָה זָאל הָאבְּן מְנוּחָה אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען מֶען וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן די וֶועלְט!' - וָואס אִיז פְּשַׁט פוּנֶעם טוֹישְׁן די דְרָשׁוֹת צוּ וֶוערְטֶער פוּן די נְשָׁמָה?!

**זָאג** אִיךְ אִים: דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אָן קַיין פַארְוָואס אוּן אָן קַיין פַארְוֶוען, אָן קַיין מָשָׁל אוּן אָן קַיין נִמְשָׁל, יֶעדֶער אֵיינֶער מוּז קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אִיךְ פְּרוּבִיר פָּשׁוּט עֶס גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן מִיט מְשָׁלִים אוּן הֶסְבֵּרִים, דֶערְפַאר פְלֶעג אִיךְ זָאגְן אַז אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ ווייל מֶען גֵייט פַארְדִינֶען דֶערְפוּן אוֹיף די וֶועלְט, מֶען גֵייט הָאבְּן אַ יָאר מִיט גֶעלְט, קִינְדֶער אוּן נַחַת. אָבֶּער אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פַארְיָאר קַיין אוּמַאן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז אִים גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוֶוער בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יָאר, זָאג אִיךְ יֶעצְט אַנְדֶערְשׁ, קוּם בָּאטְשׁ קַיין אוּמַאן וֶועגְן דַיין נְשָׁמָה, בַּאלְד וֶועט מֶען אַוֶועק גֵיין פוּן די וֶועלְט אוּן דַיין אוּמַאן וֶועט דִיר גָאר שְׁטַארְק צוּנִיץ קוּמֶען דָארְט. - אוּן אַז דָאס וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, וֶועל אִיךְ דַארְפְן נֶעמֶען אַ דְרִיטֶע מָשָׁל... דֶער

עִיקָר אִיז: 'קוּם', ווייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף ראֹשׁ הַשָּׁנָה, און מֶען זָאל פּוֹעֵלְ'ן אַלֶעס גוּטְס, אָמֵן.

**נָאכְדֶעם** הָאט דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּינוּ, אַשְׁרֵינוּ, אַשְׁרֵינוּ".

## שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.

בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו.

**אֵיידֶער** דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "מִי יִתֶּן לִּי אֵבֶר כַּיּוֹנָה אָעוּפָה צִיּוֹן הַקָּדוֹשׁ אוּמַנָה. רֶבִּי, אִיךְ זָאל נָאר קֶענֶען פְלִיעֶן, וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן זִיךְ מִיעֶן, גֶעפְלוֹיגְן צוּ דַיין צִיּוֹן, נֶעבְּן דִיר צוּ רוּעֶן".

### חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תו

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** גֹּדֶל יְקָרַת רֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁלּוֹ, דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ פוּן רֶבִּי'ן: **בְּעֶרֶב רֹאשׁ־הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן בְּאוּמַין,** דֶעם לֶעצְטְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן - שְׁנַת תקע"א, **עָמַדְנוּ לְפָנָיו בְּעֵת שֶׁנָּתַנּוּ לוֹ הַצֶּעטְלִיךְ שֶׁלָּנוּ וּמָעוֹת עַל פִּדְיוֹן,** זֶענֶען מִיר גֶעשְׁטַאנֶען פַאר'ן רֶבִּי'ן אוּן אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דִי קְוִויטְלֶעךְ אוּן גֶעלְט פַאר פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ריד) אַז עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל מֶען מַאכְן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ. **אָז שָׁאַל עַל אִישׁ אֶחָד מִנֶּעמְרִיב שֶׁלֹּא בָּא עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה,** הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אִינְטֶערֶעסִירְט אוֹיף אֵיינֶעם פוּן שְׁטָאט נֶעמֶערִיב, פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **וְהִתְחִיל רַבִּי נַפְתָּלִי לְתָרְצוֹ,** רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען יֶענֶעם צוּ פַארֶענְטְפֶערְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען, **וְלֹא קִבֵּל הַדְּבָרִים,** אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען דִי תֵּירוּצִים, **וְהִקְפִּיד עָלָיו מְאֹד,** דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף אִים.

**וְאַחַר־כָּךְ דִּבֵּר עוֹד מֵאֶחָד שֶׁלֹּא בָּא עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, מֵחֲמַת רִבּוּי מְנִיעוֹת,** דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן נָאךְ אֵיינֶעם וָואס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, - דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רַב, רֶבִּי אַהֲרֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, **וּמֵחֲמַת זֶה נָסַע לְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה קֹדֶם רֹאשׁ־הַשָּׁנָה וְסִפֵּר לוֹ הַמְּנִיעוֹת,** פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן גֶעפְרֶעגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווַייל עֶר הָאט אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן דִי קְהִילָה ווִיל עֶר זָאל בְּלַייבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט זֵיי, וָואס עֶר זָאל טוּן? **וְצִוָּה לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ לָשׁוּב לְבֵיתוֹ וְלֹא יִהְיֶה אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה,** הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן, וְזֶה

**הָאִישׁ הָיָה מִגְּדוֹלֵי הַחֲשׁוּבִים,** דֶער רֶבִּי אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן, **וְהָיָה צַר לוֹ מְאֹד מַה שֶּׁלֹּא יִזְכֶּה לִהְיוֹת נִמְנֶה עִמָּנוּ בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה,** אוּן עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵוי גֶעטוּן אַז עֶר וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. **וְהִתְחִיל לְהִתְעַקֵּשׁ לְפָנָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁלֹּא יָשׁוּב לְבֵיתוֹ רַק יִשָּׁאֵר אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה,** הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן עַקְשְׁנְ'עֶן אַז עֶר וִויל נִישְׁט אַהֵיים פָארְן, עֶר וִויל שׁוֹין דָא בְּלַייבְּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. **וְלֹא נִתְרַצָּה הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בִּדְבָרָיו וְגֵרְשׁוֹ לְבֵיתוֹ,** אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן אַהֵיים גֵיין. **וְאָז אָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה,** אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, **אֵינִי יָכוֹל לְצַיֵּר לְעַצְמִי הַצַּעַר הַזֶּה מַה שֶּׁאַתָּה לֹא תִּהְיֶה אֶצְלִי עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה,** אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם צַעַר וָואס אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט דָא זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **וְאָמַר לוֹ הָאִישׁ הַנַּ"ל אִם־כֵּן אֶשָּׁאֵר בְּכָאן,** הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט בְּלַייבּ אִיךְ יָא דָא אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **וְלֹא הִסְכִּים וְשָׁב לְבֵיתוֹ,** דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט אַהֵיים.

**אַחַר־כָּךְ בְּעֶרֶב־רֹאשׁ־הַשָּׁנָה דִּבֵּר עִמָּנוּ מִזֶּה,** שְׁפֶּעטֶער עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן דֶעם, **וְאָמַר שֶׁעָלָיו יֵשׁ רַחֲמָנוּת גָּדוֹל,** אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת אוֹיף דֶעם רֶבִּי אַהֲרֹן, **כִּי רָצָה בֶּאֱמֶת לִהְיוֹת כָּאן עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, אַךְ נִמְנַע מֵחֲמַת הַנַּ"ל,** וַוייל עֶר הָאט דָאךְ גֶעוָואלְט דָא זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אִיבֶּער לָאזְן זַיין קְהִלָּה. **אַחַר־כָּךְ עָנָה הוּא זַ"ל וְאָמַר בְּקוֹל חָזָק מֵעֹמֶק הַלֵּב וּמָה אֹמַר לָכֶם אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה, הַיְנוּ מִלִּהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה. וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן בְּקוֹל זִיעַ סַגִּיא** "וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס דֶער פוּן אִיז נִיט פַאר הַאנֶין. אַיי אַנְדֶערֶע גוּטֶע יוּדִין זָאגִין נִיט אַזוֹי, אִיז נָאךְ אַקַשְׁיָא", נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן מִיט אַן הוֹיךְ קוֹל, פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ: "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען, אַיי אַנְדֶערֶע גוּטֶע יוּדְן זָאגְן נִישְׁט אַזוֹי, אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא".

**(כְּלוֹמַר הֲלֹא בְּלֹא זֶה כְּבָר מַקְשִׁין עָלָיו קֻשְׁיוֹת הַרְבֵּה וְיִהְיֶה קָשֶׁה עוֹד קֻשְׁיָא זֹאת גַּם־כֵּן מַה שֶּׁהִקְפִּיד כָּל כָּךְ לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה דַּיְקָא),** דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, אַיי אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס זָאגְן נִישְׁט מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? - אִיז שׁוֹין דָא נָאךְ זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַנְדֶערְשׁ פוּן זֵיי, וֶועט דָאס זַיין נָאךְ אַ קַשְׁיָא.

**וּמִכְּלַל דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁדִּבֵּר אָז עִמָּנוּ לָמַדְנוּ כַּמָּה דְּבָרִים,** פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ

שֵׁיינֶע זַאכְן. **לָמַדְנוּ עוֹד הַפַּעַם עֹצֶם גֹּדֶל הַחִיּוּב לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה,** קוֹדֶם זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **כִּי אַף־עַל־פִּי שֶׁיָּדַעְנוּ זֹאת מִכְּבָר,** אֲפִילוּ מֶען ווייסְט דָאס שׁוֹין פוּן לַאנְג, **אַף־עַל־פִּי־כֵן מֵרִבּוּי דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים אָז בָּזֶה, וּמִתְּנוּעוֹתָיו הַנּוֹרָאוֹת אָז, הֵבִינוּ עֹצֶם הַחִיּוּב יוֹתֵר וְיוֹתֵר, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר זֹאת בִּכְתָב,** מִיט דֶעם אַלֶעם, פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט דֶערְפוּן אַזוֹיפִיל מָאל, און מֶען הָאט גֶעזֶען דִי תְּנוּעוֹת פוּן רֶבִּי'ן, פַארְשְׁטֵייט מֶען נָאכְמֶער דָאס ווִיכְטִיגְקַייט דֶערְפוּן, וָואס מֶען קֶען דָאס נִיטְאָמָאל מַסְבִּיר זַיין בִּכְתָב.

**וְגַם אָז לָמַדְנוּ,** אוֹיךְ זֶעט מֶען פוּן דֶעם, **שֶׁרְצוֹנוֹ חָזָק לִהְיוֹת אֶצְלוֹ בְּאוּמַאן עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה תָּמִיד לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ,** זַיין שְׁטַארְקֶע ווִילְן מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֲפִילוּ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת, **וְשֶׁאֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה,** אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם.

**ווַייל דִי מַעֲשֶׂה הָאט דָאךְ פַּאסִירְט דִי** לֶעצְטֶע יָאר פוּן רֶבִּי'ן, [דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק נָאךְ יֶענֶעם חוֹדֶשׁ, חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת], דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעווּאוּסְט אַז עֶר גֵייט נִסְתַּלֵּק ווֶערְן און דָאס אִיז זַיין לֶעצְטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעווֹאוֹינְט אִין בְּרֶסְלֶב און הָאט זִיךְ נָאר אַרִיבֶּער גֶעצוֹיגְן קַיין אוּמַאן כְּדֵי צוּ לִיגְן דָארְט נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת (עַיֵּין יְמֵי מוֹהֲרַנַ"ת חֵלֶק א', סִימָן מט), און מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אַזוֹיפִיל ווֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט אוֹיךְ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת.

**וְגַם לָמַדְנוּ,** אוֹיךְ זֶעט מֶען פוּן דֶעם, **כַּמָּה צְרִיכִין לְהִתְחַזֵּק לְשַׁבֵּר הַמְּנִיעוֹת מִדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, בִּפְרָט הַמְּנִיעוֹת מִלִּהְיוֹת עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁצְּרִיכִים לְשָׁבְרָם בְּיוֹתֵר וְלִהְיוֹת דַּיְקָא עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה,** ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ צֶעבְּרֶעכְן מְנִיעוֹת, בִּפְרָט דִי מְנִיעָה אוֹיף צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **עַד שֶׁאֲפִלּוּ אִם הוּא זַ"ל בְּעַצְמוֹ מְצַוֶּה וּמַסְכִּים לִבְלִי לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, חָלִילָה לְהִסְתַּכֵּל עַל זֶה,** אַז אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס זָאגְט "גֵיי אַהֵיים", זָאל מֶען אוֹיךְ נִישְׁט פָּאלְגְן. **וּצְרִיכִין לִזָּהֵר מְאֹד לִבְלִי לִשְׁאֹל אוֹתוֹ שׁוּם שְׁאֵלָה עַל זֶה,** און מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן צִי מֶען זָאל קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָדֶער נִישְׁט, **כִּי הוּא יָשִׁיב בְּוַדַּאי לִבְלִי לִהְיוֹת,** ווַייל עֶר ווֶעט זִיכֶער עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט צוּ קוּמֶען, **וְאַף־עַל־פִּי־כֵן בִּנְקֻדַּת הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ צְרִיכִין לִהְיוֹת דַּיְקָא,** אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען יָא קוּמֶען. לֵייגְט רֶבִּי נָתָן צוּ: **[וְכֵן הוּא נוֹהֵג לְדוֹרוֹת],** אַזוֹי אִיז עֶס אוֹיךְ הַיינְט, ווֶען אֵיינֶער קוּמְט פְרֶעגְן צִי עֶר זָאל פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט מְנִיעוֹת, ווֶעט מֶען

אִים אוֹיךְ נִישְׁט זָאגְן "קוּם", אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען קוּמֶען.

**וְעִנְיָן זֶה נוֹגֵעַ לְמַה שֶּׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל** (מַכּוֹת י:): **'בַּדֶּרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ' כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י,** דָאס אִיז אַזוֹי ווִי אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מַכּוֹת י:): "בַּדֶּרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ בָּהּ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ", וְהוּא מִדִּבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל **עַל פָּסוּק** (בַּמִּדְבָּר כב): **"לֵךְ עִם הָאֲנָשִׁים",** מֶען לֶערְנְט עֶס אַרוֹיס פוּן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט קוֹדֶם גֶעזָאגְט פַאר בִּלְעָם (בַּמִּדְבָּר כב, יב): "לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם", זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין מִיט דִי הֶערְן פוּן מִדְיָן, נָאכְדֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעזָאגְט (בַּמִּדְבָּר כב, לה): "לֵךְ עִם הָאֲנָשִׁים", קֶענְסְט יָא גֵיין, פַארְוָואס? ווַייל בִּלְעָם הָאט גֶעוָואלְט גֵיין הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַסְכִּים גֶעוֶוען. **וְכֵן בְּשִׁלּוּחַ מְרַגְּלִים שֶׁהֻכְרַח מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּעַצְמוֹ לְשַׁלְּחָם, אַף־עַל־פִּי שֶׁבֶּאֱמֶת רְצוֹנוֹ לֹא הָיָה כְּלָל בָּזֶה,** דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען מִיט'ן שִׁיקְן דִי מְרַגְּלִים, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַ אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ, נָאר דִי אִידְן הָאבְּן גֶעוָואלְט שִׁיקְן מְרַגְּלִים, הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעשִׁיקְט.

**שֶׁהָיוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ לָהֶם מְנִיעוֹת מִלִּהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ בְּעַצְמוֹ,** מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז זֵיי הָאבְּן מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **וְהֵשִׁיב לָהֶם שֶׁלֹּא יִהְיוּ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה,** הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ קוּמֶען. **וְהִתְחִילוּ לְהִתְעַקֵּשׁ, הֲלֹא שָׁמַעְנוּ מִכֶּם גֹּדֶל הָאַזְהָרָה לִהְיוֹת אֶצְלְכֶם עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה,** הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַז מֶען מוּז קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?!" **עָשָׂה עַצְמוֹ כְּמַקְפִּיד עֲלֵיהֶם וְגָעַר בָּהֶם שֶׁלֹּא יְדַבְּרוּ יוֹתֵר,** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף זֵיי, **וְכֵן עָשׂוּ וְלֹא בָּאוּ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה,** אוּן זֵיי זֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **וְאַף־עַל־פִּי־כֵן אֲנַחְנוּ זָכִינוּ לִהְיוֹת רְגִילִים לַעֲמֹד לְפָנָיו. שָׁמַעְנוּ וְהֵבַנְנוּ בְּרֶמֶז וּבְפֵרוּשׁ שֶׁפְּנִימִיּוּת רְצוֹנוֹ אֵינוֹ נוֹחָה בָּזֶה כְּלָל, רַק הוּא מֻכְרָח לוֹמַר לָהֶם כָּךְ מֵחֲמַת שֶׁשּׁוֹאֲלִים אוֹתוֹ עַל זֶה,** אָבֶּער דִי וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען יָא קוּמֶען, נָאר דֶער רֶבִּי דַארְף יֶענֶעם זָאגְן וָואס יֶענֶער ווִיל הֶערְן. **וְיֵשׁ בָּזֶה הַרְבֵּה לְסַפֵּר, וּמְעַט מִזֶּה יִתְבָּאֵר בְּמָקוֹם אַחֵר** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רִיד).

**וְעִנְיָן זֶה רָאִינוּ מֵרַבֵּנוּ זַ"ל כַּמָּה פְּעָמִים,** דֶער עִנְיָן הָאבְּן מִיר אַסַאךְ מָאל גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן, **בִּפְרָט בְּעִנְיַן רֹאשׁ־הַשָּׁנָה,** בִּפְרַט אִינֶעם עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה,

**וְכֵן הוּא נוֹהֵג לְדוֹרוֹת שֶׁכְּשֶׁשּׁוֹאֲלִין לְהָרַב וְהַמַּנְהִיג עַל דָּבָר שֶׁיֵּשׁ בּוֹ כְּעֵין מְסִירַת נֶפֶשׁ,** אַזוֹי אִיז יֶעדֶע מָאל וֶוען מֶען קוּמְט פְרֶעגְן אַ צַדִּיק אוֹיף אַ מְסִירַת

נֶפֶשׁ ווי אַזוי זיך צו פירן, צָרִיךְ לְהָשִׁיב לָאו, מוז מֶען יֶענֶעם זָאגְן נִישְׁט צו טון, מֶען קֶען נִישְׁט יֶענֶעם הֵייסְן טון דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ, **אַף־עַל־פִּי שֶׁבֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ רְצוֹנוֹ שֶׁיִּמְסֹר נַפְשׁוֹ וִישַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת, אֲפִילוּ** בֶּאֱמֶת וויל דֶער צַדִיק אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל יָא זיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין און צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת. **עַל־כֵּן מִי שֶׁרוֹצֶה לְהִתְקָרֵב וּלְשַׁבֵּר הַמְּנִיעוֹת בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, צָרִיךְ לְזָהֵר מְאֹד לִבְלִי לִשְׁאֹל אוֹתוֹ בָּזֶה כְּלָל,** דֶערְפַאר וֶוער עֶס וויל מְקוֹרָב וֶוערְן צום צַדִיק זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צו פְרֶעגְן דִי סָארְט שְׁאֵלוֹת. **וְעוֹד תָּבִין עִנְיָן זֶה בִּמְקוֹמוֹת אֲחֵרִים שֶׁמְּדַבְּרִים מֵעִנְיָנִים כָּאֵלֶה וְהָבֵן מְאֹד:**

(נִשְׁמַט מִלְּעֵיל לְעִנְיַן רֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁצְּרִיכִין לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה דַּיְקָא). **אָמַר שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים,** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ תִּיקוּן, **מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן,** אֲפִילוּ אִינְמִיטְן דִי יָאר וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען אַ תִּיקוּן, **אַף־עַל־פִּי־כֵן בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִלּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן,** דָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ זֵיי אַלֶע פַארְרֶעכְטְן. **אַף־עַל־פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִלּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם,** אֲפִילוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, **אֲבָל בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים,** אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר זֵיי אַלֶע פַארְרֶעכְטְן. **כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת,** רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵן זַיין אַ גַאנְץ יָאר.

**מָשִׁיחַ וֶועט נֶעמֶען אַלֶע אִידְן צום רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה**

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:**

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק פַאר אוּנְז. מִיר דַארְפְן אַלֶע גְרוֹיס רַחֲמִים, עֶס קוּמְט אַזַא גְרוֹיסֶע יוֹם הַדִין וָואס מֶען גֵייט אַפִּיר נֶעמֶען אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן, און מִיר זֶעעֶן אוֹיס ווי מִיר זֶעעֶן אוֹיס, מִיר דַארְפְן אַלֶע תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער רֶבִּי וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ פַארְרֶעכְטְן וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אֵיין יָאר הָאבְּן גֶעווִיסֶע בַּעֲלֵי מְקֻבָּלִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** פַארְשְׁפְּרֵייט אַז דָאס יָאר זָאל מֶען נִישְׁט קוֹיפְן קַיין טִיקֶעטְס צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דִבּוּק וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ קוּמְט שׁוֹין, אִיז דָאךְ אַ שָׁאד סְתַּם אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר אַ טִיקֶעט. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר גֶעגְלֵייבְּט אִין דֶעם, וַוייל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ דִי זַאכְן פוּן נְשָׁמוֹת, חֲלוֹמוֹת, דִבּוּקִים וְכַדוֹמֶה. הָאט מוֹהֲרָא"שׁ דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט

בַּיים שִׁיעוּר: "אַז מָשִׁיחַ קוּמְט דַארְף מֶען הֶערְשְׁט קוֹיפְן טִיקֶעטְס קַיין אוּמַאן! וֶוען מָשִׁיחַ גֵייט קוּמֶען וֶועט עֶר נֶעמֶען אַלֶע אִידְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

**מֶענְטְשְׁן** מֵיינֶען אַז גְלַייךְ וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין 'תְּחִיַּית הַמֵּתִים', אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ערה) אַפִּילוּ וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען וַויטֶער שְׁטַארְבְּן, אוּן מָשִׁיחַ אַלֵיינְס וֶועט אוֹיךְ שְׁטַארְבְּן.

**דֶערְפַּאר** דַארְף מֶען זִיךְ שְׁנֶעל אַיינְהַאנְדְלֶען אַ טִיקֶעט אוּן אַ דִירָה, וַוייל אוֹיבּ אַלֶע אִידְן וֶועלְן קוּמֶען צוּ לוֹיפְן קַיין אוּמַאן וֶועלְן דִי פְּרַייזְן אַרוֹיפְגֵיין.

**פַארְן קַיין אוּמַאן הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט בְּרֶסְלֶב**

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן. מֶען דַארְף אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם, נָאר מִיט תְּפִלָּה קוּמְט מֶען אָן. מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען אוּן מִיר בֶּעטְן אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶע אִידְן - אַז אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

**וֶוען** מֶען טְרֶעפְט שְׁכֵנִים אוּן בַּאקַאנְטֶע, זֵיי שְׁטֶעלְן אָפּ אוּן פְרֶעגְן: "הֵיי יָאר פָארְסְטוּ אוֹיךְ קַיין אוּמַאן?" אַנְשְׁטָאט זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן פַארְוָואס אִיךְ פָאר, זָאל זִיךְ יֶענֶער פַארֶענְטְפֶערְן פַארְוָואס עֶר פָארְט נִישְׁט, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, פְרֶעג אִים צוּרִיק: "זִיבֶער פָאר אִיךְ, וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ קוּמְסְט קַיין אוּמַאן? פַארְוָואס נִישְׁט?!" פַארְן קַיין אוּמַאן הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט בְּרֶסְלֶב, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אָבֶער פָארְן קַיין אוּמַאן אִיז אַן עֵצָה אוּן סְגוּלָה פַאר אַלֶע אִידְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

# פַּרְשַׁת נִצָּבִים

# פַּרְשַׁת נִצָּבִים

**דִּבְרוֹת קוֹדֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דִי זְכִיָה צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִין עִיר הַקוֹדֶשׁ אוּמַאן יע"א.**

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיים בָּאטֶע הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט הֶערְלִיכֶע דִּבְרֵי הִתְחַזְקוּת בְּעִנְיָן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אִין דֶעם שַׁבָּת פַארְעֶכְטְן אַלֶע שַׁבָּתִים פוּן יָאר.

**אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען:** אִיךְ וֶועל זִיךְ לֵייגְן אִין דֶער לֶענְג אוּן אִין דֶער בְּרֵייט, אִיךְ זָאל אִים אַ טוֹבָה טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. זָאל זַיין סַיי וֶוער, אוֹיב עֶר וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, זָאג אִיךְ אִים צוּ, אַז אוֹיב עֶר וֶועט דָארְט זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי גְרוֹיס זַיינֶע עֲבֵירוֹת זֶענֶען. אִיךְ וֶועל זִיךְ לֵייגְן אִין דֶער לֶענְג אוּן אִין דֶער בְּרֵייט, אִיךְ זָאל אִים אַ טוֹבָה טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. אוּן גֶעבּ אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאג לְעִלּוּי נִשְׁמַת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, זָאל עֶר זַיין דֶער נִידְרִיגְסְטֶער אִיד, אוֹיף דִי קְלֶענְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

**מִי יִתֶּן לִּי אֵבֶר כַּיּוֹנָה אָעוּפָה צִיּוֹן הַקָּדוֹשׁ אוּמַנָה.** רֶבִּי, אִיךְ זָאל נָאר קֶענֶען פְלִיעֶן, וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן זִיךְ מִיעֶן, גֶעפְלוֹיגְן צוּ דַיין צִיּוֹן, נֶעבְן דִיר צוּ רוּעֶן.

**פַאר'ן רֶעדְן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶערוּפְן:** וֶוער עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט זַיינֶע קִינְדֶער קַיין אוּמַאן, אוּן וויל מִיט הַאלְטְן דֶעם בָּאטֶע, זָאל זֵיי נֶעמֶען נֶעבְן זִיךְ, אָדֶער זָאל עֶר גֵיין שְׁלָאפְן צוּזַאמֶען מִיט זֵיי. מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער ווִילְדֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן אוֹיף הֶפְקֵר, דָאס אִיז אַן הֶפְקֵרוּת.

**שְׁוֶועריקַייטְן צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי, וויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר קֶענֶען דָא זַיין אִין דִי צַייט פוּן אַ מִלְחָמָה. וואוּ מֶען גֵייט שְׁטֶעלְן מֶענְטְשְׁן אָפּ, מֶען פְרֶעגְט: 'וָואס

גייעֶן די בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים טוּן דָאס יָאר? מֶען קֶען יָא פָאָרְן, אָדֶער נִישְׁט פָאָרְן קַיין אוּמַאן', בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים טַאנְצְן אַריין אִין די קִשְׁרֵי הַמִּלְחָמָה, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט. ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מג): "מִי שֶׁלִּבּוֹ חָזָק אֵינוֹ מִתְיָרֵא מִשּׁוּם דָּבָר, וְרָץ לְתוֹךְ קִשְׁרֵי הַמִּלְחָמָה, וּמִתְגַּבֵּר עַל-יְדֵי חֹזֶק וְאֹמֶץ לִבּוֹ", אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ הָאט מֶען נִישְׁט מוֹרָא פוּן גָארְנִישְׁט, מֶען לוֹיפְט אַריין אִינְמִיטְן די מִלְחָמָה, מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אוּן דְרֵייסְקַייט.

די לֶעצְטֶע פָאר יָאר זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁוֶועריקַייטְן צוּ פָאָרְן קַיין אוּמַאן; ראש הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"א אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט די גְרֶענִיץ אַריינְצוּקוּמֶען קַיין אוּקְרַיינָא, ראש הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ב הָאט מֶען נָאר גֶעקֶענְט קוּמֶען אוֹיב מֶען שְׁטֶעכְט זִיךְ, מֶען נֶעמְט די קָארָאנֶע וַואקְסִין, אוּן מֶען הָאט אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז וֶוער עֶס נֶעמְט די וַואקְסִין גֵייט שְׁטַארְבְּן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִינְגֶעלַייט פוּן שְׁטֶעטְל וָואס בֶּאֱמֶת הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען די וַואקְסִין, זֵיי הָאבְּן עֶס אָבֶער גֶענוּמֶען ווייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּער בְּלַייבְּן אַלֵיינְס בַּיים לֶעבְּן, אוֹיב די גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל וֶועט שְׁטַארְבְּן... אוֹיךְ הָאט מֶען אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז וֶוער עֶס נֶעמְט די וַואקְסִין וֶועט נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, אָבֶער אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן הָאט זִיךְ יֶעדֶער גֶעשְׁטָאכְן, יֶעדֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

די אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן זֶענֶען סִימָנִים אַז מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין נָאנְט צוּ די גְּאוּלָה, דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוֹיף אַלֶע וֶועגְן אָפְּצוּהַאלְטְן דֶעם רֶבִּי'נְ'ס ראש הַשָּׁנָה, וָואס דֶער רֶבִּי אִיז דֶערמָאלְט יֶעדְן מְתַקֵּן.

**דָאס** יָאר הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעהַאט מְנִיעוֹת, אֲפִילוּ די וָואס הָאבְּן סְתָם אַזוֹי שׁוֹין נִישְׁט קַיין מְנִיעוֹת. מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען אָפְּצוּהַאלְטְן פוּן פָאָרְן קַיין אוּמַאן ווייל עֶס אִיז אַ שְׁעַת מִלְחָמָה, אוּן אוֹיךְ הָאט די נְסִיעָה גֶעקָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר זֶענֶען דָא בַּיים רֶבִּי'ן.

**גֶעוֶועוְנְלִיךְ** וֶוען אִיךְ קוּם צוּם צִיוּן לֵייג אִיךְ אַרָאפּ מַיין פֶּעקְל וְכוּ', אוּן אִיךְ הֵייבּ גְלַייךְ אָן צוּ ווֵיינֶען, אָבֶער דָאס יָאר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט: **"שְׁכּ'חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן"**, ווייל מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז הַיי יָאר וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן צוּלִיבּ די מִלְחָמָה.

### מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע שַׁבָּתִים פוּנֶעם יָאר

**מִיר** שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין די לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר. מוֹהֲרַנַ"ש בְּרֶענְגְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, מוֹהֲרַנַ"ש פְלֶעגְט עֶס אוֹיךְ חַזֶר'ן בַּיי די דְרָשׁוֹת אִין אוּמַאן, אַז אִין דֶעם לֶעצְטְן שַׁבָּת קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע שַׁבָּתִים פוּנֶעם יָאר.

**וִוי אַזוֹי פַאַרְרֶעכְט מֶען דֶעם גַאנְצְן יָאר?** - וֶועלְן מִיר אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן עֶטְלִיכֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר פַאַרְרֶעכְטְן דֶעם גַאנְצְן יָאר.

**דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה: נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ!**

**הֵייבּ אָן טְרַאכְטְן:** 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא', 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ', 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הֲנָאָה פוּן מִיךְ'. עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אוֹיסְצוּוָואוּאשְׁן דֶעם קָאפּ פוּן דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט', אוּן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אוּנְז נִישְׁט', אוּן 'אַמָאלִיגֶע צַייטְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען וֶוערְד אָבֶּער מִיר זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְד'.

**תְּשׁוּבָה** אִיז אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ יָא, אִיךְ בִּין זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע נַחַת פוּן מַיין הֵיטְן שַׁבָּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מוֹרָא'דִיג לִיבּ מַיין דַאוֶוענֶען אוּן דָאס בִּיסְל וָואס אִיךְ לֶערְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ אַז אִיךְ רֶעד צוּ אִים; וֶוען אִיךְ זָאג אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶעלְט זִיךְ אַלֶעם אָפּ אוֹיבְן אִין הִימְל.

**וֶוען** אַ בָּחוּר'ל אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן גֵייט אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חָבֵר, אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶר רֶעדְט יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט: **"אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "אִיךְ בֶּעט דִיךְ אִיבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף אַ שִׁידוּךְ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף קִינְדֶער"**, אָדֶער מַאכְט עֶר זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ: **"טַאטֶע וָואס טוּ אִיךְ דָא? פַארְוָואס דְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַרוּם דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן אַרַיין כַאפְּן עֶפֶּעס תַּכְלִית? אִיךְ לוֹיף אוּן לוֹיף, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ לֶעבּ"**, - וֶוערְט פוּן דֶעם אַזַא רַעַשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל.

**מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעזָאגְט:** עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען אַ צַייט, וָואס מֶען וֶועט אַזוֹי חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אִין הִימְל וֶועט מֶען זֶען וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז יֶעדֶע דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען צוּרִיק טְרַאכְטְן 'אַ שָׁאד, אִיךְ הָאבּ דָאךְ דָאס גֶעקֶענְט טוּן, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!'

**מֶען** זֶעט אִין אוּמַאן אַ בְּחִינָה פוּן 'קִיבּוּץ גָלֻיּוֹת', עֶס קוּמֶען אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, רַבָּנִים, דַיָּנִים, רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת, כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אוּן בַּעֲלֵי בָּתִּים, יֶעדֶער גֵייט אָנְגֶעטוּן אוֹיף זַיין שְׁטֵייגֶער, אַלֶע זָאגְן

דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], און יֶעדֶער שְׁפִּירְט ווי דֶער רֶבִּי אִיז פַאר מִיר, דֶער רֶבִּי אִיז מִיר מְתַקֵּן. דֶער רֶבִּי גִיבְּט אוּנְז 'אוֹרוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ', דֶער רֶבִּי גִיבְּט אוּנְז שׁוֹין טוֹעַם צוּ זַיין אַבִּיסְל וָואס גֵייט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט נִישְׁט זַיין נָאר דִי חַבּוּרָה, דִי הֵייפֶעלֶע אִידְן וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מָשִׁיחַ וֶועט אַרֵיין בְּרֶענְגֶען אַ לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אֲפִילוּ פַאר דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ יא, ט): "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט זַיין פַארְנוּמֶען נָאר מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווּאוּ דוּ בִּיסְט,** אִינְדֶערְהֵיים, אִין גַאס, בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אִין בֶּעט, וֶוען דוּ זִיצְט, וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט און וֶוען דוּ שְׁפַּאצִירְסְט; עֶפְן דַיין מוֹיל און זָאג אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ".**

### אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה

**הַיי** יָאר הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה. מֶען הָאט אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז דָאס יָאר קֶען מֶען גְרִינְגֶער פַארְלִירְן פֶּעקְלֶעךְ אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אוּמַאן, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע נְסִיעָה און מֶען גֵייט פוּן אֵיין מְדִינָה צוּם צְווֵייטְן, הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן קַיין פֶּעקְלֶעךְ, אִיז גֶעשֶׁעְן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אַז אֶפְשָׁר 'צְווֵיי פֶּעקְלֶעךְ' זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן, אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע יָארְן וָואס מֶערֶערֶע מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן פַארְלִירְן זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ, מֶען הָאט גֶעזֶען דֶער כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה, אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט עֶס. יֶעצְט וֶועלְן מִיר מַאכְן נָאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה מֶען זָאל הָאבְּן גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן וָואס מֶען הָאט גֶעבָּארְגְט פַאר דִי נְסִיעָה און אוֹיף יוֹם טוֹב.

### דִי גְרֶעסְטֶע רַייכְטוּם!

**אִיךְ** הָאב דָא גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם, דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר אַז פַארְיָאר הָאט אִים אֵיינֶער גֶעווִיזְן אַ סְגוּלָה אִין אַ סֵפֶר אַז אִין אַ גֶעוויסֶע צַייט אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען מֶען בֶּעטְן וָואס מֶען וויל און מֶען גֵייט עֶס בַּאקוּמֶען, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר אוֹיסְגֶענִיצְט דֶעם גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וֶוערְן רַייךְ, וַוייל ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן טְרַאכְט זַיין קָאפּ נָאר פוּן 'גֶעלְט'. און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע גֶעהָאלְפְן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, ווי אַזוֹי? אִינְמִיטְן יָאר הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז

מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רַייכְטוּם!

**עֶר** זָאגְט מִיר: "וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעלְט? אִיךְ וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט דֶערְפוּן". עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶעבְּן, עֶס גֵייט אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט אָן, זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים גֶעסְטְרַאשֶׁעט אוֹיבּ עֶר פָּארְט קַיין אוּמַאן ווייל עֶר אִים מֶער נִישְׁט קֶענֶען. אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוָוארְן רַייךְ, עֶר, זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן.

**דֶער** תַּנָּא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ד, מִשְׁנָה ד): "אֵיזֶהוּ עָשִׁיר", וֶוער אִיז אַן עוֹשֶׁר? "הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ", וֶוער עֶס אִיז אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ! מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זַיין צוּפְרִידְן וַוייל אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער מֶענְטְשׁ.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, עֶר הֵייבְּט אָן צוּ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, וֶוערְט אִים גוּט אִין לֶעבְּן, עֶר וֶוערְט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, מִיט זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אַלֶעס אִיז אִים גוּט.

**מֶען** וֶוערְט אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פַארְדְרָאגְט אוּן אָנְגֶעטְרִינְקֶען, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין צַעַר; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז פוּן דִי אוּנְגֶערִישֶׁע וַויין, דִי יַיִן הַמְשֻׁמָּר, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּן אַלֶע וֶועלְן בֶּעטְן פוּן מָשִׁיחַ אַבִּיסְל כּוֹס שֶׁל בְּרָכָה פוּן דִי יַיִן הַמְשֻׁמָּר, אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועט מֶען קֶענֶען אוֹיסְנָארְן, מֶען וֶועט זֵיי גֶעבְּן סְתַם וַויין אוּן מֶען וֶועט זֵיי זָאגְן אַז דָאס אִיז גוּטֶע וַויין, דָאס אִיז דֶער יַיִן הַמְשֻׁמָּר, אָבֶּער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען פַארְנָארְן וַוייל עֶטְס הָאטְס מִיךְ שׁוֹין טוֹעֵם גֶעוֶוען, עֶטְס הָאטְס שׁוֹין טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן דִי יַיִן הַמְשֻׁמָּר.

### בַּיים רֶבִּי'ן דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת

**מֶען** דַארְף נִישְׁט קַיין חָכְמָה פַארְ'ן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, פַארְקֶערְט, וִוי מֶער חָכְמוֹת מֶען הָאט - אַלְץ שְׁוֶוערֶער אִיז צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ 'תָּם וּמִתַּמֵּם עִם תְּמִימִים', עֶר נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין דִי טִיפְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט, עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט זַיינֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט אוּן פְרֵיידְט זִיךְ מִיט זַיין אִידִישְׁקֵייט - אַלְץ מֶער קֶען עֶר זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם רֶבִּי'ן.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ וַוארְפְן דֶער שׁוּלְד אוֹיף מֶענְטְשְׁן אַרוּם, 'מַיין טַאטֶע אִיז שׁוּלְדִיג' אוּן 'מַיין מַאמֶע אִיז שׁוּלְדִיג', אוּן 'מַיין וַוייבּ אִיז שׁוּלְדִיג'. וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ בַּאשׁוּלְדִיגְט דֶעם אוּן יֶענֶעם אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען דֶעם

רֶבִּי'ן, וַוייל וָוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים גֵייט אַרַיין אִין אִים אַזַא אֱמוּנָה, אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, אַז עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זֶען אַז אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מַיינֶע קִינְדֶער אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מַיין גֶעלְט אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן מַיין דַּחְקוּת אִיז אוֹיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט קַיין פֶּערְצוּפַּאל, וַוייל וָוער דְרוּקְט מִיר? - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען וואוּ אִיךְ וֶועל לוֹיפְן, אוֹיב אִיךְ וֶועל לוֹיפְן צוּ אִים.

### דִי צְווֵייטֶע עֵצָה: בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

**נָאךְ** אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ פַּארְרֶעכְטְן דֶעם גַאנְצְן יָאר; אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען זָאגְט פַּאר'ן בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיךְ מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוּיל", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קָרְבֵנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ, בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק צוּ דִיר, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, הֶעלְף מִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין נָאנְט צוּ דִיר".

### דִי דְרִיטֶע עֵצָה: דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

**נָאךְ** אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ פַּארְרֶעכְטְן דֶעם גַאנְצְן יָאר; זַיי פְּרֵיילִיךְ, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ מֶענְטְשׁ בַּאפְט נִישְׁט ווִיפִיל גוּטְס עֶר הָאט אִין לֶעבְּן, עֶר אִיז נָאר פַּארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן 'דָאס פֶּעלְט מִיר' אוּן 'יֶענְץ פֶּעלְט מִיר', - אִין דִי צַייט וָואס עֶר אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַזוֹיפִיל גוּטְס. זוּךְ אוֹיף גוּטֶע זַאכְן אִין דַיין לֶעבְּן, דוּ אָטֶעמְסְט? דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! דוּ קֶענְסְט זֶען? דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! מוֹהַרְ"אַ"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן וָוען מֶען גֵייט אִין גַאס אוּן מֶען זֶעט אִין דִי זַייט אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ גֵיין מִיט זַיין שְׁטֶעקְן, אִיז דָאס אַ דֶערְמַאנוּנְג אַז מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ קֶען יָא זֶען. מוֹהַרְ"אַ"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן עָשִׁי"ר: עֵ'ינַיִם, שִׁ'נַּיִם, יָ'דַיִם אוּן רַ'גְלַיִם, אַ מֶענְטְשׁ בַּאפְט נִישְׁט ווִי רַייךְ עֶר אִיז, דָאס אַלֵיינְס אַז מֶען הָאט דִי אֵבָרִים גַאנְץ אִיז מֶען שׁוֹין רַייךְ.

### אַ סְגוּלָה בָּדוּק וּמְנוּסֶה

**אַ** מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מִיר: "הָאסְט עֶפֶּעס חִיזּוּק פַאר מִיר? עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט מִיט מַיין ווַייבּ, מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, מִיט מַיין פַּרְנָסָה", זָאג אִיךְ אִים: קוֹדֶם דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט יָא, דוּ לֶעבְּסְט, דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט! אוּן אַז דוּ וֶועסְט אָנְפַאנְגֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען דִי הִימְלֶען, דוּ וֶועסְט הָאבְּן נִסִּים.

**דָאס** אִיז אַ סְגוּלָה בָּדוּק וּמְנוּסֶה; וָוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבְּט אָן קוּמֶען צוּ אִים נִסִּים לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע!

**אִיךְ** בִּין עֶס אַלֶץ מַסְבִּיר מִיט אַ מָשָׁל ווִי אַזוֹי עֶס גֵייט צוּ מִיט מֶענְטְשְׁן;

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ חָכְמָה, ווִי מֶער דוּ דַאנְקְסְט אַ מֶענְטְשׁ - וֶועסְטוּ פַּארְדִינֶען! צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַאנְקְט אַלְץ זַיין גֶעשֶׁעפְטְס מַאן, אֵיין טָאג וֶוען דֶער גֶעשֶׁעפְטְס מַאן וֶועט שׁוֹין וֶועלְן פַּארְמַאכְן זַיין גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אוּן פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶר קֶען נָאךְ שְׁנֶעל עֶפֶּעס קוֹיפְן, וֶועט דֶער גֶעשֶׁעפְטְס מַאן עֶנְטְפֶערְן: "יָא, קוֹיף שְׁנֶעל וָואס דוּ דַארְפְסְט!"

**וֶוען** אִיךְ קוֹיף אֵיין אִין גְרָאסֶערִי בַּאדַאנְק אִיךְ זִיךְ אַלְץ פַאר'ן בַּעַל הַבַּיִת, אִיךְ זָאג אִים: "שְׁכֹּחַ", פְרֶעגְט מִיר אֵיינֶער: "וָואס בַּאדַאנְקְסְטוּ אִים, עֶר גֶעבְּט דִיר דָאס בְּחִנָּם?" זָאג אִיךְ אִים: "נֵיין, אִיךְ צָאל אִים, אָבֶּער אִיךְ דַאנְק אִים פַאר'ן עֶפֶענֶען דֶעם גְרָאסֶערִי, וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען עֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין גְרָאסֶערִי? וואוּ וָואלְט אִיךְ אַיינְגֶעקוֹיפְט עֶסְן?!"

**אַסַאךְ** מָאל דַארְף אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען צוּ טוֹבוֹת פוּן אַ מִקְוֶה אִיד אַז עֶר זָאל אִים אַרַיין לָאזְן נָאכְ'ן פַּארְשְׁפַּארְן, אוּן גֶעוֶועגְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁלִיסְל פוּן אַ פְּלַאץ קֶען עֶר שׁוֹין שְׁרֵייעֶן... נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער מִקְוֶה אִיד כַאפְּט אַרַיין פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶענְטְשְׁן שְׁטֵייעֶן אוּן רֶעדְן זִיךְ אָפּ: "דִי מִקְוֶה אִיז צוּ הֵייס", אַז עֶר מַאכְט עֶס קֶעלְטֶער, רֶעדְט מֶען זִיךְ וַוייטֶער אָפּ: "דִי מִקְוֶה אִיז נִישְׁט גֶענוּג הֵייס, מַאךְ עֶס הֵייסֶער", אַ צְוֵוייטֶער רֶעדְט זִיךְ אָפּ: "דִי שׁוּיעֶרְס זֶענֶען צוּ שְׁטֶעכֶעדִיג", אַז עֶר פַּארְרֶעכְט עֶס, רֶעדְט מֶען זִיךְ וַוייטֶער אָפּ: "דִי וַואסֶער קוּמְט צוּ שְׁטַייט", אוּן דִי מִקְוֶה אִיז נִישְׁט גֶענוּג זוֹיבֶער, וְכַדוֹמֶה, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן יֶעדְן אֵיינֶעם.

**וָואס** זָאל דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד - וָואס אִיז מַקְפִּיד יֶעדְן טָאג צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה - טוּן? עֶר דַארְף הָאבְן דִי שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן אַז וָואס אִיז מִיר אַ חִילוּק צִי דִי מִקְוֶה אִיז גֶענוּג זוֹיבֶער אָדֶער נִישְׁט, עֶס וֶועט זִיךְ סַיי ווִי גָארְנִישְׁט טוֹישְׁן, אוּן אַז אִיךְ וֶועל אִים שְׁטֶעכְן וֶועל אִיךְ גָארְנִישְׁט פַּארְדִינֶען, אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשׁ צוּגֵיין צוּם מִקְוֶה אִיד אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען: "שְׁכֹּחַ, דִי מִקְוֶה אִיז אַזוֹי פֵיין, דִי מִקְוֶה אִיז אַ מְחַיֶה, דִי מִקְוֶה אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק". וֶועסְטוּ זֶען ווִי זַיין הַארְץ וֶועט זַיין אָפְן פַאר דִיר, עֶר וֶועט דִיר זָאגְן: "קֶענְסְט אַרַיין גֵיין אִין מִקְוֶה, אוּן דָא הָאסְטוּ אַ הַאנְטוּךְ!"

**וֶוען** אִיךְ נֶעם אַ קַאר צוּ פָארְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן זָאג אִיךְ אַלְץ פַאר'ן דְרֵייוֶוער: "שְׁכֹּחַ", פַארְוָואס? אִיךְ צָאל דָאךְ אִים נַיין דָאלֶער? אָבֶּער עֶס קוּמְט זִיךְ אִים אַ שְׁכֹּחַ פַאר'ן אוֹיפְהֵייבְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן קוּמֶען מִיר אָפְּנֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶערוּפְן אַזוֹיפִיל קָאמְפֶּענִי'ס אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט יֶעצְט קַיין קַאר פַאר מִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין כִּמְעַט גֶעדַארְפְט אָנְהֵייבְן צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף מַיין וַוייבּ:

"פַארְוָואס אִיז נִישְׁטָא קַיין קַאר'ן..." עֶנְדְלִיךְ הָאט אֵיינֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן גֶעקוּמֶען מִיר אָפְּנֶעמֶען, קוּמְט זִיךְ אִים אַ שְׁכֹּחַ! נָאכְדֶעם זֶעט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶר עֶפְנְט מִיר דֶעם טִיר פוּן דִי טְרָאנְק אוּן הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס נֶעמֶען דִי פֶּעקְלֶעךְ, פַארְוָואס? וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר אִים.

**דָאס** אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חָכְמָה, אוּן עֶס אַרְבֶּעט וואוּנְדֶערְלִיךְ, אַז מֶען דַאנְקְט קֶען מֶען נָאכְדֶעם אַלֶעס פוֹעֶל'ן. אַז אַן אַרְבֶּעטֶער וויל אַ הֶעכֶערוּנְג אִין גֶעהַאלְט, אָדֶער עֶלְטֶערְן ווילְן דִי קִינְדֶער זָאלְן צוּזַאמְנֶעמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג, - דַאנְק דֶעם בַּעַל הַבַּיִת, לוֹיבּ אוֹיס דֶעם קִינְד, וֶועט עֶר אַלֶעס טוּן פַאר דִיר.

**וֶוען** אִיךְ וויל מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן צוּזַאמְנֶעמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג רוּף אִיךְ זִיךְ אָן: "מַאמִי, עֶר אִיז אַזוֹי וואוּיל, קוּק ווִי עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע שְׁפִּילְצֵייג", אוּן עֶר הֵייבְּט טַאקֶע אָן צוּ צוּזַאמְנֶעמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג!

**אִיךְ** הָאבּ לִיבּ אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אַ חִיּוּת אִין דִי קִינְדֶער פוּן חֵדֶר, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת א, יח): "וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים" (עַיֵּין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, אוֹרַח חַיִּים חֵלֶק ב', הִלְכוֹת בִּרְכַּת הוֹדָאָה סִימָן ו, אוֹת נח). עֶפֶן אִיךְ אוֹיף דֶעם טִיר פוּן אַ כִּתָּה אוּן אִיךְ פְרֶעג דֶער מְלַמֵּד: "רֶבִּי, דִי קִינְדֶער זֶענֶען וואוּיל?" דִי מְלַמְּדִים ווייסְן שׁוֹין צוּ עֶנְטְפֶערְן: "אַזֶעלְכֶע וואוּילֶע קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט!" אוּן אוֹיבּ עֶר וויל מִיר עֶפֶּעס מְרַמֵּז זַיין לֵייגְט עֶר צוּ: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל ווִיסְן אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי דֶערְוַואקְסְן אַז זֵיי ווייסְן שׁוֹין וֶוען דֶער רֶבִּי רֶעדְט - רֶעדְט מֶען נִישְׁט אַרַיין", דָאס אִיז פַאר מִיר אַ סִימָן צוּ ווִיסְן אַז דָא אִיז דָא אַ אִינְגְל וָואס רֶעדְט יָא אַרַיין וֶוען דֶער רֶבִּי רֶעדְט, אָבֶער דֶער מְהַלֵּךְ אַרְבֶּעט אַז דֶער אִינְגְל זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן.

**פְּרוּבִּירְט** עֶס אוֹיס אִינְדֶערְהֵיים; עֶס אִיז דָא דִי וֶועג פוּן גֶעבְּן פֶּעטְשׁ אוּן שְׁרֵייעֶן וְכוּ', עֶס אִיז אַ שְׁנֶעלֶע וֶועג אָבֶער עֶס הֶעלְפְט נָאר אוֹיפְ'ן מִינוּט, אַז דוּ ווילְסְט פוֹעֶל'ן עֶפֶּעס בַּיי דַיין קִינְד דַארְפְסְטוּ אִים 'מְחַנֵּךְ זַיין', ווִי אַזוֹי? הֵייבּ אִים אוֹיף, גֶעבּ אִים כָּבוֹד, אוּן דַאנְק אִים.

**דָאס** אַלֶעס אִיז אַ מָשָׁל צְווִישְׁן אֵיין מֶענְטְשׁ מִיטְ'ן צְווֵייטְן, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶס פִיל מֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר"**, קוּמְט אַרָאפּ מֶער אוּן מֶער גוּטְס.

**אַז** אֵיינֶער פְרֶעגְט דִיר: "וָואס הֶערְט זִיךְ?" "וָואס אִיז נֵייעֶס?" "וָואס טוּט זִיךְ אִין אַמֶערִיקָא?" "וָואס טוּט זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?" - פַארְוָואס עֶנְטְפֶערְסְטוּ גָארְנִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?! עֶנְטְפֶער: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר".

**מֶענְטְשְׁן** וֶועלְן זִיךְ עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן טְרַאכְטְן: 'וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דִיר? הָאסְט עֶפֶּעס אַיינְגֶענוּמֶען הַיינְט...?' - עֶנְטְפֶער: "וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ מִיר. אִיךְ הָאבּ אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ אוֹיעֶרְן; אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, מַיין וַוייבּ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט". אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה, אַז מֶען זֶעט וִוי אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אַ פַּאזֶעטִיוְוקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַז** דוּ דַארְפְסְט גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דַיין טִיקֶעט קַיין אוּמַאן, אָדֶער דֶער דָאקְטֶער הָאט דִיךְ אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז דוּ אָדֶער דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט הַשֵּׁם יְרַחֵם, הֵייבּ אָן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט וֶועם דוּ רֶעדְסְט זָאג אִים: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר", וֶועסְטוּ זֶען וִוי עֶס וֶועט אָנְהֵייבְּן קוּמֶען צוּ דִיר שֶׁפַע אוּן יְשׁוּעוֹת, דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה!

**פַּארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ב) דִי אִידִישֶׁע גֶעוֶוער אִיז תְּפִלָּה, מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הַאלְטְן דֶעם שְׁוֶוערְד גְלַייךְ. זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם): "וּמִי שֶׁזָּכָה לַחֶרֶב הַזֶּה", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן דֶעם גֶעוֶוער, "צָרִיךְ לֵידַע אֵיךְ לִלְחֹם עִם הַחֶרֶב", דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ נוּצְן דֶעם גֶעוֶוער, "שֶׁלֹּא יַטֶּה אוֹתָהּ לְיָמִין אוֹ לִשְׂמֹאל", עֶר זָאל נִישְׁט בֵּייגְן דֶעם שְׁוֶוערְד נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס, נָאר דָאס הַאלְטְן גְרָאד אִינְמִיטְן; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר, אַזוֹי וִוי בַּיי אַ מִלְחָמָה וֶוען אֵיינֶער הַאלְט אַ גֶעוֶוער אִין זַיין הַאנְט דַארְף עֶר וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן דֶערְמִיט, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ תְּפִלָּה דַארְף מֶען וִויסְן וִוי אַזוֹי דָאס צוּ נוּצְן, עֶס דַארְף גֵיין פוּן בֵּיידֶע זַייטְן; תּוֹדָה וְהוֹדָאָה צוּזַאמֶען מִיט תְּפִלָּה.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ נָאר מִיט תְּפִלָּה, קֶען עֶר חַס וְשָׁלוֹם אַרַיין פַאלְן אִין אַ יֵאוּשׁ, 'קוּק, מַיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִילָּה אַרְבֶּעט נִישְׁט, מִן הַסְתַם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר', אָבֶּער אַז עֶר הֵייבְּט אָן מִיט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרֶעפְט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים, דָאס אַלֵיינְס עֶפְנְט אוֹיף זַיין הַארְץ צוּ קֶענֶען בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער! אוֹיךְ בַּאקוּמְט מֶען אַ טְרֵייסְט אוֹיסְצוּוָוארְטְן דִי יְשׁוּעָה, אוּן מֶען פַאלְט נִישְׁט אַרַיין אִין אַ דְחִיקַת הַשָּׁעָה, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה שָׁעָה דוֹחַקְתּוֹ", וֶוער עֶס שְׁטוּפְּט דִי צַייט, עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיסְוַוארְטְן זַיין יְשׁוּעָה, וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צֶעקְוֶועטְשְׁט.

**וויינען איז אַ זאַך וואָס 'קען' געשעהן, עס 'מוז' נישט געשעהן**

**מען** דאַרף נישט האָבן קיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אַז מען גייט צום ציון און מען קען נישט וויינען, עס עפּנט זיך נישט דאָס האַרץ, ווייל געוועהנליך דאָס אַליינס אַז מען וויל וויינען - שטערט מען זאָל נישט קענען וויינען, אַזוי זאָגט דער רבי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צה); וואָס קוקסטו אויף יענעם?! קוק נישט אויף דער עכטער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וואָס וויינט גלייך ווען ער הייבט נאָר זאָגן (תְּהִלִּים קאַפּיטל טז): "מִכְתָּם לְדָוִד", טראַכט נישט 'פאַרוואָס קען איך נישט זיין אַזוי ווי אים?' - וויינען איז אַ זאַך וואָס 'קען' געשעהן, עס 'מוז' נישט געשעהן.

**זַיי** זיך מִתְבּוֹדֵד אויף דיין שטייגער, און אויב דו קענסט נישט מאַכן קיין הִתְבּוֹדְדוּת, האָט דער רבי אויף דעם אויך אַן עֵצָה, דער רבי זאָגט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צו): אויב מען קען נישט רעדן צום אייבערשטן זאָל מען זאָגן די ווערטער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם", זאָג איבער די דריי ווערטער אֲפִילוּ טויזנט מאָל: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם". און אויב דו קענסט אֲפִילוּ נישט זאָגן "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם", זאָגט דער רבי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "אַף־עַל־פִּי־כֵן זֶה בְּעַצְמוֹ טוֹב מְאֹד, דְּהַיְנוּ הַהֲכָנָה שֶׁהוּא מוּכָן וְעוֹמֵד לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, וְחָפֵץ וּמִשְׁתּוֹקֵק לְדַבֵּר, אַךְ שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל, זֶה בְּעַצְמוֹ גַּם־כֵּן טוֹב מְאֹד", דאָס אַליינס אַז מען וויל און מען גליסט צו רעדן צום אייבערשטן, איז אויך גוט. גיי צום ציון, זאָג די צען קאַפּיטלעך תְּהִלִּים, און רעד אַפּאָר ווערטער צום אייבערשטן.

**נייעס וואַרפט אַריין דעם מענטש אין אומזיסטע פְּחָדִים**

**פְּרִיער** טרעף איך אַ אינגערמאַן, איך זע ווי ער זעט אויס דערשראָקן צום טויט, פרעג איך אים: "וואָס גייט פאָר?" פרעגט ער מיר: "ראֹשׁ יְשִׁיבָה עס גייט טאַקע גאָרנישט זיין מיט די מִלְחָמָה?" האָב איך אים געזאָגט: "וואו מִלְחָמָה, וואָס מִלְחָמָה, וואָס זעסטו?! מאַך צו דיין טעלעפאָן ביז דו קומסט אַהיים פון אומאַן, וועט נישט זיין קיין מִלְחָמָה!"

**פַאַרְוואָס** דאַרפסטו אַ טעלעפאָן? עס איז אַ פּשוּטֶ'ע עֶדִיקְשָׁאָן (צוגעבינדענקייט), וואָס גייט דיך אָן אַז אין לאָנדאָן איז די מַלְכָּה געשטאָרבן און עס איז אַרויף די פּרייז פון אויל, און וואָס עס טוט זיך אין צָפוֹן קאָריע. וואָס האָבן די אַלע זאַכן מיט דיר?! דיין לעבן איז דיר אַזוי ביטער אַז דו מוזט אַ גאַנצן צייט טראַכטן פון אַנדערע זאַכן פון וואָס צו האָבן אַ לעבן?!

**מֵילָא** דו רעדסט פון נייעס פון די מְדִינָה וואו דו וואוינסט, לְמָשָׁל ביי אונז אין ברוּקלין רעדט מען אין די נייעס אויב מען וועט שוין קענען צוריק אָנהייבן טרינקען קאַווע אין פּאָום קאָפּ'ס, אָדער

מֶען װעט דַארְפְן נוּצְן די פַּאפִּירֶענֶע קָאפְּ'ס, קֶען מֶען נָאךְ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל די זַאכְן זֶענֶען נוֹגֵעַ פַאר דיר, אָבֶער סְתַּם נַייעֶס איז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הֶערְן. עֶנְדֶערְשׁ גֵיי אין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַבִּיסְל דַאוֶוענֶען און לֶערְנֶען. אֲפִילוּ די נַייעֶס פוּן די מִלְחָמָה צְווישְׁן רוּסְלַאנְד און אוּקְרֵיינָא איז נִישְׁט גוּט צוּ הֶערְן, פוּן חוֹדֶשׁ אֲדָר הֶער אִיךְ אוֹיס וָואס זֵיי זָאגְן כְּדֵי צוּ װיסְן אוֹיבּ מֶען װעט קֶענֶען פָארְן צוּם רֶבִּי'ן און ווי אַזוֹי צוּ פָארְן, אָבֶער סְתַּם הֶערְן די נַייעֶס איז נִישְׁט כְּדַאי, עֶס וַוארְפְּט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אין אוּמְזִיסְטֶע פְּחָדִים.

מִיר הָאבְן גֶעעֶפְנְט אין אַמֶעריקָא אַ שְׁטֶעטְל; די בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִיר אַז עֶס איז אַ שְׁטִיקְל פְּרָאבְּלֶעם דָארְט צוּ וואוֹינֶען, וַוייל מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן קוּקְן אין שְׁפִּיגְל. אין שְׁטָאט - ווי נָאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן הוֹיז פַארְגֶעסְטוּ דַיין נָאמֶען... מֶען גֵייט און מֶען קוּמְט, עֶס טוּט זִיךְ נַייעֶס, אָבֶער אין שְׁטֶעטְל איז גָארְנִישְׁט דָא, ווינְטֶער װֶערְט שׁוֹין זֶעקְס אַזֵייגֶער נַאכְט און עֶס איז מֶער נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן.

**אֶפְשָׁר** זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶעשְׁן דַיין טֶעלֶעפָאוֹן פַאר אֵיין טָאג? דוּ װֶעסְט זֶען ווי פְרֵיילִיךְ דוּ װֶערְסְט, דוּ װֶעסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶעבְּן. בֶּעט דָאס בַּיים צִיּוּן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן די נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ וויל אָנְהֵייבְּן צוּ כַאפְּן װֶער 'אִיךְ' בִּין, אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען אַװֶעק צוּ לוֹיפְן צוּ די נַייעֶס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב, מִיט מַיין פַּרְנָסָה, מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה, מִיט מַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, מִיט מַיין חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא".

**וָואס קֶען אִיךְ טוּן פַאר הַפָּצָה?**

**יֶעדֶער** דַארְף טְרַאכְטְן: 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן פַאר הַפָּצָה אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל וויסְן פוּן די זִיסֶע לֶעבְּן, און נָאךְ אַ אִיד זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, פַארְוָואס זָאל נָאר אִיךְ וויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער איז מִיט מִיר און מֶען קֶען לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען אָן קַיין לַחַץ, לָאמִיר דָאס אַרַיין בְּרֶענְגֶען אין די גַאנְצֶע װֶעלְט'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֶבִּי זָאל מְתַקֵּן זַיין אוּנְזֶער נֶפֶשׁ רוּחַ און נְשָׁמָה, און מִיר זָאלְן פּוֹעֶלְ'ן אַ גוּט יָאר און אַ זִיס יָאר, אָמֵן.

**דִּבְּרוֹת קוֹדֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִין עִיר הַקוֹדֶשׁ אוּמַאן יע"א.**

אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוָונֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָּארְגֶעלֶערְנְט אַ שְׁטִיקְל פוּן סֵפֶר הַקָדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פָּארְגֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן אִינֶעווֵייניג. מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס דָא אִין קוּרְצְן:

**דֶער** רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בְּשַׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ וַואלְד צְווֵיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַ אִינְגֶל אוּן אַ מֵיידְל פוּן פִיר פִינְף יָאר, דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעווֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**הָאט** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן גֶעשִׁיקְט אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם בֶּעטְלֶער אַז זֵיי ווִילְן מִיט גֵיין מִיט אִים, הָאט דֶער בֶּעטְלֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר וויל זֵיי נִישְׁט מִיט נֶעמֶען, עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי ווִי אִים, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַבִּיסְל בְּרוֹיט אוּן אַוֶועק פוּן זֵיי. וֶוען דִי בְּרוֹיט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט הָאבְּן דִי קִינְדֶער ווִידֶער גֶעווֵיינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ בֶּעטְלֶער.

**אַזוֹי** הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט זִיבְּן מָאל, יֶעדֶעס מָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בֶּעטְלֶער; אַ בְּלִינְדֶער, אַ טוֹיבֶּער, אֵיינֶער וָואס שְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד, מִיט אַ קְרוּמֶע הַאלְז, מִיט אַ הוֹיקֶער, אָן הֶענְט אוּן אָן פִיס.

### רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:**

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט אִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי מֶען זֶעט אִין דִי מַעֲשֶׂה ווִי דִי צְווֵיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְלוֹירְן אִין וַואלְד, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג, הָאבְּן זֵיי גֶעווֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן גֶעשִׁיקְט דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.

### תְּפִלָּה הֶעלְפְט - אָבֶּער אִיךְ דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן

**מֶען** דַארְף אָבֶּער ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, בְּרַחֲמִים

וּבְתַחֲנוּנִים, נִישְׁט מִיט חוּצְפָּה, אוּן אַז מֶען זֶעט נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה קוּמֶען, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, כְּעָנִי בְּפֶתַח, אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן בֶּעט מִיט אַ צֶעבְרָאכֶענֶע הַארְץ.

**פִּיל** מָאל הֶער אִיךְ פוּן מֶענְטְשְׁן זֵייעֶרֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, זָאג אִיךְ זֵיי: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", זָאגְט מֶען צוּרִיק מִיט אַ בִּיטֶערְקֵייט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן", מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן אַז דִי עֵצָה אַרְבֶּעט נִישְׁט, אָדֶער דִי עֵצָה אַרְבֶּעט נִישְׁט בַּיי מִיר, אוֹיךְ הֶער אִיךְ פוּן מֶענְטְשְׁן זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז זֵיי קוּמֶען מֶער נִישְׁט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶועןְ אִין אוּמַאן אוּן עֶס הָאט סֵיי וִוי גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גוּט יָאר. עֶס בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע אוֹיסְדְרוּקְן, - וָואס הֵייסְט דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעבֶּעטְן? וָואס הֵייסְט אַז תְּפִלָּה הֶעלְפְט נִישְׁט? וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד אַזוֹי זָאגְן?! חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן!

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אִין מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה (ד.) דָרְיָוֶשׁ אִיז גֶעוָוארְן אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער קֶענִיג, וַוייל עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט פַּארְ'ן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, בִּתְנַאי דִי כֹּהֲנִים זָאלְן דַאוֶונֶען: "לְחַיֵּי מַלְכָּא וּבְנוֹהִי", דֶער קֶענִיג מִיט זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן, אוּן וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעטוּן דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן נָאר פַּאר זַיין הֲנָאָה אִיז עֶר נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא: מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעלֶערְנְט, אוֹיבּ אֵיינֶער גֶעבְּט צְדָקָה - "בִּשְׁבִיל שֶׁיִּחְיוּ בָנַי", אַז זַיין קִינְד זָאל לֶעבְּן, זַיין קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אָדֶער כְּדֵי עֶר זָאל בַּאקוּמֶען גַן עֵדֶן, "הֲרֵי זֶה צַדִּיק גָּמוּר" אִיז עֶר אַ גַאנְצֶער צַדִּיק! עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "כַּאן בְּיִשְׂרָאֵל, כַּאן בַּגּוֹיִם"; אַ אִיד, וֶוען עֶר טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַּאר אִים אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, "אֵינוֹ קוֹרֵא לוֹ תַּגָּר", הָאט עֶר נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֶלָּא תּוֹלֶה הַיִּסּוּרִים בַּעֲוֹנוֹ", עֶר הֶענְגְט אָן דָאס וָואס פַּאסִירְט - אִין זַיינֶע עֲבֵירוֹת (רַשִׁ"י, שָׁם).

**אַז** מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן מֶען וַוארְט נָאכְאַלְץ אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, זָאגְט מֶען נִישְׁט: "עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אוּמַאן", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט צוּ מַיינֶע תְּפִילּוֹת", נָאר מֶען טוּט תְּשׁוּבָה. אַ גוֹי וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וָואס עֶר בֶּעט אוּן וַוארְט דֶערוֹיף - הָאט עֶר טַעֲנוֹת אוּן עֶר וֶוערְט בְּרוֹגֶז.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: וֶוען אַ גוֹי רֶעגְט זִיךְ אוֹיף אַז עֶפֶּעס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, צוּם עֶרְשְׁט שֶׁעלְט עֶר מִיט קְלָלוֹת נִמְרָצוֹת זַיין אָפְּגָאט... - אַ אִיד הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז זִיכֶער דַארְף עֶר תְּשׁוּבָה טוּן.

### ווי אַזוי גֶעבְּט מֶען שַׁבָּת דֶעם פְּרוּטָה לִצְדָקָה?

**אַגַב הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית". שַׁבָּת קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה, זָאל מֶען 'אִינְזִין הָאבְּן' בְּשַׁעַתְ'ן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אַז מֶען וֶועט גֶעבְּן צְדָקָה נָאךְ שַׁבָּת.

### אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ מֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי וִוי עֶר וִויל. "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יִתֵּן, וְאִם לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז נִישְׁט. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְּזֵלָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ', הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִילָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנְ'ען אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִלַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

**פַאר** מִיר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט בֵּייגֶעפַאלְן צוּ זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן', פַארְקֶערְט, אִיךְ טְרַאכְט אֵייבִּיג 'אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ מֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

### זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען יָא

**מֶען** דַארְף וִויסְן אַז זִיךְ 'אוֹיסְרֶעדְן' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, ווידֶער זִיךְ 'אָפְּרֶעדְן אוּן קְלָאגְן' אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ. 'אָפְּגֶערֶעדְט' אוּן 'אוֹיסְגֶערֶעדְט' זֶענֶען צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן.

אָפְּרֶעדְן טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיף גָארְנִישְׁט; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת דַארְף עֶר וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן חַס וְשָׁלוֹם, מֶען דַארְף וִויסְן אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - דָאס אִיז גוּט, מֶען דַארְף זִיךְ חַזֶר'ן דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים לב, ד): "הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, קֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט.

**אוֹיסְרֶעדְן** צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס דַארְף מֶען יָא טוּן, דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה וָואס צַדִּיקִים טוּעֶן, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת רֶעדְן זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הַכְנָעָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי פְרֶעגְן קֵיינְמָאל נִישְׁט: "פַארְוָואס?" זֵיי וֵוייסְן אַז דָאס קוּמְט זֵיי, דֶערְפַאר לֶעבְּן זֵיי שְׁטֶענְדִיג מִיט תְּשׁוּבָה. זֵיי טוּעֶן תְּשׁוּבָה, זֵיי נֶעמֶען זִיךְ פָאר אַלֶעם צוּ פַארֶרעכְטְן, דֶער צַדִּיק בֶּעט בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים.

## שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלֶב

**דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א** גֶעזָאגְט: אַזוֹי וִוי מֶען אִיז זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ 'תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' פוּן אַלֶע לֶענְדֶער פוּן דִי וֶועלְט, דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת.

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ פְּלַאץ וואו מֶען זָאל לֵייגְן אַזַא דְגוּשׁ אוֹיף 'שָׁלוֹם בַּיִת' וִוי בַּיים רֶבִּי'ן, 'שָׁלוֹם בַּיִת' אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלֶב.

**אַ** אִינְגֶערְמַאן וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן בַּיינַאכְט, אִיז עֶס אַ מוֹרָא'דִיגֶע קַשְׁיָא. מֵילָא אַ בָּחוּר אִיז דָאךְ אַ רַחְמָנוּת, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט וואו צוּ גֵיין, וואו זָאל עֶר גֵיין? דְרֵייְדְט עֶר זִיךְ בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן.

**מֶען** דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז נִישְׁט אַלֶע בָּחוּרִים זֶענֶען אַ רַחְמָנוּת, עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס מֶען טְרָאגְט זֵיי אָן שִׁידוּכִים אוּן זֵיי זָאגְן אָפּ אֵיינֶע נָאךְ דִי אַנְדֶערֶע, וַוייל קַיין אֵיינֶע פַּאסְט נִישְׁט פַאר זֵיי. דִי זֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס שׁוּלְדִיג! ווילַאנְג לֶעבְּט דֶען אַ מֶענְטְשׁ, זִיבְּן הוּנְדֶערְט יָאר? מֶען לֶעבְּט בְּלוֹיז זִיבֶּעצִיג יָאר, מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, אוּן בְּרֶענְגֶען דוֹרוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט.

**אָבֶּער** אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, וָואס זוּכְסְטוּ אִינְדְרוֹיסְן? גֵיי אַהֵיים! אַז דוּ ווילְסְט עֶרְגֶעץ גֵיין - גֵיי מִיט דַיין ווייבּ! וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דִיר אַז דוּ זוּכְסְט צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ? דָאס אַז דַיין ווייבּ הָאט נִישְׁט קַיין חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אִיר, עֶס הָאט נָאר מִיט דִיר! טוּ תְּשׁוּבָה, וָוארְף

אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאון, וֶועט זִי בַּאקוּמֶען חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן.

**דִי בֶּעסְטֶע טֶערֶעפִּי פַאר אַ פְרוֹי - אִיז אִיר מַאן**

**אַ** אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט מִיר: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מַיין וַוייבּ דֶערְצֵיילְט מִיר אַלְטֶע וַוייטָאג פוּן אַלְס קִינְד, אוּן זִי וַויינְט אַ גַאנְצְן טָאג?" זָאג אִיךְ אִים, דַארְפְסְט גָארְנִישְׁט טוּן, הֶער אִיר אוֹיס אוּן וַוייז אִיר מִיטְגֶעפִיל, זָאל זִי דִיר אַרוֹיסְגֶעבְן אִיר גַאנְצֶע וַוייטָאג, אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִיר פוּן אִיר יוּגְנְט, וֶועט זִי וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶע פְרוֹי, אוּן זִי וֶועט מֶער נִישְׁט וַויינֶען.

**דִי** בֶּעסְטֶע טֶערֶעפִּי פַאר אַ פְרוֹי - אִיז דֶער מַאן, אַ מַאן קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין וַוייבּ זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע אַלְטֶע וַוייטָאג פוּן אַלְס קִינְד, פוּן שְׁטוּבּ אוּן פוּן שׁוּלֶע, מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן אוּן לָאזְן אוֹיסְרֶעדְן - אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

**אַנְשְׁטָאט** זָאגְן 'מַיין וַוייבּ הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם', 'מַיין וַוייבּ הָאט אַן עָבָר', מַיין וַוייבּ הָאט 'אִישׁוּ"ס', אוּן אִיר שִׁיקְן צוּ טֶערֶעפִּי, זַיי דוּ אִיר טֶערֶעפִּיסְט, הֶער אוֹיס אִיר גֶעוֵויין אוּן אִירֶע מַעֲשִׂיּוֹת, וֶועט זִי וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶע פְרוֹי.

**זָאג אִיר נִישְׁט מוּסָר בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה**

**עֶס** אִיז וִויכְטִיג צוּ וִויסְן אַז וֶוען דִי וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער קֶען מֶען אִיר נִישְׁט דֶעמָאלְט זָאגְן מוּסָר אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה דַארְף מֶען צוּהֶעלְפְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פָאלְגְן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, קֶען מֶען אִיר בַּארוּאִיגְן אַז בֶּאֱמֶת זֶענֶען דִי קִינְדֶער וואוּיל, זַיי ווִילְן זַיין גוּט, אוּן מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ זַיי אָן שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

**נָאכְדֶעם** הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "שַׁבַּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ".

**דִּבְרוֹת קוֹדֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִין עִיר הַקּוֹדֶשׁ אוּמַאן יע"א, בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית.**

**אֵיידֶער** דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר".

**אִינְמִיטְן** דֶעם שִׁיעוּר הָאט זִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי קִינְדֶער: "קִינְדֶער, זִיצְט שׁוֹין פַּאר אַפָּאר מִינוּט, מֶען גֵייט נִישְׁט רֶעדְן לַאנְג; אִיר וֶועט הֶערְן שֵׁיינֶע זַאכְן ווִי אַזוֹי אִיר וֶועט קֶענֶען אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים".

### דֶעם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** שְׁבַח הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, אוּן טוּן דִי ווִילְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג) אַלֶע דַארְפְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער שְׁוֶוער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז מִיר זֶענֶען דָא.

**דִי** וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, 'וָואס?! הַיי יָאר פָּארְט מֶען אוֹיךְ קַיין אוּמַאן, עֶס אִיז דָאךְ אִינְמִיטְן אַ מִלְחָמָה?!' - גֵיי זַיי מַסְבִּיר פַאר מֶענְטְשְׁן דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס מִיר הָאבְּן צוּם רֶבִּי'ן! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דְרַיי כִּיתּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּ מִיר, אֵיין כִּתָּה וָואס הָאבְּן לִיבּ מַיין תּוֹרָה, אֵיין כִּתָּה וָואס קוּמֶען עֶסְן קוֹילִיטְשׁ אוּן אַ דְרִיטֶע כִּתָּה וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין הַארְץ", - דָאס גֵייט אוֹיף בֵּיידֶע וֶועגְן, סַיי 'אִיךְ בִּין אַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיי זֵיי אִין הַארְץ', אוּן סַיי 'זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיי מִיר אִין הַארְץ'. דֶערְפַאר, אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אִיז עֶס נִישְׁט פָּשׁוּט, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

**מִיר** שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר שָׁעָה פוּן שְׁנַת תשפ"ב, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ אַרַיין צוּ גֵיין אִין אַ נֵייעֶ יָאר, לָאמִיר זִיךְ אַבִּיסְל צַאמְנֶעמֶען אוּן מַאכְן אוּנְזֶערֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיבּ עֶר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן.

### מִיט'ן דֶרֶךְ הַלִּימּוּד קֶען מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אֲפִילוּ אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, מִיט אַלֶע מִינֵי תֵּירוּצִים וָואס אִיז נָאר דָא, -

וָוען איך בין געווען אין יְשִׁיבָה פְּלֶעגְט מֶען געבּן סוֹף וָואך אַ בְּחִינָה בִּכְתָב, [בּיי אוּנְז אין בְּרֶסְלֶב מַאכְט מֶען אויך בְּחִינוֹת, אָבֶּער אָן פַּחַד, אויב מֶען ענְטְפֶערְט נִישְׁט רִיכְטִיג איז גָארנִישְׁט, בּיי אוּנְז פַּארְלֵייגְט מֶען זיך בְּעִיקָר אַריין צוּ לֵייגְן אין די תַּלְמִידִים אַ פְרֵיילִיכְקֵייט און לִיבְּשַׁאפְט צוּ די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה], פְּלֶעגְן מִיר יֶעדֶע וָואך הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ פַּארְוָואס נִישְׁט צוּ דַארְפְן קֶענֶען די תְּשׁוּבוֹת, און עֶס איז בֶּאֱמֶת גֶעוָוען גוּטֶע תֵּירוּצִים, ווי איך הָאבּ גֶעהַאט אַ חֲתוּנָה, איך בּין גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט, איך הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין חַבְרוּתָא; וָוער רֶעדְט נָאך בּיי חֲזָרָה הָאט מֶען שׁוֹין בִּכְלָל נִישְׁט גֶעדַארְפְט קֶענֶען, ווייל אויב איך הָאבּ גֶעפֶעלְט בּיים פַּארְלֶערְנֶען הָאבּ איך דָאך נִישְׁט וָואס צוּ חַזֶר'ן... מַיין מַגִּיד שִׁיעוּר פְּלֶעגְט זָאגְן: "שַׁעֲרֵי תֵּירוּצִים לֹא נִנְעָלוּ"... - קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי און לֵייגְט אַלֶע תֵּירוּצִים אין דֶער זַייט, דֶער רֶבִּי זָאגְט: נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, נֶעם אַ גְמָרָא, און הֵייבּ אָן זָאגְן די וֶוערְטֶער, אָן קֵיין פַּארְשְׁטַאנְד, אָן קֵיין טַעַם, אָן קֵיין רַאם, און אֲפִילוּ אָן קֵיין עִבְרִי.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): אויב אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זיך מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כָּךְ וְכָךְ" וֶועט עֶר וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס איז זֵייעֶר ווייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן און עֶר איז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אין אַמֶעריקֶע רוּפְט מֶען עֶס: 'עֶר איז עֶדִיקְטֶעד (צוּגֶעבּינְדְן) צוּ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן', מֶען טְרַאגְט אים שׁוֹין פוּן אֵיין טֶערֶעפִּי צוּם צְווֵייטְן טֶערֶעפִּי, פוּן אֵיין חָכָם, פוּן אֵיין חֶעלְעמֶער גוֹלֶם צוּם צְווֵייטְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם): "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויב וֶועט עֶר זיך מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כָּךְ וְכָךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווייל די כֹּחַ פוּן תּוֹרָה איז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**דָאס** גֵייט נָאר אויב מֶען לֶערְנְט מִיט'ן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, מֶען לֶערְנְט בִּגְירְסָא, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטַאנְד, ווייל אויב מֶען לֶערְנְט נָאר וָוען מֶען פַארְשְׁטֵייט, איז דָא אַסַאךְ טֶעג וָואס מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, אֵיין טָאג קֶען דֶער חַבְרוּתָא נִישְׁט קוּמֶען, אֵיין טָאג איז מֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּט, אֵיין טָאג איז מֶען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס. הַיי יָאר זֶענֶען אֲפִילוּ די אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע אִידְן גֶעפָארְן כִּמְעַט די זֶעלְבֶּע לַאנְגֶע נְסִיעָה קֵיין אוּמַאן ווי מִיר אִידְן פוּן אַמֶעריקֶע, זֵיי הָאבְּן זיך אויך גֶעדַארְפְט שְׁלֶעפְּן פוּן אֵיין מְדִינָה צוּם

צְוֵויטְן. וואו קֶען מֶען אִין אַזֶעלְכֶע טֶעג לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג מִיטְ'ן גַאנְצְן פַּארְשְׁטַאנְד?! אָבֶער מִיטְ'ן דֶרֶךְ הַלִּימוּד קֶען מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אָן אוֹיסְנַאם, קֶענְסְט זִיצְן אוֹיפְ'ן בָּאס, אוֹיפְ'ן בַּאן און גוֹרֵם זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

### דו גֵייסְט וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ

אִין יְשִׁיבוֹת מַאכְט מֶען לֵיצָנוּת פון בָּחוּרִים, מֶען שִׁיקְט יֶעדְן בָּחוּר צו הִילְף, און בֶּאֱמֶת אִיז טַאקֶע דָא פְּרָאבְּלֶעמֶען; אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַפָּאר יָאר פְּרִיעֶר, וַוייל מַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט מִיר, וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַפָּאר יָאר שְׁפֶּעטֶער וָואלְט מֶען מִיר זִיכֶער גֶעטְרָאגְן צו אַלֶע טֶערֶעפִּי'ס. דֶעמָאלְט אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען, אַז אַ קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים לֶערְנֶען הָאט מֶען זִיךְ גֶעדַארְפְט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן "דֶער קִינְד הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם", אוֹיסֶער אוֹיבּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן נִישְׁט גֶעזוּנְט - הָאט מֶען אִים גֶעטְרָאגְן צו הִילְף, און פַאר פֶערְצִיג יָאר צוּרִיק אִיז דָאס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען, אַלֶע נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלֶערְנְט צוּזַאמֶען מִיט יֶעדְן. הַיינְט אִיז אַ וֶועלְט וָואס יֶעדֶער הָאט אַ נָאמֶען פון אַ פְּרָאבְּלֶעם, אֵיינֶער הָאט א"ו ס"י ד"י, אַ צְוֵוייטֶער הָאט עֶ"י ד"י עֶי"טְשׁ ד"י, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלֶע נֶעמֶען פון עֶ"י בּ"י ס"י'ס וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן.

הֶערְט אַן עֵצָה וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט, מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן טוֹיזְנְטֶער דָאלַארְן פַאר טֶערֶעפִּי, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת און הֵייבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, דו גֵייסְט וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ און דו גֵייסְט וֶוערְן אַ צַדִּיק! גְלֵייבּ אִין רֶבִּי'ן, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אִין אֵיין טָאג, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אִין אֵיין וָואךְ און אִין אֵיין חוֹדֶשׁ, אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט צו דו גֵייסְט וֶוערְן גֶעזוּנְט און דו גֵייסְט וֶוערְן אַ צַדִּיק!

אַז דַיין קִינְד הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר הָאט פְּחָדִים און קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, גֶעבּ אִים צו זָאגְן אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶועלְן אַוֶועק גֵיין, תּוֹרָה הֵיילְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ.

### פָּאלְג דֶעם דָאקְטֶער

אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן לָאמִיר פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, לָאמִיר זִיךְ מַאכְן אַ פְּרִישֶׁע קַבָּלָה, לָאמִיר נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס טֶערֶעפִּי, דֶעם רֶבִּינְ'ס טְרִיטְמֶענְטְס (טְפּוּלִים). 'אִיךְ גֵיי יֶעדְן טָאג נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת', אַז מֶען קֶען זָאגְן 'אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת' אִיז זִיכֶער גוּט, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער קֶען בַּאוַוייזְן, מֶען קֶען עֶס אָנְקוּקְן וִוי מֶען הָאט מִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַ נָארִישְׁקֵייט, 'אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן אַכְצְן

פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, "עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא!" (לְשׁוֹן רַבֵּינוּ בְּסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א'), מֶען קֶען עֶס יָא בַּאוַוייזְן!

**אֲפִילוּ** אֵיינֶער וָואס זָאגְט 'אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת', - זָאג כָאטְשׁ אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, צְוַויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן אֵיין בְּלַאט גְּמָרָא, דַארְפְסְט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, זָאג בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער, מִיט דִי צַייט וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק! [בְּרַבִּים פְלֶעגְט נִישְׁט מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְן פוּן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, עֶר הָאט גֶערֶעדְט נָאר פוּן אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, פוּן צְוַויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוֹיסֶער וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט אִין יְשִׁיבָה צוּ דִי בָּחוּרִים פְלֶעגְט עֶר יָא רֶעדְן אַז אַ בָּחוּר זָאל זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת].

**'אָבֶּער** אִיךְ בִּין צוּגֶעבִּינְדְן צוּ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וִוי אַזוֹי קֶען מִיר דִי תּוֹרָה הֵיילְן?!' - דוּ פַארְשְׁטֵייסְט טַאקֶע נִישְׁט וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֵיילְן אָבֶּער פָאלְג דֶעם דָאקְטֶער, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, זָאג 'מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא' וֶועסְטוּ זֶען וָואס דִי תּוֹרָה וֶועט מַאכְן מִיט דִיר.

**מִיר** הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע תּוֹרָה, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּפְצְן שִׁיעוּרִים אוּן אוֹיךְ אַלֶע סִפְרֵי רַבֵּינוּ, אָבֶּער דִי צְוַויי לִימוּדִים זֶענֶען אַן עִיקָר, מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא. דִי אִיבְּרִיגֶע לִימוּדִים וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער אֵיינֶער אַלֵיינְס אָנְקוּמֶען צוּ וָואס עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען, אָבֶּער אָנְהֵייבְּן הֵייבְּט מֶען אָן מִיט 'מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא', דָאס טוּישְׁט אַ מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן!

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְבֵּיי גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן (פוּן הָאַדְמוֹ"ר מִשְׁטֶעפִּינֶעשְׁט זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה)

"**תּוֹרָה** תּוֹרָה תּוֹרָה תּוֹרָה תּוֹרָה, תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה. תּוֹרָה תּוֹרָה תּוֹרָה תּוֹרָה תּוֹרָה, תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה. אַבַּיֵי וְרָבָא, אַבַּיֵי וְרָבָא אַבַּיֵי וְרָבָא, קַדִּישָׁא. אַבַּיֵי וְרָבָא, אַבַּיֵי וְרָבָא אַבַּיֵי וְרָבָא, קַדִּישָׁא".

### וָואס אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד?

**אִיךְ** וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט גֶעהַאלְטְן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ דֶערְצֵייל עֶס אַסַאךְ מָאל, ווַייל דִי מַעֲשֶׂה אִיז בַּיי מִיר מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב. עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַ לְחַיִּים פוּן אַ שִׁידוּךְ שְׁלִיסְן פוּן אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בַּיי דִי לְחַיִּים הָאט זִיךְ דֶער שַׁדְכָן אָנְגֶערוּפְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ: "דֶער חָתָן אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, עֶר פָארְט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה!" מוֹהֲרָא"שׁ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דֶעם, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר דוּרְךְ פָארְן קַיין אוּמַאן! אִין אוּמַאן דַארְפְן אַלֶע אִידְן זַיין". - וֶוען נִישְׁט דִי רֶבִּי'ס, דִי מְפֻרְסָמִים,

וָואס הָאבְּן מוֹרָא אַז זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן אָן מִנְיָן אוּן דֶערִיבֶּער הַאלְטְן זֵיי צוּרִיק זֵייעֶרע מֶענְטְשְׁן פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן, וָואלְט שׁוֹין גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל גֶעוֶועזְן אִין אוּמַאן, אוּמַאן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף אַ תִּיקוּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה) אַלֶע דַארְפְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "לֹא מִבָּעֲיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. - "וָואס דֶען אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד? וֶוער עֶס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא!"

**בְּרֶסְלֶבְ'עֶר** חֲסִידִים; הֶערְט נַייעֶ וֶוערְטֶער, וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב? 'בְּרֶסְלֶב' אִיז נִישְׁט אַ גֶעוִויסֶע וֶועג פוּן זִיךְ שָׁאקְלֶען, אַ גֶעוִויסֶע וֶועג פוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ בַּיים דַאוֶוענֶען; בְּרֶסְלֶב אִיז נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת!

### אַי אַי פְּרָאסְטִיק!

**אֵיינֶער** פְּרֶעגְט מִיר אַמָאל: אִיךְ הֶער אוֹיס דַיינֶע דְרָשׁוֹת, אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה דֶערְפוּן, אֵיין זַאךְ פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט, פַארְוָואס הַאלְסְטוּ דַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פְּלַאטְשִׁיק, פַארְוָואס לָאזְטוּ זֵיי נִישְׁט וֶוערְן אַבִּיסְל הֶעכֶער, דוּ רֶעדְסְט פוּן אַזֶעלְכֶע בֶּעבִּי'שֶׁע זַאכְן, פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, זָאגְן גְמָרָא אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, עֶס אִיז צוּ פָּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן... - בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גוּטֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן פָּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן!

**רֶבִּי נָתָן** דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד): "שֶׁעִקַּר מַה שֶּׁהִגִּיעַ לְמַדְרֵגָתוֹ, הוּא רַק עַל יְדֵי עִנְיַן 'פְּרָאסְטִיק'", דֶער רֶבִּי אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט וִוי אַ פְּרָאסְטַאק, "שֶׁהָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה וּמֵשִׂיחַ הַרְבֵּה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאָמַר תְּהִלִּים הַרְבֵּה בִּפְשִׁיטוּת", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, "וְעַל יְדֵי זֶה דַיְקָא הִגִּיעַ לְמַה שֶּׁהִגִּיעַ", אוּן נָאר אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַי אַי פְּרָאסְטִיק", עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּענְקְט צוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט. "גַּם אָמַר", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "שֶׁדִּבֵּר עִם כַּמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים", עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, "וְאָמְרוּ גַּם כֵּן", זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, "שֶׁלֹּא הִגִּיעוּ לְמַדְרֵגָתָם", זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרע מַדְרֵיגוֹת, "כִּי אִם עַל יְדֵי עִנְיַן פְּרָאסְטִיק", נָאר דוּרְךְ זִיךְ פִירְן וִוי אַ פְּרָאסְטַאק, פָּשׁוּט, "שֶׁעָסְקוּ בַּעֲבוֹדָתָם

בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּהִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, און אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְעַל יְדֵי זֶה הִגִּיעוּ לְמַה שֶּׁהִגִּיעוּ, אַשְׁרֵי לָהֶם", און נָאר אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען, וואוּיל אִיז זֵיי.

**מֶענְטְשְׁן** זוּכְן אַ פְּלַאץ וָואס זֶעט אוֹיס דֶערְהוֹיבְּן, אַז מֶען זֶעט אַ אִיד גֵייט אַיינְגֶעבּוֹיגְן, און דִי קָאפּ פַּאלְט אִים אוֹיף דִי זַייט וְכוּ', טְרַאכְט מֶען: 'אָה, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד!' - מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֲנָוָה, דָאס אִיז חֲנוּפָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצז): "כִּי בְּוַדַּאי אֵין זֶה מַעֲלַת הָעֲנָוָה לְהַרְאוֹת עַצְמוֹ בִּכְפִיפַת רֹאשׁ בְּדֶרֶךְ שְׁטוּת כְּאִלּוּ הוּא עָנָו, כִּי זֶה עֲנָוָה פְּסוּלָה, וְעִקַּר הָעֲנָוָה כְּשֶׁהִיא בְּחָכְמָה", נִישְׁט דָאס אִיז עֲנָוָה צוּ גֵיין מִיט אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם קָאפּ, עֲנָוָה אִיז בְּדַעַת, מֶען קֶען גֵיין מִיט אַ גְרַאדֶע אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶע קָאפּ און זַיין בַּיי זִיךְ צֶעבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. עֲנָוָה אִיז נִישְׁט קַיין זַאךְ וָואס מֶען זֶעט פוּן אִינְדְרוֹיסְן, עַיֵּין שָׁם.

**אִיךְ** וֶועל עֶנְק זָאגְן דֶעם אֱמֶת, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מִיר גֶעוֶוען שְׁוֶוער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ גוּטֶע חִינוּךְ, אָבֶּער דִי זַאךְ הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַ צַדִּיק דַארְף זַיין עֶפֶּעס אַ מָאדְנֶע מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ זַיין קָאפּ שְׁטֵייט גְרַאד און עֶר זִיצְט גְרַאד אוֹיפְ'ן בֶּענְקְל, אִיז דָאס נִישְׁט אַ צַדִּיק, אָבֶּער הַרְבֵּה עָבַר עָלַי בִּיז אִיךְ הָאבּ מַחְלִיט גֶעוֶוען, אִיךְ זֶע וֶוען אִיךְ קוּם צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הֵייבְּן זַאכְן זִיךְ אָן צוּ רִיקְן, אִיךְ לֶערְן חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, און גְמָרָא, מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט מִיר דָאס נִישְׁט אָן.

### תּוֹרָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע עֲבֵירוֹת

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אִין דִי גְמָרָא (כְּתוּבּוֹת עז), רַבִּי יוֹסֵי זָאגְט: עֶס אִיז דָא פִיר און צְוָואנְצִיג מִינֵי קְרֶעץ, אָבֶּער דֶער קְרֶענְק פוּן 'בַּעֲלֵי רָאתָן' אִיז שְׁוֶוערֶער פוּן אַלֶעס. רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל בַּעֲלֵי רָאתָן): "וָואס אִיז דָאס בַּעֲלֵי רָאתָן? - שֶׁרֶץ יֵשׁ לוֹ בְּמֹחוֹ"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף עֲבֵירוֹת. אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט צַאמְגֶעקוּקְט עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אַ שֶׁרֶץ אִין זַיין מֹחַ, זַיין גַאנְצֶע מֹחַ אִיז אֵיין זַאךְ - שְׁמוּץ, דֶער מֹחַ אִיז אִים אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט.

**דָאס** אִיז זֵייעֶר אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע קְרֶענְק וָואס מֶען קֶען עֶס אִיבֶּער כַאפְּן אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן, עַד כְּדֵי כָּךְ אַז רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן (שָׁם): "גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן דִי פְלִיגְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִי

מְענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דִי קְרֶענְק בַּעֲלֵי רָאתָן"; רֶבִּי זֵירָא אִיז נִישְׁט גֶעזִיצְן אוֹיף דִי זַייט ווָאוּ דִי ווִינְט בְּלָאזְט, אוֹיב זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי מַחֲלָה פוּן בַּעֲלֵי רָאתָן; רֶבִּי אֶלְיעֶזֶר אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין אַ הוֹיז אוֹיב אִיז דָארְט גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי מַחֲלָה פוּן בַּעֲלֵי רָאתָן; רֶבִּי אַמִי אוּן רֶבִּי אַסִי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקוֹיפְט אֵייעֶר וָואס מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט אוֹיף אַ גַאס וָואס דָארְט אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ מִיט דִי מַחֲלָה פוּן בַּעֲלֵי רָאתָן.

**זָאגְן** דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: אַז דֶער הֵיילִיגֶע צַדִיק רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט זִיךְ אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: "טֵייעֶרֶע אִידְן עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר עֶנְק, לֶערְנְט תּוֹרָה, נֶעם דִי גְמָרָא, נֶעמְט דִי אוֹתִיוֹת הַתּוֹרָה, וֶועט עֶטְס הָאבְּן אַ רְפוּאָה, אִיר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן עֶנְקֶער צוּגֶעבִּינְדֶערְנְקֵייט צוּ שְׁלֶעכְטְס". מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: 'הֵיתָכֵן עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי קְרֶענְק?' הָאט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אָנְצוּכַאפְּן דִי קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, ווַייל עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, יט): 'אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן', וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּאקוּמְט חֵן, 'אִם חֵן מַעֲלָה עַל לוֹמְדֶיהָ, אֲגוּנֵי לֹא מַגְנָא?!' אוֹיב בַּאקוּמְט מֶען חֵן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶס הִיט אָפּ פוּן אַלֶע קְרֶענְק".

**דָא** זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תּוֹרָה, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַ בַּעֲלֵי רָאתָן, עֶר הָאט אַ שֶׁרֶץ אִין קָאפּ, עֶר אִיז גֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן צֶעדְרֵייְדט פוּן עֲבֵירוֹת, אוֹיב נֶעמְט עֶר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְהֵיילְן.

**דִי** גְמָרָא דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער אַז דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים, אוּן עֶר אִיז אַרַיין גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין גַן עֵדֶן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט. ווִי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם? - ווַייל עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דִי הַשָּׂגָה אִין אֲנָשִׁים שְׁפָלִים, מֶענְטְשְׁן וָואס קֵיינֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעווָאלְט רֶעדְן מִיט זֵיי, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אַז תּוֹרָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע עֲבֵירוֹת.

**נֶעם** אַ מִשְׁנָיוֹת זָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, נֶעם דִי גְמָרָא זָאג בְּלֶעטֶער גְמָרָא, טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, בִּפְרָט מִיט בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים! וֶועסְטוּ זֶען בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן צוּ וָואס דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ צוּבְּרֶענְגֶען, דוּ וֶועסְט זֶען וָואס מִשְׁנָיוֹת וֶועט מַאכְן מִיט דִיר.

### פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט ווֵיינֶען?

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אוֹיסְנִיצְן דֶעם לֶעצְטְן טָאג פוּן יָאר אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, לָאמִיר גֵיין צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי. דִי אַלֶע וָואס קוּמֶען צוּם צִיוּן אוּן עֶרְוַוארְטְן צוּ קֶענֶען זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען, מֶען הָאט בִּלְבּוּלִים 'פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט ווֵיינֶען? אִיךְ ווִיל ווֵיינֶען אַזוֹי ווִי אִים', מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נָארִישׁ, זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ

תְּהִלִּים פָּשׁוּט. בְּעֶצֶם אִיז דֶער צִיּוּן אַ פְּלַאץ וָואס מַאכְט וֵויינֶען, מֶען בַּאקוּמְט אַן הִתְעוֹרְרוּת צוּ תְּשׁוּבָה, נָאר וָואס דֶען? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט: 'וֶוען גֵיי אִיךְ וֵויינֶען', 'וֶוען גֵיי אִיךְ וֵויינֶען', דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען וֵויינֶען, - אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צה).

**מֶען** דַארְף נִישְׁט וֵויינֶען, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ זָאג בְּלוֹיז דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]. אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל - קֶען עֶר אוֹיךְ זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ אַזַא לַאנְגֶע תְּפִלָּה, קֶען עֶר זָאגְן אַן אֵייגֶענֶע תְּפִלָּה: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָא צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן וַוייל אִיךְ וִויל מְתַקֵּן זַיין מַיינֶע עֲבֵירוֹת".**

**נָאכְדֶעם** אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אַ בָּחוּר בֶּעט אוֹיף אַ שִׁידּוּךְ: **"רֶבִּי, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּ דַיין צִיּוּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט, אִיךְ בִּין אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ, אִיךְ בִּין אַנְטְלָאפְן פוּן יְשִׁיבָה, מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידּוּךְ".**

## הֲנִשְׁמַע כָּזֹאת?! אַ בָּחוּר אִין חֵרֶם!

**דָא** אִיז דָא אַ בָּחוּר וָואס זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַ חֵרֶם, קַיין שׁוּם בָּחוּר טָאר נִישְׁט רֶעדְן מִיט דֶעם בָּחוּר, פַארְוָואס? וַוייל עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן! הֲנִשְׁמַע כָּזֹאת?! צוּלִיבּ דֶעם זָאל מֶען מַאכְן אַ חֵרֶם אוֹיף אַ בָּחוּר?! אַז מֶען טְרֶעפְט אַ בָּחוּר אַ מְנֻוָּל, וָואס לוֹיפְט נָאךְ אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיז מֶען עֶס מַשְׁתִּיק, וַוייל זַיין טַאטֶע אִיז דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל, עֶר גֶעבְּט אַפָאר טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי יְשִׁיבָה, אוּן אַז אַ בָּחוּר פָארְט קַיין אוּמַאן, וַוארְפְט מֶען אִים אַרוֹיס אוֹיפְ'ן גַאס?!

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט מִיר אָנְגֶעזָאגְט: "דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרוֹיס וַוארְפְן קַיין בָּחוּר פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ, חוּץ אוֹיבּ עֶר אִיז אַ קְרַאנְקֶער בָּחוּר וָואס לוֹיפְט נָאךְ אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים, אָדֶער עֶר רֶעדְט שְׁמוּצִיג, אַזַא אֵיינֶעם זָאלְסְטוּ שׁוֹין אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה. דָאס אִיז דַיין אַרְבֶּעט. אַנְדֶערֶע זַאכְן זָאלְן דִיךְ נִישְׁט בַּאדֶערְן".

**גֵיי** צוּם רֶבִּי'נְס צִיּוּן, וֵויין זִיךְ אוֹיס, זָאג פַארְן רֶבִּי'ן: **"אִיךְ דַארְף אַ שִׁידּוּךְ, אִיךְ וִויל נִישְׁט צוּרִיק גֵיין אִין יְשִׁיבָה"**, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "וֶוער דַארְף אַ יְשִׁיבָה? בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין יְשִׁיבָה, בָּחוּרִים דַארְפְן חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג מֶען זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה, נָאר בִּיז מֶען הָאט חֲתוּנָה דַארְף מֶען הָאבְּן אַ יְשִׁיבָה".

## זָאגְטְס נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידּוּכִים

**טַייעֶרֶע** בָּחוּרִים, זָאגְטְס נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידּוּכִים. רֶעדְט זִיךְ נִישְׁט אַיין

אַז אִיךְ וֶועל וַוארְטְן וֶועל אִיךְ זִיךְ בֶּעסֶער קֶענֶען מַשְׁלִים זַיין.

**עֶס** זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס מָשָׁלְ'ן זִיךְ אוֹיס אַ גֶעוִויסֶע סָארְט שִׁידוּךְ, אוּן אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ זָאגְן זֵיי אָפּ, וָואס מֵיינְסְטוּ? דוּ מֵיינְסְט אַז מֶען לֶעבְּט זִיבְּן הוּנְדֶערְט יָאר?! מֶען לֶעבְּט אַפָּאר יָאר, אוּן וֶוער עֶס כַאפְּט אַרַיין הָאט חֲתוּנָה יוּנְגֶערְהֵייט, עֶר בְּרֶענְגְט קִינְדֶער אוּן דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּן אִים. וָואס הַאלְסְטוּ אָפּ שִׁידוּכִים צוּלִיבּ אַן אוֹיסְקוּק וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט גֵיין אָנְגֶעטוּן אָדֶער וִוי אַזוֹי זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן, עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס וֶועלְכֶע הוּט מֶען וֶועט גֵיין, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען חֲתוּנָה הָאבְּן!

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אִין יְרוּשָׁלַיִם וָואס פְלֶעגְט חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע זַיינֶע טֶעכְטֶער בַּיי דִי פוּפְצְן יָאר, בַּיי אֵיין טָאכְטֶער אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט דִי פַּרְנָסָה, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּזַאמְקְלוֹיבְּן צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ בַּיי דִי פוּפְצְן יָאר. בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר רוּפְט עֶר אַרַיין זַיין טָאכְטֶער אוּן זָאגְט אִיר אַז עֶר וִויל אִיר מַאכְן דֶער שִׁידוּךְ, זָאגְט זִי אִים אַז דָאס גֶעפֶעלְט אִיר נִישְׁט, הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ: "אוֹי, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פַארְפַאסְט, זִי הָאט שׁוֹין אַ דֵעָה, קֵיינֶער פוּן מַיינֶע טֶעכְטֶער הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט 'אַזַא שִׁידוּךְ' אָדֶער 'אַזַא שִׁידוּךְ', נָאר זִי".

**וֶוען** עֶס קוּמְט צוּ אַ שִׁידוּךְ טוּן דַארְף מֶען עֶס טוּן אֵיידֶער דָאס קִינְד וֶוערְט פַארְדְרֵיידְט אוּן הָאט שׁוֹין אַן אֵייגֶענֶע דֵעָה, אַזוֹי וִוי אַ קִינְד פָאלְגְט אַ טַאטֶע וֶוען דֶער טַאטֶע זָאגְט: "גֵיי אַרַיין אִין בֶּעט", "טוּ זִיךְ אָן", "עֶס אוֹיף דִי נַאכְטְמָאל", דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ שִׁידוּךְ, עֶר וֶועט אוֹיךְ וֶועלְן פָאלְגְן, אוּן וִוי עֶלְטֶער מֶען וֶוערְט אִיז מֶען שׁוֹין נֶעבֶּעךְ פַארְדְרֵיידְט אוּן מֶען הָאט שׁוֹין אַן אֵייגֶענֶע דֵעָה.

**בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן וֶוערְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט גֵייט צוּם רֶבִּי'ן, זָאגְטְס פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידוּךְ, וֶועלְכֶע שִׁידוּךְ מֶען וֶועט מִיר אָנְטְרָאגְן בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ טוּן".**

**בָּרוּךְ** הַשֵּׁם אַז אִיךְ קֶען נָאכְטוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ מַאךְ שִׁידוּכִים. אַסַאךְ מָאל קוּמְט צוּ דֶער בָּחוּר צוּ מִיר נָאכְ'ן בֶּעשׁוּי אוּן זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אִיר נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ", - דוּ דַארְפְסְט אִיר נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן! דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֵיינְט אִין דִי בִּיכֶער וִוי מַאן אוּן וַוייבּ הָאבְּן זִיךְ לִיבּ גֶעהַאט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ צֶערִיסְן אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן, דָאס גֶעשֶׁעט מִיט דִי צַייט, אוֹיבּ מֶען הָאט סַבְלָנוּת אִין לֶעבְּן, מֶען אִיז מְוַותֵּר אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן מֶען גֶעבְּט אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶוערְט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶּער שׁוֹין נָאכְ'ן בֶּעשׁוּי ווִילְסְטוּ דָאס שְׁפִּירְן?!

"**אָבֶּער** עֶס אִיז נִישְׁט אַ קְלִיק..." - וֶועלְכֶע בַּעַל דַּרְשָׁן הָאסְטוּ אוֹיסְגֶעהֶערְט

וָואס זָאגְט אַז מֶען דַארְף זֶען צִי דֶער שִׁידוּךְ אִיז אַ קְלִיק?! דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידוּשִׁין מא.): "אָסוּר לְאָדָם שֶׁיְּקַדֵּשׁ אֶת הָאִשָּׁה עַד שֶׁיִּרְאֶנָּה שֶׁמָּא יִרְאֶה בָּהּ דָּבָר מְגוּנֶּה וְתִתְגַּנֶּה עָלָיו", מֶען טָאר נִישְׁט טוּן קַיין שִׁידוּךְ בִּיז מֶען זֶעט דִי מֵיידֶל, כְּדֵי זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַאר'מִיאוּס'ט אִין זַיינֶע אוֹיגְן, עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט מֶען זָאל קוּקְן אוֹיב מֶען הָאט אִיר לִיבּ אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ קְלִיק, נָאר אֵיין זַאךְ אוֹיבּ זִי אִיז נִישְׁט פַאר'מִיאוּס'ט.

## דִי אֶתְרוֹג אוּן דִי וַוייבּ וֶוערְן שֵׁיין - דוּרְךְ וַויינֶען

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פז) וִוי מֶער מֶען וַויינְט אִין דִי יָמִים נוֹרָאִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ שֶׁענֶערֶע אֶתְרוֹג. דֶערְפַאר זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס פִירְן זִיךְ צוּ קוֹיפְן דֶעם אֶתְרוֹג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען לֵייגְט עֶס אַוֶועק בִּיז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעוויינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט דִי אֶתְרוֹג שֵׁיין. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְהָאֶתְרוֹג הוּא בְּחִינַת אִשָּׁה", אַ פְרוֹי אִיז אַזוֹי וִוי אַן אֶתְרוֹג; אַז מֶען וַויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אַז מֶען גֵייט שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, בַּאקוּמְט דִי וַוייבּ אַלֶע חֵן אוּן גֶעשְׁמַאק.

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי קִינְדֶער:

**קִינְדֶערְלֶעךְ;** בַּאלְד בַּיי דִי מְלַוֶּה מַלְכָּה גֵייעֶן אַסַאךְ קִינְדֶער, בַּחוּרִים אוּן טַאטֶע'ס מְסַיֵּים זַיין מִשְׁנָיוֹת, מַסֶכְתוֹת גְמָרָא אוּן גַאנְץ שַׁ"ס[ט]. בְּעֶטְס פוּן עֶנְקֶערֶע טַאטֶע'ס עֶר זָאל עֶנְק קוֹיפְן אַ מִשְׁנָיוֹת. הֵייבְּטְס אָן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ אֵיין מִשְׁנָה, צְוֵוי מִשְׁנָה'ס,

---

ט. מִיר בְּרֶענְגֶען דָא אַרָאפּ דִי סִיּוּמִים וָואס זֶענֶען פָארְגֶעקוּמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת נִצָּבִים בַּיי מְלַוֵּה מַלְכָּה.

1) אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְטְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

2) אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צֶענְטֶע מָאל תַּלְמוּד בַּבְלִי.

3) אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צְוֶועלֶעפְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

4) אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי אַכְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

5) אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל תַּלְמוּד בַּבְלִי, אוּן דִי פִינְף אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, אוּן דִי צְווייטֶע מָאל ד' חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

6) אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען כָּל כִּתְבֵי רַבֵּינוּ.

7) אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי פֶערְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

8) אַ חָתָן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל תַּלְמוּד בַּבְלִי.

9) אַ חָתָן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל תַּלְמוּד בַּבְלִי.

10) אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי נַיינְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

11) אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי דְרִיטֶע מָאל תַּלְמוּד בַּבְלִי.

דְרֵיי מִשְׁנָה'ס אַ טָאג, וֶועט עֶטְס קֶענֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אִין אוּמַאן מַאכְן דִי סִיוּם אוֹיף גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

12) אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען תַּלְמוּד בַּבְלִי מַסֶכֶת בְּרָכוֹת.

13) אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען סֵפֶר הַמִּדוֹת.

14) אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

15) אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי נַיינְצֶענְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

16) אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל סֵפֶר הַמִּדוֹת.

17) אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי פִיפְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל סֵפֶר הַמִּדוֹת.

18) אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי זֶעכְצִיגְסְטֶע מָאל תַּלְמוּד בַּבְלִי מַסֶכֶת תַּעֲנִית.

19) אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען כָּל כִּתְבֵי רַבֵּינוּ.

20) אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל תַּלְמוּד בַּבְלִי.

# פַּרְשַׁת
# וַיֵּלֶךְ

# פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, שַׁבָּת שׁוּבָה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוְוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.

**סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִיט בִּילְדֶער פַאר קִינְדֶער**

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: אִיךְ הָאבּ אִינְדֶערְהֵיים אַ בּוּךְ 'סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת' מִיט בִּילְדֶער פַאר קִינְדֶער. עֶס אִיז אַ טֵייעֶרֶע בּוּךְ אָבֶער עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן, עֶס אִיז וֶוערְד דָאס גֶעלְט. אִיךְ דֶערְצֵייל דָאס בַּיי דִי סְעוּדוֹת פַאר מַיינֶע קִינְדֶער. אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה בַּאגְלֵייט מִיט בִּילְדֶער גֵייט דָאס אַריין שְׁטֶערְקֶער אִין זֵיי. דֶער בּוּךְ הָאט בַּיי יֶעדֶע וָוארְט אַן אַנְדֶערֶע בִּילְד, אַפִילוּ דָארְט וואוּ עֶס שְׁטֵייט דָאס וָוארְט: "קִינְדֶער" - וַוייזְן זֵיי אַ בִּילְד פוּן קִינְדֶער... מַיינֶע קִינְדֶער לַאכְן שׁוֹין אַפִילוּ וֶוען מֶען עֶפְנְט נָאר אוֹיף דֶעם בּוּךְ, עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר זֵיי.

**יֶעדֶעס** יָאר אִין אוּמַאן בֶּעט אִיךְ אַלֶץ דִי אִינְגֶעלַייט אוֹיבּ זֵיי זֶעעֶן נָאךְ אַ בּוּךְ עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם אַז זֵיי זָאלְן מִיר עֶס קוֹיפְן, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פָארְגֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן אִינְעֶווייניג. מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס דָא אִין קוּרְצְן:

**דֶער** רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בִּשְׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ וַואלְד צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל פוּן פִיר פִינְף יָאר, דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעווֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:**
וֶוען מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אָן גֶעלְט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין עֶסְן אִין שְׁטוּב, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן מֶען קֶען נִישְׁט

דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת, אָדֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין חוֹבוֹת לֹא עָלֵינוּ, גֶעבֶּעטְן דָא דֶער רֶבִּי אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן, שְׁרַייט אוּן וַויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער **בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר עָסְן, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה"**, אוּן גְלַייךְ וֶועט קוּמֶען אַ יְשׁוּעָה. ווִי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן גֶעשִׁיקְט אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט.

**פַארְוָואס הָאבְּן דִי בֶּעטְלֶערְס נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער?**

דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם בֶּעטְלֶער אַז זֵיי ווִילְן מִיט גֵיין מִיט אִים, הָאט דֶער בֶּעטְלֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל זֵיי נִישְׁט מִיט נֶעמֶען, עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי ווִי אִים, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַבִּיסְל בְּרוֹיט אוּן זִיךְ אַוֶועק פוּן זֵיי.

**וֶוען** דִי בְּרוֹיט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט הָאבְּן דִי קִינְדֶער ווִידֶער גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ בֶּעטְלֶער.

**אַזוֹי** הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט זִיבְּן מָאל, יֶעדֶעס מָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בֶּעטְלֶער; אַ בְּלִינְדֶער, אַ טוֹיבֶער, אֵיינֶער וָואס שְׁטַאמְפֶּלְט זַיינֶע רֵייד, מִיט אַ קְרוּמֶע הַאלְז, מִיט אַ הוֹיקֶער, אָן הֶענְט אוּן אָן פִיס.

**פַארְוָואס** הָאבְּן דִי בֶּעטְלֶערְס נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער מִיט זִיךְ? נָאר דָא אִיז מְרוּמָז אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף ווִיסְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק אוּן הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבְּט אִים דֶער צַדִּיק אַבִּיסְל 'טוֹעֵם צוּ זַיין' גִּלּוּי אֱלֹקוּת, דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט צוּבִּיסְלֶעךְ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁפִּירְט אַבִּיסְל דֶעם גוּטְן טַעַם פוּן שְׁפִּירְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער. מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז בַּאלְד וֶועט מֶען עֶם אַוֶועק נֶעמֶען, בַּאלְד גֵייסְטוּ אַרָאפּ פַאלְן פוּן דַיין מַדְרֵיגָה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַלֵיינְס מוּטְשֶׁען אוּן בֶּענְקֶען צוּ אִים.

**עֶס** אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דִינְט אִים נָאר וֶוען עֶר אִיז אִין אַן הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיבְּן אִין הִימְל בִּילְיָאנֶען מַלְאָכִים וָואס דִינֶען אִים אוּן בְּרֶענֶען אָן אוֹיפְהֶער, אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן של) אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט גֶעוָואלְט, וָואלְט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס גֶעדִינְט. דִי גַאנְצֶע זַאךְ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז וַוייל עֶר ווִיל זֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט דָאס עֲבוֹדַת ה', - בֶּעט זִיךְ: "הֵיילִיגֶער **בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**, דֶערְפַאר לֶעשְׁט עֶר אוֹיס נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן

וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעשְׁפִּירְט אִין אָנְהֵייבּ, דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין גֶעהֶערִיגְן לֶעבְּן אוּן פַּאלְט צוּרִיק אַרָאפּ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן לָאזְט נִישְׁט אָפּ זַיין עֲבוֹדַת ה'.

**דֶערְפַאר** הָאבְּן דִי בֶּעטְלֶערְס גֶעזָאגְט קוּמְט נִישְׁט מִיט אוּנְז, גֵיי דַיין וֶועג, מוּטְשֶׁע זִיךְ וַוייטֶער אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט נָאכְאַמָאל אַרָאפּ פַאלְן אוּן זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְהֵייבְּן, וַוייל דָאס וִויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

### הָאבּ גֶעדוּלְד, וַוארְט אוֹיס

**אַסַאךְ** מָאל וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן נָאךְ אַ נְפִילָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, 'וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר אַז אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין אַ נִסָּיוֹן?' אִיךְ הָאבּ דָאס יֶעדֶעס יָאר אִין אוּמַאן, בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים קוּמֶען צוּ מִיר פְּרֶעגְן בְּרוֹגֶז'דִיגֶערְהֵייט: "פַארְוָואס אִיז דָאס גֶעשֶׁען? פַארְוָואס הָאט דָאס פַּאסִירְט פַאר מִיר פּוּנְקְט דָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאל אִיךְ הָאבְּן אַזַא נְפִילָה?!" אוּן מֶען וִויל שׁוֹין אַוֶועק גֵיין פוּן רֶבִּי'ן, מֶען הָאט חֲלִישַׁת הַדַּעַת אַז דָא בַּיים רֶבִּי'ן אִיז מֶען אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן.

**דֶער** עֶנְטְפֶער אִיז, בִּיסְט טַאקֶע גֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק אוּן עֶס גְלִיסְט דִיר צוּ בְּלַייבְּן אִין דֶעם מַדְרֵיגָה וואו דוּ שְׁטֵייסְט יֶעצְט, אָבֶּער פוּן הִימְל זָאגְט מֶען דִיר: לְאמִיר זֶען צִי דוּ קֶענְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, גֵיי צוּרִיק, פַּאל אַרָאפּ אוּן שְׁטֶעל זִיךְ צוּרִיק אוֹיף. הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף אוּן זָאג דֶעם 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי' [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן בֶּעט נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**, לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר, זַיי מִיר מְקָרֵב צוּ דִיר"**.

**דִי** אַלֶע בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "דִי אַלֶע זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען אֵיין מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיינְס, דִי זִיבְּן זַאכְן זֶענֶען דִי 'זִיבְּן בְּחִינוֹת' צוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען". דֶער רֶבִּי גֶעבְּט 'אַבִּיסְל' עֶסְן, דֶער רֶבִּי מַאכְט דִיךְ שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְנָאךְ זָאגְט דִיךְ דֶער רֶבִּי, יֶעצְט גֵיי וַוייטֶער אַלֵיינְס, דוּ וֶועסְט נָאכְאַמָאל אַרָאפּ פַאלְן, אוּן שְׁטֶעל זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיינֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט וִוי עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט, הָאבּ גֶעדוּלְד, וַוארְט אוֹיס, אֵיין טָאג וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

### מִיט גֶעדוּלְד וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁלוֹם בַּיִת

**סַבְלָנוּת** אִיז דֶער יְסוֹד אִין עֲבוֹדַת ה', וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, אוּן דָאס

אִיז אוֹיךְ דֶער שְׁלִיסְל פַאר שָׁלוֹם בַּיִת. אֲפִילוּ דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע עֵצוֹת, אוּן עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט, אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן גֶעדוּלְד אוֹיסְצוּוַואוֹרְטְן וֶועסְטוּ צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ שָׁלוֹם בַּיִת.

**פַאר** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַ נִסָּיוֹן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל אַ פִּינְקְטְלִיכֶער צַייט ווִילַאנְג דֶער נִסָּיוֹן זָאל זַיין, אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, גֵייט אַרִיבֶּער דִי צַייט, כַּךְ וְכַךְ טֶעג אוּן כַּךְ וְכַךְ וָואכְן, אוּן דִי יְשׁוּעָה אִיז דָא.

**אִיךְ** ווֵייס אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ זֵיי פַאר לַאנְגֶע יָארְן ווַייל זֵיי פָארְן קֵיין אוּמַאן, עֶס אִיז דוּרְךְ אַפָּאר יָאר אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט, זֵיי רֶעדְן שׁוֹין מִיטְ'ן קִינְד. עֶס הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעטוֹישְׁט מִיט זֵיי, זֵיי פָארְן ווַייטֶער קֵיין אוּמַאן, וָואס אִיז פְּלוּצְלִינְג גֶעשֶׁען? - עֶס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן 'כַּךְ וְכַךְ יָארְן גֵייסְטוּ הָאבְּן אַ נִסָּיוֹן', אוּן דֶער נִסָּיוֹן אִיז צִי דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּלִיבּ דִי מְנִיעוֹת.

**נָאךְ** אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר פָארְט שׁוֹין קֵיין אוּמַאן אַכְצְן יָאר! יֶעדֶעס יָאר גֵייט פֶּעטְשׁ אִינְדֶערְהֵיים

וֶועגְן אוּמַאן, עֶס גֵייט נִישְׁט סְתַּם קֵיין פֶּעטְשׁ, נָאר עֶרְגֶער פוּן פֶּעטְשׁ וְכוּ' וְכוּ', קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען הָאט אַלְץ גֶעטוּן מִיט אִים יָאר נָאךְ יָאר נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס יָאר אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וָואס זַיין ווַייבּ הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַיינְקוֹיפְן אוּן אַיינְגֶעפַּאקְט פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ קֶענֶען פָארְן רוּאִיגֶערְהֵייט קֵיין אוּמַאן, מַמָּשׁ ווִי אַ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה אִינְגֶערְמַאן. וָואס אִיז יֶעצְט גֶעשֶׁען? נָאר אִין הִימְל אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן 'זִיבֶּעצְן יָאר זָאלְסְטוּ ווַארְטְן אוֹיף דַיין יְשׁוּעָה', עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, עֶר הָאט ווַייטֶער גֶערֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר, אוּן ווַייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי אַכְצְנְטֶע יָאר אִיז דִי יְשׁוּעָה אָנְגֶעקוּמֶען!

**יֶעדֶער** אֵיינֶער קֶען גוּט אַרַיין קוּקְן אִין זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, וֶועט עֶר זֶען פִילֶע זַאכְן וָואס אַ דַאנְק עֶר הָאט אַ צַדִּיק, עֶר אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר פָאלְגְט דִי עֵצָה פוּן אוֹיסְוַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

## יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס דוּ דַארְפְסְט אַרִיבֶּער גֵיין אַ נִסָּיוֹן

**אַ** אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט צוּ מִיר אַז עֶר לַיידְט פוּן זַיין ווַייבּ, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים: "גִיט זִיךְ נִישְׁט, דוּ הָאסְט דָאךְ קִינְדֶער", אָבֶּער דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין סַבְלָנוּת

אויסצוואווארטן די פּאר שְׁוֶוערע טֶעג, הָאט ער זיך נֶעבֶּעך גֶע'גַט, ער איז גֶעקוּמֶען צו מִיר מָלֵא שִׂמְחָה זָאגְן אַז ער הָאט גֶעטְרָאפְן אַן אַנְדֶערֶע שִׁידוּךְ. עס גייט נִישְׁט אַריבֶּער קַיין לַאנְגֶע צייט קוּמְט ער צוּריק וֵויינֶען אַז ער הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִּיל צו איר; פוּן אינְדְרוֹיסְן קוּקְט אַלֶעס אוֹיס פַיין, מֶען קוּמְט, מֶען גייט, אָבֶער עס איז פּוּנְקְט גוּט פַאר די אַרוּמִיגֶע מֶען זָאל מֵיינֶען אַז עס איז דָא עֶפֶּעס וָואס צו מְקַנֵא זַיין.

**זַיי נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן צַדִיקִים!** קוּם מִיר נִישְׁט זָאגְן: "איך רֶעד שַׁיין און עס הֶעלְפְּט מִיר נִישְׁט", "בַּיי מִיר אַרְבֶּעט נִישְׁט די עֵצָה", עס גייט בַּאלְד הֶעלְפְן, עס גייט בַּאלְד אַרְבֶּעטְן, וַוארְט אַבִּיסְל, יֶעצְט איז נָאר אַ צייט וָואס דו דַארְפְּסְט אַרִיבֶּער גֵיין אַ נִסָיוֹן.

### פָּאלְג וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז

**סְתָם** קוּמֶען אין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ און זיך דְרֵייעֶן דָא - און נִישְׁט פָּאלְגְן די עֵצוֹת, איז נִישְׁט אינְטֶערֶעסַאנְט, פָּאלְג וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, גֵיי אַהֵיים, טַעֲנָה נִישְׁט, רֶעד שַׁיין, וֶועסְטוּ זֶען שֵׁיינֶע זַאכְן.

**בִּפְרָט** די אַלֶע אינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צו זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אין אוּמַאן, דַארְפְן יֶעצְט נָאר דַאנְקֶען און דַאנְקֶען די וַוייבּ, נָאכְאַמָאל זָאגְן "שְׁכּוֹחַ" אַז זי הָאט דִיךְ גֶעלָאזְט גֵיין קַיין אוּמַאן.

און אֲפִילוּ זי הָאט דִיר נִישְׁט מַמָשׁ גֶעלָאזְט גֵיין, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז בֶּאֱמֶת הָאט זי דִיר יָא גֶעלָאזְט גֵיין, נָאר זי הָאט עס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס זָאגְן פוּן מוֹיל, נִישְׁט יֶעדֶע פְרוֹי קֶען אַרוֹיס זָאגְן פוּן מוֹיל: "איך בִּין מַסְכִּים דו זָאלְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן".

**מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל**, אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער און מֶען טַעֲנָה'ט נִישְׁט, איז מֶען זוֹכֶה צו שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אינְדֶערְהֵיים, דֶער שְׁטוּבּ וֶוערְט אַ פְּלַאץ פַאר די שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען שׁוֹין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ און מֶען הָאט שׁוֹין אַלֶעס.

### אַ איד גְלֵייבְּט אין תְּפִלָּה, נָאר ער טוּט תְּשׁוּבָה

**פַארְגַאנְגֶענֶע** וָואךְ שַׁבָּת אינְדֶערְפְרִי אין עִיר הַקוֹדֶשׁ אוּמַאן יע"א, הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט מוֹרָא'דִיגֶע דִיבּוּרִים בַּיים שִׁיעוּר אין 'סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת', איךְ וֵויים נִישְׁט וֶוער עס איז דָארְט גֶעוֶוען, און אֲפִילוּ די וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען וֵויים איךְ נִישְׁט וֶוער עס הָאט מִיט גֶעהַאלְטְן דֶעם גַאנְצְן שִׁיעוּר, וַוייל יֶעדֶער איז דָארְט אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן די שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה; אין אוּמַאן איז די אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ וָואס איךְ וֶועק נִישְׁט אוֹיף קַיין מֶענְטְשְׁן בַּיי די שִׁיעוּרִים, איךְ לָאז יֶעדְן אֵיינֶעם אַיינְדְרִימְלֶען. מֶען קֶען זיך נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט מֶען וֶוערְט פוּן די שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה, מֶענְטְשְׁן פַאלְן

פון די כּחות, אַז מֶען איז זוֹכֶה צו דאַוֶונעֶן און הֶערן אַבּיסל דְרָשׁוֹת איז שׁוין זֵייעֶר שֵׁיין.

**איךְ** הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צו זיצְן צֶען יָאר בַּיי די שִׁיעוּרים פון מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס איז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ איךְ זָאל פַּארְפַּאסְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט, אוֹיסֶער אֵיינְמָאל אַ יָאר 'אין אוּמַאן', דָארְט הָאבּ איךְ גֶעשְׁפִּירְט ווי איךְ שְׁלָאף אַיין, און איךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּחוֹת זִיךְ צו שְׁטַארְקְן זִיךְ צו הַאלְטְן אוֹיף, אָבֶּער איךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט, בַּיי יֶעדֶע דְרָשָׁה הָאבּ איךְ אַיינְגֶעדְרימְלְט און פַּארְפַּאסְט אַ צֶען פוּפְצְן מִינוּט, דֶערְנָאךְ הָאבּ איךְ שׁוין גֶעקֶענְט מִיטְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר.

**הָאבְּן** מִיר גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַ וויכְטִיגֶע זַאךְ, וָואס איז דֶער חִילוּק צְווִישְׁן אַ איד און לְהַבְדִיל אַ גוֹי; וֶוען אַ איד טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ אָדֶער עֶר גֶעבְּט צְדָקָה לִזְכוּת עֶר זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערן מִיט אַ רְפוּאָה וְכַדוֹמֶה, אֲפִילוּ עֶר וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן הָאט עֶר נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, נָאר עֶר הֶענְגְט עֶס אָן אין זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אַז עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן און זִיךְ פַּארְבֶּעסֶערְן, אָבֶּער אַ גוֹי הָאט טַעֲנוֹת און וֶוערְט בְּרוֹגֶז.

**אַזוֹי** ווי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (ראש הַשָּׁנָה ד.) דָרְיָוֶשׁ איז גֶעוָוארְן אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער קֶענִיג, ווייל עֶר הָאט אָוֶועקְגֶעגֶעבְּן פון זַיין פַארְמֶעגְן ציגְן, שֶׁעפְּסְן, ווייץ, זַאלְץ, וויין און אוֹיל פַארְ'ן בֵּית הַמִקְדָשׁ בִּתְנַאי די כֹּהֲנִים זָאלְן דַאוֶוענֶען: "לְחַיֵּי מַלְכָּא וּבְנוֹהִי", דֶער קֶענִיג מִיט זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן, און ווייבַּאלְד עֶר הָאט גֶעטוּן די אַלֶע גוּטֶע זַאכְן נָאר פַאר זַיין הֲנָאָה איז עֶר נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער. פְרֶעגְט די גְמָרָא מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעלֶערְנְט, אוֹיבּ אֵיינֶער גֶעבְּט צְדָקָה - "בִּשְׁבִיל שֶׁיִחְיוּ בָנַי" אַז זַיין קִינְד זָאל לֶעבְּן, זַיין קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אָדֶער כְּדֵי עֶר זָאל בַּאקוּמֶען גַן עֵדֶן, "הֲרֵי זֶה צַדִיק גָמוּר" איז עֶר אַ גַאנְצֶער צַדִיק! עֶנְטְפֶערְט די גְמָרָא: "כַּאן בְּיִשְׂרָאֵל, כַּאן בְגוֹיִם", אַ איד וֶוען עֶר טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר אִים און אַז עֶר זֶעט נִישְׁט די יְשׁוּעָה "אֵינוֹ קוֹרֵא לוֹ תַגָר", הָאט עֶר נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֶלָא תּוֹלֶה הַיִסוּרִים בַּעֲוֹנוֹ", עֶר הֶענְגְט אָן דָאס וָואס פַּאסִירְט - אין זַיינֶע עֲבֵירוֹת (רַשִׁ"י, שָׁם).

**אַז** מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף ראש הַשָּׁנָה און מֶען וַוארְט נָאכַאלְץ אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, זָאגְט מֶען נִישְׁט: "עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט אוּמַאן", "וואוּ איז מַיין שִׁידוּךְ?" וואוּ איז מַיין פַּרְנָסָה?" נָאר מֶען טוּט תְּשׁוּבָה. אַ גוֹי וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וָואס עֶר בֶּעט און וַוארְט דֶערוֹיף - הָאט עֶר טַעֲנוֹת און עֶר וֶוערְט בְּרוֹגֶז.

### מִיר בֶּעטְן ווייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**איךְ** הָאבּ פִיל מָאל וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיף אין אָפִּים דֶערְצֵיילְן אַ צָרָה און איךְ

זָאג: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", זָאגְט מֶען מִיר: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן", מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן 'דִי עֵצָה אַרְבֶּעט נִישְׁט', אָדֶער 'דִי עֵצָה אַרְבֶּעט נִישְׁט בַּיי מִיר', עֶס בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע אוֹיסְדְרוּקְן, 'וָואס הֵייסְט דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעבֶּעטְן?' 'וָואס הֵייסְט תְּפִלָּה הֶעלְפְט נִישְׁט?' חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן! בֶּעט נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאכְדֶעם בֶּעט נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

מִיר בֶּעטְן שׁוֹין צְוֵוי טוֹיזְנְט יָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּנֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, מִיר בֶּעטְן דְרֵיי מָאל אַ טָאג בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה: "וְלִירוּשָׁלַיִם עִירְךָ בְּרַחֲמִים..." הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם אוּנְז שׁוֹין צוּרִיק קַיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן: "אֶת צֶמַח דָוִד עַבְדְךָ מְהֵרָה תַצְמִיחַ..." הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער שִׁיק שׁוֹין מָשִׁיחַ, - אוּן עֶס פַּאלְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַיין אוֹיפְצוּגֶעבְּן פוּן בֶּעטְן דֶערוֹיף, עֶס פַּאלְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַיין צוּ פַארְמַאכְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן פַארְמַאכְן דֶעם סִידוּר וַוייל גְרֶעסֶערֶע צַדִיקִים הָאבְּן דָאס שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אוּן עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן. מִיר בֶּעטְן וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיר לָאזְן נִישְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען בֶּעט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

## מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן דִי יָאר גֵייט פַארְבֵּיי

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין אַ נֵייעֶ יָאר, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם 'מִכְתָּב יוֹמִי' דֶעם פְרַייטָאג אַ טַעַם פַארְוָואס מִיר עֶסְן רִינְדֶערְבִיגֶע חַלוֹת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

---

י. מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס דָא אַרָאפּ:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ - תְּשׁוּבָה, ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג, לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, דִי עֶרְשְׁטֶע שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר. מִיר פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז סֻכּוֹת רִינְדֶערְבִיגֶע חַלוֹת. דִי פְּשׁוּט'ע טַעַם אִיז צוּ דֶערְמַאנֶען פוּן "הַמֶלֶךְ", מֶען קְרוֹינְט יֶעצְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי חַלָה מַאכְט מֶען עֶס זָאל אוֹיסְזֶען ווִי אַ קְרוֹין, יֶעצְט זֶענֶען מִיר מַמְלִיךְ דֶעם הֵייליגְן בַּאשֶׁעפֶער, מִיר שְׁרֵייעֶן אוֹיס: **"דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער טַאטֶע, דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער קֶענִיג".**

דֶעם צְווֵייטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבְּן מִיר דֶערְמַאנְט בַּיי דִי תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשָׁה אַ מָשָׁל וָואס צַדִיקִים פְלֶעגְן זָאגְן בַּיי דִי דְרָשׁוֹת פוּן דִי הֵייליגֶע טֶעג. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס דִי רוֹיבֶּערְס הָאבְּן פַארְכַאפְּט זַיין קִינְד, דֶער קִינְד הָאט גֶעוַואוּרְט אוֹיף דִי צַייט וָואס דֶער קֶענִיג קוּמְט אִין פֶעלְד כַאפְּן חַיוֹת, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען זַיין טַאטֶע הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרֵיי: "טַאטֶע!" "קֶענִיג!" זֶענֶען אַלֶע רוֹיבֶּערְס אַנְטְלָאפְן פוּן פַּחַד, אַזוֹי אִיז עֶר צוּרִיק צוּם טַאטְן.

אַזוֹי אוֹיךְ, מִיר זֶענֶען פַארְכַאפְּט בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, מֶען אִיז לֵיידֶער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי רוֹיבֶּערְס. יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל וְתִשְׁרֵי קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אַרָאפּ צְווִישְׁן אוּנְז, אַ בְּחִינָה פוּן: "מֶלֶךְ בְּשָׂדֶה",

דֶער קֶענִיג גֵייט אִין פֶעלְד; גֶעבְּן מִיר אַ גֶעשְׁרֵיי אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ: "טַאטֶע!" "קֶענִיג!" אַזוֹי אַנְטְלוֹיפְן אַלֶע קְלִיפּוֹת, אַלֶע מְקַטְרִיגִים, אוּן מִיר קְלֶעבְּן זִיךְ צוּרִיק צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ טַעַם פַארְוָואס מִיר עֶסְן רִינְדֶעבִּיגֶע חַלוֹת, אוּנְז צוּ דֶערְמַאנֶען אַז מֶען הָאט טַאקֶע יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי יָאר, אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן דִי יָאר גֵייט פַארְבֵּיי. הָאסְט גֶעמַאכְט פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, יֶעצְט בַּיים אָנְהוֹיבּ יָאר דַארְף מֶען דָאס שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן צוּ טוּן.

הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן - הוֹיבּ שׁוֹין אָן גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, שְׁטוּפּ דָאס נִישְׁט אָפּ אוֹיף מָארְגְן.

הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַ קַבָּלָה טוֹבָה לִכְבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה - גֵיי שׁוֹין הַיינְט אִין מִקְוֶה.

הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען לִכְבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר נִישְׁט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען דַיין טֶעלֶעפָאן, קוּק אוֹיף דִי רִינְדֶעבִּיגֶע חַלָה; דִי יָאר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ שׁוֹין, לֵייג שׁוֹין אַרוֹיס דִי זַאכְן פוּן שְׁטוּבּ.

אוֹיךְ פִירְן מִיר זִיךְ צוּ עֶסְן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז סֻכּוֹת פִיר עֶקֶעדִיגֶע לֶאקְשְׁן. אִיךְ ווֵייס נִישְׁט דִי טַעַם, אִיךְ טְרַאכְט אַ טַעַם. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אִין שְׁטוּבּ פַאר זַיין ווַייבּ: "הַיינְט ווִיל אִיךְ נִישְׁט פַאר נַאכְטְמָאל קַאשֶׁע, הַיינְט ווִיל אִיךְ לֶאקְשְׁן", שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעזָאגְט אִין שְׁטוּבּ אַז עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן עֶר ווִיל מֶער נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת, עֶר ווִיל פוּן הַיינְט לֹא-קַשְׁן, נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת. יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי טֶעג וָואס מִיר זֶענֶען מַמְלִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶסְן מִיר לֶאקְשְׁן פוּן פִיר עֶקְן; גֶעעֶנְדִיגְט מִיט קַשְׁיוֹת, לֹא-קַשְׁן, פַאר אַלֶע זַייטְן, תְּ'הֵא שְׁ'נַת פְּרֶעג גָ'ארְנִישְׁט, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זִינְגֶען: "מִזְרָח דוּ מַעֲרִיב דוּ, צָפוֹן דוּ דָרוֹם דוּ, וואוּ אִיךְ גֵיי בִּיסְטוּ בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען עֶס גֵייט מִיר גוּט - בִּיסְטוּ עֶס בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז חָלִילָה פַארְקֶערְט - בִּיסְטוּ עֶס ווַייטֶער בַּאשֶׁעפֶער".

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל לִכְבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר צוּ הַאלְטְן בַּיים דַאוֶוענֶען דַיינֶע קִינְדֶער מִיט דִיר. מֶען דַארְף טַאקֶע אַסַאךְ נֶערְוֶוען, אַסַאךְ גֶעדוּלְד, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אָבֶּער גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער שְׁפֶּעטֶער מִיט גְרוֹיסֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְחוּנָךְ. עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד, תְּ'הֵא שְׁ'נַת פִּ'יל גֶ'עדוּלְד. נֶעם זִיךְ מִיט קֶענְדִים אָדֶער אַנְדֶערֶע נַאשׁ, אוּן יֶעדֶע פָּאר מִינוּט גֶעבּ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער נָאךְ אַ קְלֵיינִיקֵייט; אַזוֹי ווִי מְלַמְדִים אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג אִין חֵדֶר מִיט טִיקֶעטְס, מִיט שְׁטֶערְנְדְלֶעךְ, מִיט גוּטֶע נַאשׁ.

לָאז זֵיי נִישְׁט אַרוּמְלוֹיפְן בַּיים דַאוֶוענֶען. דִי גָאר קְלֵיינֶע גֶעווֹאוֹין אֵיין צוּ זָאגְן: "אָמֵן". דֶער רְמָ"א זָאגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן קכד, סְעִיף ז): "מִיָּד שֶׁהַתִּינוֹק עוֹנֶה 'אָמֵן', יֵשׁ לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא", גְלַייךְ פוּן וֶוען אַ קִינְד זָאגְט אָמֵן, אִיז עֶר אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא, אוּן לוֹיט דִי עֶלְטֶער גֶעווֹאוֹין זֵיי צוּ צוּ דַאוֶוענֶען מֶער אוּן מֶער, קוֹדֶם בָּרְכוּ, נַקְדִּישְׁךָ, כֶּתֶר, וְשָׁמְרוּ; אַזוֹי צוּבִּיסְלִיךְ מֶער אוּן מֶער.

אֵיינֶער הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אִין אוּמַאן, גֵייעֶנְדִיג רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַארְטָאגְס צוּם צִיּוּן מִיטְ'ן עוֹלָם, מִיט מַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער: "ווִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דִי הַארְץ אוֹיפְצוּוֶועקְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּם פִינְף אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס, זֵיי שְׁלֶעפְּן שְׁלָאפֶעדִיגֶערְהֵייט צוּם צִיּוּן?" זָאג אִיךְ אִים: "נָאר ווַייל אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת טוּ אִיךְ דָאס, אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּזֶען זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן, אִיךְ ווִיל זֵיי גֶעבְּן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר זֵיי, אִיךְ ווִיל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען גֵיין צוּם צִיּוּן".

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה גֶעפוּנֶען מִיר, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גְרֵייט אָן זַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן מִיט אַזוֹיפִיל חִיזּוּק, צֵייל אָפּ ווִיפִיל מָאל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט אִים אִיבֶּער אוּן אִיבֶּער שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ; מַמָּשׁ

בִּיז נָאךְ סֻכּוֹת, אוּנְז צוּ דֶערְמַאנֶען אַז מֶען הָאט טַאקֶע יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי יָאר, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן דִי יָאר גֵייט פַארְבֵּיי.

**הָאסְט** גֶעמַאכְט פְּרִישֶׁע קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, יֶעצְט בַּיים אָנְהוֹיבּ יָאר דַארְף מֶען דָאס שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן צוּ טוּן. הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶועןצוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן - הוֹיבּ שׁוֹין אָן גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, שְׁטוּפּ דָאס נִישְׁט אָפּ אוֹיף מָארְגְן.

**הָאסְט** זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַ קַבָּלָה טוֹבָה לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה - גֵיי שׁוֹין הַיינְט אִין מִקְוֶה.

**הָאסְט** זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר נִישְׁט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען דַיין טֶעלֶעפָאן, קוּק אוֹיף דִי רִינְדֶעבִיגֶע חַלָּה; דִי יָאר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ שׁוֹין, לֵייג שׁוֹין אַרוֹיס דִי זַאכְן פוּן שְׁטוּבּ.

**דָאס** יָאר הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן נָאךְ חֲנוּכָּה, אָדֶער וֶוען מֶען רִיקְט דֶעם זֵייגֶער, אַלֶע פְּרִישֶׁע קַבָּלוֹת הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן, מֶען דַארְף שׁוֹין אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מֶען** דַארְף שׁוֹין אָנְהֵייבְּן נֶעמֶען יֶעדְן טָאג אַ חוּמָשׁ. יֶעצְט קוּמְט קְלֶענֶערֶע סֶדְרוֹת, יֶעצְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט אָנְצוּהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**מֶען** דַארְף שׁוֹין אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס. מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לִימוּד חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת - דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת מֶען זָאל וַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

---

דָאס טוּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז, עֶר שְׁטַארְקְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי וִוילְן, נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּענְקֶען צוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

זֶע צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת, אִיךְ וֵויים דוּ בִּיסְט נָאךְ זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה, אִיךְ בִּין נָאךְ אוֹיךְ גוּט אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אִיךְ וֵויים נָאכְנִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר מָאנְטָאג עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אִם יִרְצֶה ה' לֵיל שִׁישִׁי הַאֲזִינוּ וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת נֹחַ תשפ"ג, קוּנְטְרֵס 274)

**אָן לִימוּד הַתּוֹרָה לַיידט מֶען אויף דִי נֶערְוְון!**

**אַפִילוּ** אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ מְשׁוּגָע, עֶר לַיידט אויף דִי נֶערְוְון לֹא עָלֵינוּ, מֶענְטְשְׁן זָאגְן מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים וַוייל עֶר אִיז אַ נֶערְוְון קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, אויב וֶועט עֶר זָאגְן מִשְׁנָיוֹת וֶועט עֶר וֶוערְן אוֹיס נֶערְוְון קְרַאנְק, עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אוּן דֶער גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ - אָן לִימוּד הַתּוֹרָה - וֶועט אָנְהֵייבְּן לַיידְן אויף דִי נֶערְוְון!

**וַוייל** עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דוּרְכְצוּגֵיין בָּזֶה הָעוֹלָם - אָן לִימוּד הַתּוֹרָה - אוּן בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט! גֶעלוּנְגֶענֶע מֶענְטְשְׁן לַיידְן פוּן דִי נֶערְוְון, מֶען גֵייט אִיבֶּער פוּן דִי וַוייבּ, פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי פַּרְנָסָה, מֶען וֶוערְט אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט, אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט דִי מִשְׁנָיוֹת אוּן מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, גֶעבְּט דָאס כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן.

**טְרִינְק נִישְׁט אוֹיס דֶעם גַאנְצְן בָּאטְל אויף אֵיינְמָאל**

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז מֶען דַארְף גֵיין צוּבִּיסְלֶעךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, נִישְׁט צוּ אַסַאךְ אוֹיפְאַמָאל, אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער אוּן עֶר גֶעבְּט אַ בָּאטְל מֶעדֶעצִין, טְרִינְקְט מֶען נִישְׁט אוֹיס דֶעם גַאנְצְן בָּאטְל אויף אֵיינְמָאל, נָאר מֶען נֶעמְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל. מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן אִין אֵיין טָאג גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. בַּארוּאִיג זִיךְ; נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הֵייבּ אָן אֵיין פֶּרֶק, צְווֵיי פְּרָקִים, אָדֶער דְרֵיי פְּרָקִים, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּם סוֹף צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אוּן גֶעדֶענְקְן דֶעם וָוארְט אויב דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מִיטְגֵיין מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, גֵיי וַוייטֶער אויף דַיין וֶועג אוּן אַז דוּ פַאלְסְט נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, שְׁטֶעל זִיךְ צוּרִיק אויף, אוּן בֶּעט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מֶען אִיז בַּיים סוֹף זוֹכֶה צוּ אַלֶע דַּרְגוֹת אִין קְדוּשָּׁה אוּן צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז דִי בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָּה פוּן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן אַלֶע זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת אַלְס דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ זִיס יָאר, אוּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַז מִיר וֶועלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**נָאכְדֶעם** הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ".

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, שַׁבַּת שׁוּבָה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועֶן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** אַזוֹי ווִי מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אָנְהֵייבּ פוּן אַ נַייעַ יָאר, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, ווֶעלְן מִיר פָארְלֶערְנֶען אַ שֵׁיינֶע תּוֹרָה וָואס מֶען דַארְף ווִיסְן ווֶען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח

**זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת,** ווֶען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זַיין גְרֵייט אַז מֶען גֵייט אִים ווַייזְן ווִי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, **וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה, וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם,** עֶס וֶועט זִיךְ אִים דַאכְטְן ווִי פוּן הִימְל שְׁטוּפְּט מֶען אִים אַוֶועק אוּן מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט ווֶערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, **וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת,** אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען ווֶערְט דֶערְווַייטֶערְט - אִיז נָאר צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְצָרִיךְ הִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְבִלִי לִפֹּל בְּדַעְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם,** אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, **כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁעוֹבְרִים כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים שֶׁהוּא מִתְיַגֵּעַ בִּיגִיעוֹת גְּדוֹלוֹת בִּשְׁבִיל עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם,** פוּן וָואס מֶען זֶעט ווִי עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן וָואס מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, **וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מְאֹד,** אוּן מֶען אִיז נָאכְאַלְץ זֵייעֶר ווַייט, **וְלֹא הִתְחִיל כְּלָל לִכָּנֵס לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה,** מֶען הָאט נָאךְ בִּכְלָל נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה. **כִּי רוֹאֶה עַצְמוֹ שֶׁהוּא מָלֵא עֲדַיִן עֲבִיוּת וְגַשְׁמִיּוּת וְהִרְהוּרִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים,** מֶען אִיז נָאךְ אַ פַארְגְרֶעבְּטֶער מֶענְטְשׁ פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן אַזוֹיפִיל בִּלְבּוּלִים, **וְכָל מַה שֶּׁהוּא רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם אֵיזֶה דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה אֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ,** אוּן וָואס אִיךְ ווִיל נָאר טוּן פַאר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם גֵייט מִיר נִישְׁט, **וְנִדְמֶה לוֹ כְּאִלּוּ אֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִסְתַּכֵּל עָלָיו כְּלָל,** אוּן דָאס מַאכְט טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, **וְאֵין רוֹצֶה כְּלָל בַּעֲבוֹדָתוֹ,** אוּן עֶר ווִיל נִישְׁט מַיינֶע עֲבוֹדוֹת, **מֵחֲמַת שֶׁהוּא רוֹאֶה שֶׁהוּא**

צוֹעֵק בְּכָל פַּעַם, ווייל איך שְׁרַיי, וּמִתְחַנֵּן וּמִתְנַפֵּל לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, און איך בֶּעט זיך בַּיים אײבֶּערשְׁטְן, שֶׁיַּעַזְרֵהוּ בַּעֲבוֹדָתוֹ, עֶר זָאל מִיךְ הֶעלְפְן, וְאַף עַל פִּי כֵן עֲדַיִין הוּא רָחוֹק מְאֹד מְאֹד, און נָאכְאַלְץ בִּין אִיךְ אַזוֹי וַוייט, עַל כֵּן נִדְמֶה לוֹ כְּאִלּוּ אֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִסְתַּכֵּל עָלָיו כְּלָל, דָאס מַאכְט טְרַאכְטְן אַז דֶער אײבֶּערשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, וְאֵין פּוֹנֶה אֵלָיו כְּלָל און עֶר הֶערְט נִישְׁט צוּ מַיין גֶעבֶּעט, כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ אֵין רוֹצֶה בּוֹ כְּלָל, עֶר וויל מִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט, הֵן עַל כָּל אֵלֶּה, אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, און אוֹיךְ אַנְדֶערֶע סָארְט זַאכְן, צָרִיךְ הִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל לְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד מְאֹד, דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, וְלִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל כָּל זֶה כְּלָל, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף דֶעם, כִּי בֶּאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כְּלוֹ הִתְקָרְבוּת, ווייל דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ ווייט - אִיז נָאר צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אײבֶּערשְׁטְן, כַּנַּ"ל, אַזוֹי ווי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

וְכָל הַנַּ"ל, און אַלֶעם וָואס מִיר הָאבְּן פְּרִיעֶר דֶערְמַאנְט, עָבַר עַל כָּל הַצַּדִּיקִים, אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ מִפִּיהֶם בְּפֵרוּשׁ, אַזוֹי ווי מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן זֵיי אַלֵיינְס, שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם, אַז עֶס הָאט זִיךְ זֵיי גֶעדַאכְט, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵין מִסְתַּכֵּל וּפוֹנֶה אֲלֵיהֶם כְּלָל, אַז דֶער אײבֶּערשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי און דַארְף זֵיי נִישְׁט, מֵחֲמַת שֶׁרָאוּ, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען, שֶׁזֶּה זְמַן רַב, אַז נָאךְ אַזַא לַאנְגֶע צַייט, שֶׁהֵם מְבַקְשִׁים, וָואס זֵיי בֶּעטְן, וִיגֵעִים, און פְּלָאגְן זִיךְ, וְעוֹשִׂים וְעוֹבְדִים עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, און טוּעֶן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַעֲדַיִן הֵם רְחוֹקִים מְאֹד מְאֹד, זֶענֶען זֵיי נָאכְאַלְץ זֵייעֶר ווייט, וְאִלּוּ לֹא הָיוּ מְחַזְּקִים עַצְמָן מְאֹד, און וֶוען זֵיי וָואלְטְן זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטַארְקְט, לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל זֶה, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, הָיוּ נִשְׁאָרִים בִּמְקוֹמָם הָרִאשׁוֹן, וָואלְטְן זֵיי גֶעבְּלִיבְּן ווי בַּיים אָנְהוֹיבּ, וְלֹא הָיוּ זוֹכִים לְמַה שֶּׁזָּכוּ, און זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ וֶוערְן צַדִּיקִים.

**וְהַכְּלָל, אֲהוּבִי אָחִי**, מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, **חֲזַק וֶאֱמַץ מְאֹד**, שְׁטַארְק זִיךְ, **וֶאֱחֹז עַצְמְךָ בְּכָל הַכֹּחוֹת**, און דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, **לְשָׁאֵר קַיָּם בַּעֲבוֹדָתְךָ**, צוּ בְּלַייבְּן דִינֶען דֶעם אײבֶּערשְׁטְן, **וְאַל תָּחוּשׁ**, און עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט אָנְגֵיין, **וְאַל תִּסְתַּכֵּל כְּלָל**, און קוּק נִישְׁט, **עַל כָּל הַנַּ"ל**, אוֹיף דָאס אַלֶעס, **אוֹ כַּיּוֹצֵא בָּזֶה**, און אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן.

זָאגְט דָא דֶער רֶבִּי מוֹרָא'דִיגֶע חִיזּוּק: **וְאִם אַתָּה רָחוֹק מְאֹד מְאֹד מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ**, און אוֹיבּ דוּ בִּיסְט טַאקֶע אַזוֹי שְׁטַארְק ווייט פוּנֶעם אײבֶּערשְׁטְן, **וְנִדְמֶה לְךָ**, און עֶס דַאכְט זִיךְ דִיר, **שֶׁאַתָּה פּוֹגֵם**, אַז דוּ טוּסְט שְׁלֶעכְטְס, **בְּכָל שָׁעָה מַמָּשׁ נֶגְדוֹ יִתְבָּרַךְ**, מַמָּשׁ יֶעדֶע מִינוּט קֶעגְן דֶעם אײבֶּערשְׁטְן, **עִם כָּל זֶה, כְּנֶגֶד**

**זֶה,** מִיט דֶעם אַלֶעם, **תֵּדַע, שֶׁאִישׁ כָּזֶה,** זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אַזַא אֵיינֶער, **שֶׁהוּא מְגֻשָּׁם כָּל כָּךְ,** וָואס אִיז אַזוֹי פַארְגְרֶעבְּט, **כָּל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה,** יֶעדֶע זַאךְ, **שֶׁהוּא מְנַתֵּק עַצְמוֹ מְעַט מְעַט מִן גַּשְׁמִיּוּתוֹ,** וָואס דוּ טוּסְט, **וּפוֹנֶה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ,** אוּן דוּ קוּמְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הִיא גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד מְאֹד,** אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן זֵייעֶר טֵייעֶר, **וַאֲפִלּוּ נְקֻדָּה קְטַנָּה מְאֹד,** אַפִילוּ אַ פִּינְטֶעלֶע, **שֶׁהוּא נֶעְתָּק מִגַּשְׁמִיּוּתוֹ,** וָואס דוּ רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּן דַיין פַארְגְרֶעבְטְקֵייט, **אֵלָיו יִתְבָּרַךְ,** צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הוּא רָץ בָּזֶה,** לוֹיפְסְטוּ מִיט דֶעם, **כַּמָּה וְכַמָּה אֲלָפִים,** טוֹיזְנְטֶער, **פַּרְסָאוֹת,** מַייל, **בְּעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים,** אִין דִי הֶעכֶערֶע וֶועלְטְן, **כַּאֲשֶׁר תָּבִין הֵיטֵב מִן הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַצַּדִּיק,** אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם צַדִּיק, **שֶׁהִתְגַּבֵּר עָלָיו מְאֹד הָעַצְבוּת,** וָואס אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, **וְכוּ',** אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, **כַּמּוּבָא אֶצְלֵנוּ,** אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט צְווִישְׁן דִי שְׁמוּעֶסְן סוֹף סֵפֶר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת. **וְעַל זֶה יִשְׂמַח מְאֹד,** אוּן מִיט דֶעם זָאל מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן, **וִיחַזֵּק עַצְמוֹ בְּשִׂמְחָה תָּמִיד,** אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, **כִּי עַצְבוּת מַזִּיק מְאֹד מְאֹד,** וַוייל זַיין טְרוֹיעֶרִיג שֶׁעדִיגְט זֵייעֶר.

**טַאקֶע** וַוייל דוּ בִּיסְט אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן כַאפְּסְטוּ אַרוֹיס אַ דִיבּוּר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ קוּמְסְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען, עֶפְּנְסְט אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת, דוּ לֶערְנְסְט אַבִּיסְל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - אִיז עֶס זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**זָאגְט** דֶער רֶבִּי וַוייטֶער, וָואס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף וָואס מֶען דַארְף זִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע פַארְלֵייגְן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְדַע,** אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ, **שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ,** וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֲזַי תֵּכֶף הִיא עֲבֵרָה גְּדוֹלָה כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ עַצְבוּת, חַס וְשָׁלוֹם,** אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, **כִּי עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אָחֳרָא** (זֹהַר נֹחַ דַּף עא), וַוייל טְרוֹיעֶר קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, **וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס פַיינְט.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אוֹיף וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלֵייגְן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַוֶועק צוּ שְׁטִיפְּן דִי עַצְבוּת, וַוייל טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס פַיינְט.

**וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם,** אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, **לְבִלְתִּי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ,** נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן, **דְּהַיְנוּ מְעַט מִקְצָת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁהִתְחִיל,** דָאס וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן

טוּן, אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, וּזְכֹר דָּבָר זֶה הֵיטֵב, אוּן גֶעדֶענְק דָאס גוּט, כִּי תִּצְטָרֵךְ לָזֶה מְאֹד, וַוייל דוּ וֶועסְט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ דִי חִיזּוּק, כְּשֶׁתַּתְחִיל קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אַז מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אוּן מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, אַף אִם מַפִּילִין אוֹתוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, בְּכָל פַּעַם, אַפִילוּ מֶען פַאלְט אַ גַאנְצְן צַייט אַרָאפּ חַס וְשָׁלוֹם, כִּי לִפְעָמִים יֵשׁ שֶׁמַּפִּילִין אֶחָד מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַוייל עֶס פַּאסִירְט מֶען זָאל אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כַּיָּדוּעַ, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט, אַף עַל פִּי כֵן, מִיט דֶעם אַלֶעם, עָלָיו לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלוֹ, דַארְף מֶען טוּן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, לַעֲשׂוֹת מַה שֶּׁיּוּכַל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, צוּ טוּן וָואס מֶען קֶען אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וְאַל יָנִיחַ עַצְמוֹ לִפֹּל לְגַמְרֵי, אוּן נִישְׁט זִיךְ לָאזְן אַוֶועקְפַאלְן אִינְגַאנְצְן, חַס וְשָׁלוֹם, כִּי כָל אֵלוּ הַנְּפִילוֹת וְהַיְרִידוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, וַוייל דָאס אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, צְרִיכִים בְּהֶכְרֵחַ לַעֲבֹר בָּהֶם, קֹדֶם שֶׁנִּכְנָסִין בְּשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער אַרִיבֶּער גֵיין אֵיידֶער מֶען קוּמְט אַרַיין אִין דִי שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה, וְגַם הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים עָבְרוּ בְּכָל זֶה, אוֹיךְ אַלֶע אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים זֶענֶען דָאס אַרִיבֶּער.

**אַלֶע** הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זֶענֶען אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען בִּלְבּוּלִים אוּן גֶעטְרַאכְט דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת: 'קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט', 'עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט', זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, בִּיז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען.

**וְדַע**, אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ, שֶׁיֵּשׁ אֶחָד שֶׁכְּבָר הוּא אֵצֶל הַפֶּתַח שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה, אַמָאל שְׁטֵייט מֶען שׁוֹין בַּיים טִיר פוּן קְדוּשָּׁה, וְהוּא חוֹזֵר לַאֲחוֹרָיו מֵחֲמַת הַבִּלְבּוּלִים הַנַּ"ל, אוּן מֶען גֵייט אַוֶועק צוּלִיבּ דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים, אוֹ שֶׁאֲזַי כְּשֶׁהוּא סָמוּךְ אֵצֶל הַפֶּתַח, אָדֶער וֶוען דִי סִטְרָא אַחֲרָא זֶעט וִוי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין מַמָּשׁ אַרַיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, אָז מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַסִּטְרָא אָחֳרָא וְהַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַארְלֵייגְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף דִי נְשָׁמָה, בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל וְנוֹרָא מְאֹד מְאֹד, רַחֲמָנָא לִצְלָן, מִיט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן דֶעם, וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ לִכָּנֵס לְתוֹךְ הַפֶּתַח, אוּן מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט אַרַיין, וֶוערְן עֶרְלִיךְ, וּמֵחֲמַת זֶה הוּא חוֹזֵר לְאָחוֹר, חַס וְשָׁלוֹם, אוּן צוּלִיבּ דֶעם לָאזְט דֶער מֶענְטְשׁ אָפּ זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

**כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא**, וַוייל דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי

אײנֶער איז שוין מַמָּשׁ נאָנט צו װערן אַ צַדִּיק, וְכִמְעַט שֶׁיִּכְנֹס, און עֶר גײט שוין אָט אָט אַרײַן אין דִי קְדוּשָׁה, אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, רַחֲמָנָא לִצְלַן, דֶעמָאלְט פַארלײגן זײ זיך זײער שְׁטַארק אויף דֶעם מֶענְטְשׁ, עַל־כֵּן צָרִיךְ אָז הִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל נֶגְדּוֹ, דַארְף מֶען זיך זײעֶר שְׁטַארְקְן.

**וְשָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר**, און איך הָאב גֶעהֶערְט פון אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק, **שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד**, װען אײנֶער װאלְט אים גֶעזָאגְט, **יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה**, זָאל זײן װער זָאל נָאר זײן, **בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ**, אין זײנֶע יונגֶע יָארן, װען עֶר הָאט אָנְגֶעהויבְּן דִינֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן - דִי װערְטֶער: **אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ**, בְּרוּדֶער שְׁטַארק זיך און דֶערְהַאלְט זיך, **הָיִיתִי רָץ וּמְזַדְּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ**, װאלְט איך גֶעלָאפְן מִיט אַ פְלִינְקְקֵייט צו דִינֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן. **כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל**, װײל אויף אים אִיז אויך אַרִיבֶּער דָאס אַלֶעס װָאס מִיר הָאבְּן אויבְן דֶערְמַאנְט, **וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם**, און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט קײן אײן גוט װָארְט פון קֵיינֶעם, **עַל כֵּן מִי שֶׁרוֹצֶה לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם**, דֶערִיבֶּער װֶער עֶס װיל דִינֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, **יִזְכֹּר זֹאת הֵיטֵב**, דַארְף דָאס גוט גֶעדֶענְקֶען, **וְחַזֵּק עַצְמְךָ מְאֹד**, און זיך זײעֶר שְׁטַארְקְן, **וַעֲשֵׂה מַה שֶּׁתּוּכַל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם**, און טון װָאס מֶען קֶען נָאר אין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, **וּבְרֹבוֹת הַיָּמִים וְהַשָּׁנִים**, און מִיט דִי צײט, נָאךְ טֶעג און יָארן, **תִּכְנֹס לָבֶטַח בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ לְתוֹךְ שַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה**, װֶעסְטוּ זִיכֶער זוֹכֶה זײן צו װֶערְן עֶרְלִיךְ און הֵיילִיג.

## מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת פַאר יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זײעֶר מְזַלְזֵל אִין בְּרֶסְלֶב, 'פַארְוָואס רֶעדְט מֶען אַזויפִיל פון הִתְחַזְּקוּת, װֶער דַארְף אַזויפִיל חִיזוּק...?!' אָבֶּער דִי װָאךְ אין דִי סֶדְרָה זֶעט מֶען װי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן אײנְמָאל און נָאכְאַמָאל (דְּבָרִים לז, פָּסוּק ז, און כג): "חֲזַק וֶאֱמָץ", אַזוי אויךְ אין סֵפֶר יְהוֹשֻׁעַ זֶעט מֶען װי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן עֶטְלִיכֶע מָאל: "חֲזַק וֶאֱמָץ". מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת פַאר זײן תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן.

**פַארְוָואס** טַאקֶע פֶעלְט אוים אַזויפִיל חִיזוּק? װײל יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן גײט דָאךְ אַרײַן בְּרֶענְגֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער קײן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל װאו דִי אִידְן גײעֶן אָנְהֵייבְּן צו דִינֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן פון פְרִישׁ, דַארְף מֶען אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת, װי דֶער רַבִּי זָאגְט דָא, װען אַ מֶענְטְשׁ הײבְּט אָן צו דִינֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן 'צְרִיכִים בְּהֶכְרֵחַ לַעֲבֹר בָּהֶם, קֹדֶם שֶׁנִּכְנָסִין בְּשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה', עֶר מוז אַרִיבֶּער גײן אַסַאךְ שְׁװֶערִיקֵייטְן.

**מִיר וֶועסְטוּ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן!**

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיכֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס יָאר מִיט פְּרִישֶׁע קַבָּלוֹת צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען גֵייט הָאבְּן שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת צוּ טוּן דִי אַלֶע זַאכְן, אוּן מֶען דַארְף זַיין מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַּאלְן פוּן דֶעם וָואס מֶען שְׁפִּירְט וִוי עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, אוּן 'אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אִיךְ פַּאל וַוייטֶער אַרָאפּ, אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער נִסְיוֹנוֹת'. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אָנְהַאלְטְן דֶעם רָצוֹן צוּ וֶועלְן, בֶּענְקֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם **אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל דַאוֶונֶען אִיךְ וִויל לֶערְנֶען".**

**אוֹיךְ** טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶעעֶן אוֹיס חָשׁוּב, אוּן זֵיי קוּמֶען צוּ זָאגְן: "אִיךְ וִויל דִיר נִישְׁט זָאגְן, אָבֶּער אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן... זָאלְסְט וִויסְן אַז דַיין דַאוֶונֶען אִיז נִישְׁט קַיין דַאוֶונֶען, דַיין לֶערְנֶען אִיז נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען" אָדֶער עֶר זָאגְט דִיר: "דוּ טוּסְט נִישְׁט רִיכְטִיג, דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אֶמֶת'דִיג, נִישְׁט דָאס מֵיינְט בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת", אַנְטְלוֹיף פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ, דוּ קוּמְסְט מִיךְ צֶעבְּרֶעכְן?! לָאז מִיךְ אָפּ! אַנְטְלוֹיף פוּן מִיר! מִיר וֶועסְטוּ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן!

**מִיר** הָאבְּן אַלֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן; סֵיי דִי וָואס זֶענֶען בְּפוֹעַל גֶעוֶוען אוּן סֵיי דִי וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, וַוייל פוּן דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אוּן וִויל, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז דָארְט. הֵיי יָאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּט'עֶר יָאר, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע לַאנְגֶע נְסִיעָה, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז נָאךְ גוּט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִי נְסִיעָה, דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן אוּן אָנְהֵייבְּן דֶעם יָאר פוּן פְּרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, תַּרְגוּם אוּן רַשִׁ"י**

**דִי** עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ נֶעם זִיךְ פָּאר אִיז, אִיךְ גֵיי יֶעדְן טָאג נֶעמֶען אַ חוּמָשׁ אוּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, תַּרְגוּם אוּן רַשִׁ"י. דָאס אִיז פוּן דִי הֶעכְסְטֶע עֲבוֹדוֹת, קֶען זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט עֶס אָן וִוי 'וָואס אִיז שׁוֹין לֶערְנֶען חוּמָשׁ... לָאמִיר לֶערְנֶען קַבָּלָה', - צוּ לִימוּד קַבָּלָה דַארְף מֶען אוֹיךְ אֵיין טָאג אָנְקוּמֶען, אָבֶּער 'חוּמָשׁ' אִיז דִי הֶעכְסְטֶע לִימוּד!

**אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא**

**לֶערְן** אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן אַבִּיסְל גְמָרָא. מֶען קֶען עֶס בַּאוַוייזְן, מֶען דַארְף נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מִיט אַסַאךְ, הֵייבּ אָן מִיט אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אַ טָאג, אוּן אַ דַף גְמָרָא. אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן: "דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס טוּן, אוֹיסֶער אֵיין זַאךְ, לֶערְן נִישְׁט קַיין גְמָרָא, וַוייל דָאס

פאַרבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת". און אַז דו פאַרשְׁטֵייסְט נִישְׁט קֵיין לֶערנֶען זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

### שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן

**אויךְ** דַארְף מֶען זִיךְ פָּארְנֶעמֶען מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט אִיךְ קוּם אִין שׁוּל דַאוָוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אִין אָפִּים פַּאר'ן דַאוָוענֶען, אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ קֵיין מִיטוּנְגֶען פַּאר'ן דַאוָוענֶען. און אִיךְ גֵיי דַאוָוענֶען מִיט מִנְיָן; דַאוָוענֶען מִיט מִנְיָן אִיז מְסוּגָל אויף פַּרְנָסָה, אַז מֶען דַאוָוענְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען שֶׁפַע, אַזוֹי הָאט מוֹהַרָא"ש גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס דַאוָוענְט מִיט מִנְיָן - וֶועט הָאבְּן אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן". מֶען דַארְף הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע הִתְגַּבְּרוּת אויף דֶעם, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין דַאוָוענֶען שְׁפֶּעטֶער', מֶען טָאר דָאס נִישְׁט אָפְּשְׁטִיפְּן אויף שְׁפֶּעטֶער.

### הִתְבּוֹדְדוּת

**אויךְ** דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיין אִין אַ זַייט און זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדְן טָאג פַאר אַפָּאר מִינוּט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ זִיס יָאר, אָמֵן.

# פַּרְשַׁת
# הַאֲזִינוּ

# פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן,**
**אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.

**דֶער** רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פָארְגֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן אִינֶעוֵויינִיג. מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס דָא אִין קוּרְצְן:

**דֶער** רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בִּשְׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ וַואלְד צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן פִיר פִינְף יָאר, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל, דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט.

### בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט ווִי אַ קְלֵיין קִינְד

**דֶער** רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא אוֹיס אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין עֶסְן, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

**אוֹיךְ** זֶעט מֶען דָא ווִי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט אַזוֹי ווִי קִינְדֶער בֶּעטְן, קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט קַיין 'נוּסַח הַתְּפִלָּה' ווִי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן עֶסְן, זֵיי בֶּעטְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן פָּשׁוּט, אַזוֹי פָּשׁוּט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף בְּרוֹיט**", "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה**".

### זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע צָרָה

**אַז** דוּ הָאסְט אַ פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אֵיין אַדְרֶעס: גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶועלְן אַוֶועק גֵיין. דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, נִישְׁט בְּלוֹיז פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַפִילוּ פַאר דִי גוֹי'אִישֶׁע פֶעלְקֶער אוֹיךְ.

מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, בֶּעט נִישְׁט קֵיין טוֹבוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן, טְרַאסְט נִישְׁט קֵיינֶעם, גְלֵייב נִישְׁט אִין קֵיינֶעם, גְלֵייב נָאר אִין בַּאשֶׁעפֶער. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אוּן עֶר טְרַאכְט: 'אִיךְ הָאבּ אַ נָאנְטֶער חָבֵר, אִיךְ וֶועל אִים בֶּעטְן גֶעלְט אוּן עֶר וֶועט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן', אִיז דָאס נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע פְּרָאבְּלֶעם ווי דֶער פְּרָאבְּלֶעם אַלֵיינְס. דָאס אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער פְּרָאבְּלֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארזִיכֶערְט זִיךְ אִין אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

### בְּרֶסְלֶב אִיז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

**מֶענְטְשְׁן** פְרֶעגְן: וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת? וָואס אִיז דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר לִימוּד? ווי אַזוֹי דַארְף מֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר? וואו דַארְף מֶען וואוֹינֶען, וֶועלְכֶע נִיגוּן דַארְף מֶען זִינְגֶען, אוּן וֶועלְכֶע עֶסְן דַארְף מֶען עֶסְן צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר? - דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: 'בְּרֶסְלֶב' הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִי אַלֶע זַאכְן, מֶען קֶען עֶסְן וָואס מֶען גְלֵייבְּט אוּן זִינְגֶען וֶועלְכֶע סָארְט נִיגוּן מֶען הָאט לִיבּ, 'בְּרֶסְלֶב' אִיז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

**דֶער** רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז דָאס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין פַארְקִילְט", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הִיסְן", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ דַארְף מַאכְן אַ סוּכָּה, אִיךְ דַארְף ד' מִינִים, אִיךְ דַארְף בְּרֶענְגֶען גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וויל זַיין פְרֵיילִיךְ"**. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "צְווִישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁטָא קַיין חִילוּק, נָאר אֵיין חִילוּק אִיז דָא, בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה אוּן יֶעצְט אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה".

**דָאס** אִיז דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה; נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת', דָאס מֵיינְט, נִישְׁט נָאר אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - נָאר אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט מִיר, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, אַזוֹי ווי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ חָבֵר.

### דִי אַלֶע זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס אִיז דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס

**דָאס** הָאבְּן דִי קִינְדֶער פוּן וַואלְד גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין דֶער 'בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער', דֶער צַדִּיק וָואס הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן. עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועק גֵיין פוּן זֵיי, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זֵיי מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וויל זֵיי נִישְׁט מִיט נֶעמֶען, עֶר הָאט

זַיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַבִּיסְל בְּרוֹיט אוּן זִיךְ אַוֶועק.

**אַזוֹי** הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט זִיבְּן מָאל. דֶערְפַאר הֵייסְט דִי מַעֲשֶׂה "דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס". יֶעדֶעס מָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בֶּעטְלֶער, אַ בְּלִינְדֶער, אַ טוֹיבֶער, אֵיינֶער וָואס שְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד, מִיט אַ קְרוּמֶע הַאלְז, מִיט אַ הוֹיקֶער, אָן הֶענְט אוּן אָן פִּיס.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "'אֵין אָדָם עוֹמֵד עַל דַעַת רַבּוֹ אֶלָּא אַחַר אַרְבָּעִים שָׁנָה' (עֲבוֹדָה זָרָה ה:), יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דִי אַלֶע זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען אֵיין מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיינְס, דִי זִיבְּן זַאכְן זֶענֶען דִי 'זִיבְּן בְּחִינוֹת' צוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען".

**פַארְוָואס הָאבְּן דִי בֶּעטְלֶערְס נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער?**

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:**
פַארְוָואס הָאבְּן דִי בֶּעטְלֶערְס נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער מִיט זִיךְ? - וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶפְנְט זִיךְ אַ נַייעֶ וֶועלְט, עֶס אִיז מַמָשׁ אַ מְחַיֶה, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אִין גַן עֵדֶן, עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט זִיךְ צוּ וֶועמֶען אוֹיסְצוּרֶעדְן אוּן מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן. דֶער מֶענְטְשׁ הָאפְט אַז עֶר זָאל שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין דֶעם הוֹיכְן מַדְרֵיגָה אַ גַאנְץ לֶעבְּן, זָאגְט דֶער רֶבִּי, נֵיין, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג מִיט גֵיין מִיטְ'ן צַדִיק, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ אַבִּיסְל אַלֵיינְס פְּלָאגְן, דוּ דַארְפְסְט צוּרִיק גֵיין צוּ דַיין טֶעגְלִיכְן שְׁטֵייגֶער, מִיט דַיינֶע יְרִידוֹת אוּן נְפִילוֹת, דוּ זָאלְסְט נָאכְאַמָאל שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט וִוי אַ פַארְלוֹירֶענֶער אִין וַואלְד, אוּן פוּן דָארְט זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע דַיינֶע מַצָבִים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דֶער צַדִיק וֶועט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְן צוּ דִיר.

**דֶערְצֵיילְט** דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: וֶוען דִי בְּרוֹיט אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, זֶענֶען זַיי אַרַיין אִין יִשׁוּב אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְגֵיין קְלֵייבְּן עֶסְן בַּיי דִי הַייזֶער. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה מֶעג צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר זִיךְ. דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, מֶען זָאל אַרוּמְגֵיין בַּיי דִי הַייזֶער נָאךְ גֶעלְט.

**מוֹהֲרָא"ש** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוּמְצוּגֵיין נָאךְ גֶעלְט, אַנְשְׁטָאט זַיין אַ 'מְקַבֵּל', אַרוּמְגֵיין בַּיי דִי הַייזֶער בֶּעטְן צְדָקָה, זַיי אַ 'מַשְׁפִּיעַ', גֵיי אַרוּם פַארְשְׁפְּרֵייטְן בַּיי דִי הַייזֶער הִתְחַזְקוּת, סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, סִידוּ'ס אוּן יוּ עֶס בִּי'ס פוּן רֶבִּי'ן, זַיי מְחַיֶה אַנְדֶערֶע אִידְן, לֶעבּ

אויף אידישע קינדער אַז זיי זאָלן אויך וויסן פון די עצות פון רבי'ן, נאָכדעם פרעג זיי צי זיי ווילן געבן עפּעס פאַר צדקה, קומט אויס דו ביסט נישט אַ מקבל, נאָר אַ משפיע.

### זיך מחזק זיין מיט אַ גוטער חבר

די קינדער האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך אַז זיי גייען בלייבן שטענדיג אינאיינעם.

**האָט דער ראש ישיבה שליט"א געזאָגט:**

דער רבי לערנט אונז דאָ אַ וויכטיגע זאַך אַז אַ מענטש דאַרף האָבן אַ גוטער חבר. אַז מען האָט אַ גוטער חבר קען מען זיך מחיה און מחזק זיין, סיי ווען מען האָט ברויט און סיי ווען די ברויט לאָזט זיך אויס.

די שאלה איז נאָר: וואָס מיינט 'אַ גוטער חבר'? - אַ גוטער חבר מיינט נישט איינער וואָס מען קען מיט אים גוט שמועסן, אַ גוטער חבר איז איינער וואָס מען קען מיט אים איבער שמועסן וואָס מען האָט באַקומען פון רבי'ן, מען דערציילט זיך איינער פאַר'ן צווייטן וועלכע שיחה, דיבור אָדער תורה האָט מיר היינט געטראָגן און געגעבן כח.

**דער** רבי זאָגט אַן אינטערעסאַנטע זאַך (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן קפד) ווען מען רעדט מיט אַ צווייטן דיבורי התחזקות ווערט אַן 'אור ישר' און אַן 'אור חוזר', אַ ליכטיגקייט וואָס פאַרט און אַ ליכטיגקייט וואָס קומט צוריק. דאָס הייסט, אַ מענטש קען זיך נישט אַליינס מחזק זיין, ווען דו אַליינס לערנסט דעם תורה פון רבי'ן, שיינט עס נישט אַזוי שטאַרק, אַזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאָגן (ברכות ה:) 'אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים', אָבער אַז דו טרעפסט אַ צווייטן און דו זאָגסט אים איבער אַ דיבור פון רבי'ן, אַ דיבור פון התחזקות, זאָגט דער רבי: נישט נאָר יענער ווערט מחוזק, נאָר יעצט הייבט שוין אָן די חיזוק צו אַרבעטן אויך אויף דיר, עס הייבט אָן צו שיינען מיט אַ מורא'דיגע ליכטיגקייט.

די אַלע וואָס האָבן גוטע חברים זענען בעסער מצליח, דער רבי איז נישט ביי זיי עפּעס אַן אַלטע אָפּגעוועטשטע זאַך, נאָר עס איז ביי זיי פריש, 'אָה, מען גייט רעדן צום אייבערשטן', 'אָה, מיר האָבן מעשיות פון תפילה', און מען דערציילט זיך איינער פאַר'ן צווייטן "איך האָב געבעטן דעם אייבערשטן כך וכך און דער אייבערשטער האָט מיר געהאָלפן".

### דערציילן מעשיות פון תפילה

**אין** די יעצטיגע טעג איז דאָ אַסאַך מעשיות פון תפילה וואָס צו דערציילן, ווייל יעדער האָט דאָך אַסאַך הוצאות פונעם יום טוב וואָס קאָסט געלט, פון די ד' מינים, אַ סוכה וכו', און אַז מען בעט דעם אייבערשטן געשעעט מעשיות

פוּן תְּפִלָּה אַז מֶען הָאט דָאס גֶעלְט. אָפְּגֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן הָאט מֶען גָאר אַסַאךְ נִיסִים צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט.

**אֵיינֶע** פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה וָואס אִיךְ הָאבּ אִיז, אַז אַ גַאנְץ יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ וֶועל זָאגְן דֶעם אֱמֶת, וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין פְּשֶׁעמִישְׁל אוּן גֶעוַוארְט זֵייעֶר לַאנְג אוֹיף דִי בַּאן וָואס וֶועט פָארְן קַיין וִוינִיצֶע, הָאבּ אִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעטְרַאכְט 'אֶפְשָׁר אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אַ וִויץ...' מֶען אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף דִי בַּאן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער עוֹלָם וֶועט בַּאפַאלְן דֶעם אָנְפִירֶער פוּנֶעם נְסִיעָה אַז עֶר הָאט אוּנְז סְתַם אוֹיסְגֶעפָּאפְּט, עֶס הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בַּאן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר זָאלְן אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן", אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן.

**אוֹיךְ** הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אָנְקוּמֶען אוּן אַהֵיימְפָארְן מִיט אַלֶע מַיינֶע פֶּעקְלֶעךְ. הֵיי יָאר אִיז גֶעשֶׁען אַ גְרוֹיסֶע נֵס, אַלֶע יָארְן הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן דִי פֶּעקְלֶעךְ פוּן אַרוּם פוּפְצִיג מֶענְטְשְׁן, הֵיי יָאר אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וָואס בְּלוֹיז אֵיין אָדֶער צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ; זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ וָואס תְּפִלָּה הָאט. אַז מֶען דֶערְצֵיילְט אַזֶעלְכֶע סָארְט מַעֲשִׂיוֹת פַאר אַ גוּטֶער חַבֵר בַּאקוּמְט מֶען אַ חִיוּת, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט אַ פַארְשְׁלָאפֶענֶע לֶעבְּן.

**אַז** מֶען הָאט קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים דַארְף מֶען מַאכְן אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען פְרֶעגְט דִי קִינְדֶער: "וֶוער הָאט אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה?" אוּן מֶען בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צוּזַאמֶען, אוּן מֶען רֶעדְט מִיט דִי קִינְדֶער פוּן תְּפִלָּה, אוֹיךְ אִיז גוּט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ דֶערְצֵיילְן אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן זֵייעֶרֶע תְּפִלָּה מַעֲשִׂיוֹת.

**עֶס** אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען וִוי דָאס וָואס אִיז אַ פָּשׁוּטְ'עֶ זַאךְ בַּיים רֶבִּי'ן אִיז אַזוֹי וַוייט אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁנְ'ס אוֹיגְן. אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ קִינְד דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה פַאר זַיין זֵיידֶע, אַז עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, וֶוערְט דֶער זֵיידֶע בַּאגֵייסְטִירְט: וַואוו, אַזַא קְלֵיין קִינְד בֶּעט שׁוֹין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

**אִיךְ** בַּאמֶערְק בַּיי דִי חֲתוּנוֹת וָואס קוּמֶען פָאר אִין יְשִׁיבָה, וִוי מְחוּתָּנִים זֶענֶען מַרְגִּישׁ אַז זֵיי מַאכְן חֲתוּנָה אַ קִינְד, שְׁטֵייעֶן זֵיי בַּיי דִי חוּפָּה אוּן שָׁאקְלֶען זִיךְ אוּן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן פוּן הִתְרַגְּשׁוּת, וִוידֶער דֶער חָתָן וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט

בַּיים רֶבִּי'ן, מַאכְט מִיט זַיינֶע לִיפְּן און נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

**מֶען** זֶעט ווִי בַּיים רֶבִּי'ן אִיז מֶען אוֹיסְגֶעלַייזְט, מֶען לֶעבְּט ווִי אִין גַן עֵדֶן, און אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַדִיק לֶעבְּט מֶען אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ.

## דָאס רֶעדְן קְלֶעבְּט צוּ אֵיין מֶענְטְשׁ צוּם אַנְדֶערְן

**אִין** חַבַּ"ד אִיז דָא דֶער זַאךְ פוּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין גַּדְלוּת הַבּוֹרֵא. דָאס אִיז טַאקֶע גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַז אַ מֶענְטְשׁ 'טְרַאכְט' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער 'רֶעדְן' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ שְׁטֶערְקֶערֶע זַאךְ, דָאס קְלֶעבְּט מַמָּשׁ צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אִיךְ** וֶועל עֶס מַסְבִּיר מִיט אַ מָשָׁל פוּן אַ מַאן און וַוייבּ; וָואס מֵיינְט אַז מַאן און וַוייבּ זֶענֶען צֶעקְרִיגְט? דֶער קְלֵיינֶער מוֹיל! אוֹיבּ זֵיי רֶעדְן נִישְׁט צְווִישְׁן זִיךְ - מֵיינְט אַז זֵיי זֶענֶען צֶעקְרִיגְט.

**אַמָאל** אִיז דָא אַ קְלוּגֶע פָּארְפָאלְק וָואס קְרִיגְן זִיךְ, און זֵיי ווִילְן דָאךְ נִישְׁט אַז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זָאל זִיךְ דֶערְווִיסְן אַז זֵיי זֶענֶען צֶעקְרִיגְט, לֶעבְּן זֵיי וַוייטֶער פוּן אִינְדְרוֹיסְן דִי גֶעהֶערִיגֶע לֶעבְּן, זֵיי פָּארְן אִין קָאנְטְרִי אַזוֹי ווִי יֶעדֶער, דִי וַוייבּ גְרֵייט אָן הֶערְלִיכֶע סְעוּדוֹת, זִי קָאכְט אֲפִילוּ דִי קְרוֹיט און קְרֶעפְּלֶעךְ, וֶוען דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים פוּן שׁוּל גְרִיסְט עֶר אִיר שֵׁיין "גוּט שַׁבָּת" און פַאר יוֹם כִּפּוּר גֵייעֶן זֵיי צוּזַאמֶען זִיךְ ווָאוּנְטְשְׁן בַּיי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן און אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער אִינֶעווֵייניג קוּקְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אִין דִי אוֹיגְן, און רֶעדְן נִישְׁט צְווִישְׁן זִיךְ.

**עֶרֶב** רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז שׁוֹין אַפָּאר יָאר וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שַׁייְכוּת מִיט זַיין וַוייבּ, אִיךְ קֶען נָאכְנִישְׁט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן דֶעם, קֵיינֶער קֶען דָאס נִישְׁט אֲפִילוּ חָלוֹמְ'ען, מִן הַסְּתָם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן און פַיינִיגְן זִיךְ: 'הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַזַא שְׁטוּבּ ווִי זֵיי', פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט בַּיי זֵיי אוֹיס אַלֶעס גְלַאנְצִיג און פֵיין, זֵיי גֵייעֶן אֲפִילוּ אַמָאל שְׁפַּאצִירְן, און שְׁטִילֶערְהֵייט אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא קַיין לֶעבְּן צְווִישְׁן זֵיי[א].

---

יא. מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער דֶעם:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב סֻכּוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי יָאר בַּיי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, אַז דַיין וַוייבּ אִיז אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִיר פַאר אַפָּאר יָאר. קֵיינֶער קֶען דָאס נִישְׁט אֲפִילוּ חָלוֹמְ'עֶן, פוּן אִינְדְרוֹיסְן

**אַז** מַאן און וַוייבּ זָאגְן זִיךְ אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער: "אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ", "דוּ בִּיסְט אַזוֹי שֵׁיין", "דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר", "שְׁכּוֹחַ", - דִי פָּשׁוּט'ֶע וֶוערְטֶער בְּרֶענְגֶען נָאנְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן. נִישְׁט אַלֶע וֵוייסְן דָאס, און אַפִילוּ דִי וָואס וֵוייסְן דָאס שׁוֹין - טוּעֶן זֵיי עֶס נִישְׁט.

**פַאְרְגַאנְגֶענֶעם** זוּמֶער אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ וואוילֶער אִיד, אַ מַגִיד שִׁיעוּר, עֶר זָאגְט מִיר: "שְׁטִילֶערְהֵייט הֶער אִיךְ אוֹיס דִי דְרָשׁוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט פַאר דִי פְּרוֹיעֶן, אִיךְ וִויל פְּרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פוֹעֵל'ְן בַּיי אַ וַוייבּ אַז זִי זָאל גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אִיר מַאן? מַיין וַוייבּ הָאט מִיר זַייט דִי חֲתוּנָה נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט?" אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט טְשֶׁעפֶּען, אִיךְ וָואלְט אִים גֶעדַארְפְט צוּרִיק פְּרֶעגְן: "דוּ הָאסְט שׁוֹין יָא גֶעגֶעבְּן זַייט דִי חֲתוּנָה אַ גוּט וָוארְט פַאר דַיין וַוייבּ? דוּ הָאסְט שׁוֹין יָא אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר דַיין וַוייבּ אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ?!"

**עֶס** אִיז אַזוֹי וואוּנְדֶערְלִיךְ, דֶער מַאן חַלִישְׁט אַז זַיין וַוייבּ זָאל אִים גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, און דִי וַוייבּ חַלִישְׁט אַז אִיר מַאן זָאל אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי לֶעבְּן זֵיי שׁוֹין צְוָואנְצִיג דְרַייסִיג יָאר און בֵּיידֶע וַוארְטְן אַז דֶער אַנְדֶערֶער זָאל אָנְהֵייבְּן גֶעבְּן דֶעם גוּט וָוארְט!

## דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**דָאס** אִיז אַ מָשָׁל לְגַבֵּי שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער נִמְשָׁל אִיז לְגַבֵּי אַ אִיד מִיטְ'ן

זֶעט אוֹיס אַלֶעם בַּיי דִיר אַזוֹי גְלַאנְצִיג, און שְׁטִילֶערְהֵייט אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא קַיין לֶעבְּן צְווִישְׁן דִיר און דַיין וַוייבּ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, מִיט תְּפִילָּה קֶען זִיךְ אַלֶעם טוּישְׁן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִיר; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ רֶעדְן צוּ אִיר פוּן דֶעם. זָאג אִיר: "מִיר מוּזְן גֵיין צוּ אַ רָב, מִיר קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַזוֹי; מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ וִוי דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז".

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס, דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, זִי זָאל וֶוערְן גֶעזוּנְט, זִי זָאל וֶוערְן עֶרְלִיךְ. און צְוֵוייטְנְס, דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִיר אָן קַיין פַּחַד און אָן קַיין טְשֶׁעפֶּען, דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִיר פוּן טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אַז 'מִיר מוּזְן גֵיין צוּ אַ רָב, אַן עֶרְלִיכֶער רָב, וָואס זָאל אוּנְז מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן', און אַז זִי וֶועט דִיךְ אִיבֶּערְקְלוּגְן, זִי וֶועט דִיךְ שְׁטִיל מַאכְן מִיט אִיר אוֹיבֶּער'חָכָם'קֵייט זָאלְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם שְׁמוּעֶס נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל - וֶועסְטוּ זֶען אַז זַאכְן וֶועלְן זִיךְ טוּישְׁן צוּם גוּטְן.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ תשפ"ג, קֻנְטְרֵס 275)

אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ אִיד וֶוערְט אֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ זַיין דִיבּוּר! אַז דֶער אִיד זָאגְט פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער **בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ"**, "הֵיילִיגֶער **בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל טְרַאכְטְן פוּן דִיר"**, "הֵיילִיגֶער **בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל לֶעבְּן** מִיט דִיר", אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער אִיד וֶוערְט אֵיינְס מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

**טָאג אוּן נַאכְט אִיז מֶען פַארְנוּמֶען צוּ מְקַיֵּים זַיין הֵיילִיגֶע מִצְוֹת**

**דֶער** הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת דִּבְרֵי יוֹאֵל, חֵלֶק א', סִימָן נז), אַז אִין דִי גְּמָרָא (סוּכָּה מו.; מְנָחוֹת מב.) זֶענֶען דָא שִׁיטוֹת צִי מֶען זָאל מַאכְן אַ 'בִּרְכַּת שֶׁהֶחֱיָינוּ' בְּשַׁעַת מֶען בּוֹיעֶט דִי סוּכָּה, וַוייל דָאס בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה אַלֵיינְס אִיז אוֹיךְ אַ מִצְוָה. מִיר פַּסְקֶ'ענֶען צוּ מַאכְן דֶעם שֶׁהֶחֱיָינוּ בְּשַׁעַת מֶען זִיצְט יוֹם טוֹב אִין דִי סוּכָּה, וִויבַּאלְד דִי מִצְוָה עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיטְ'ן בּוֹיעֶן (פְּרִי מְגָדִים, סִימָן תרכה, אֵשֶׁל אַבְרָהָם סָעִיף קָטָן א), אָבֶער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְקַיֵּים קַיין מִצְוָה מִיטְ'ן בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה. בֶּאֱמֶת אִיז דָאס 'בּוֹיעֶן אַ סוּכָּה' אַ גֶעהֶערִיגֶע חִיּוּב מִן הַתּוֹרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן (וַיִּקְרָא כג, מב): "בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים", אַז עֶס זָאל אַרָאפְּפַאלְן אַ פַארְטִיגֶע סוּכָּה פוּן הִימְל אוּן מֶען זָאל זִיךְ אַרַיין זֶעצְן דֶערִין, זִיכֶער אִיז דִי מִצְוָה מֶען זָאל 'בּוֹיעֶן אַ סוּכָּה' מֶען זָאל קֶענֶען זִיצְן יוֹם טוֹב אִין דֶעם.

**אַזוֹי** אוֹיךְ אִיז מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, וִוי דִי מִצְוָה פוּן שָׁאקְלֶען ד' מִינִים, בְּלָאזְן שׁוֹפָר, עֶסְן מַצָּה, בַּיי אַלֶעס אִיז דָא אַ מִצְוָה מֶען זָאל אָנְגְרֵייטְן פַאר יוֹם טוֹב אַלֶע הֲכָנוֹת מֶען זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה וֶוען עֶס וֶוערְט יוֹם טוֹב. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעצְט אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, טָאג אוּן נַאכְט אִיז מֶען פַארְנוּמֶען צוּ מְקַיֵּים זַיין הֵיילִיגֶע מִצְוֹת, צוּ קוֹיפְן דִי ד' מִינִים אוּן בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**נָאכְדֶעם** הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ".

## שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.

בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א
פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכה.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט עֶרֶב סוּכּוֹת, עֶס זֶענֶען דָא וָואס הָאבְּן שׁוֹין אַן אֶתְרוֹג אוּן עֶס אִיז דָא וָואס דַארְפְן נָאךְ קוֹיפְן, וֶועלְן מִיר זֶען וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַן אֶתְרוֹג.

### שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכה

**זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן: בְּחַג הַסֻּכּוֹת תק"ע, אָז אָמַר מֵעִנְיַן הָאֶתְרוֹג: שֶׁלְּפִי בְּחִינַת הַיָּמִים נוֹרָאִים רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ אֶתְרוֹג נָאֶה, כַּמּוּבָא לְעֵיל,** יוֹם טוֹב סוּכּוֹת שְׁנַת תק"ע, אַ יָאר פַּארְ'ן רֶבִּינְ'ס הִסְתַּלְּקוּת, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעם שִׂיחָה וָואס שְׁטֵייט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פז, אַז ווִי מֶער מֶען וֵויינְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג הָאט מֶען אַ שֶׁענֶערֶע אֶתְרוֹג.

**וּבְאוֹתָהּ הַשָּׁנָה לֹא הָיוּ מְצוּיִים אֶתְרוֹגִים,** יֶענֶע יָאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ גֶעפִינֶען קַיין אֶתְרוֹגִים, **וְהָיָה הָעוֹלָם סְבוּרִים שֶׁלֹּא יִהְיֶה לָהֶם אֶתְרוֹגִים כְּלָל,** דֶער עוֹלָם הָאט שׁוֹין גֶעמֵיינְט אַז עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין אֶתְרוֹגִים, **וְלֹא הָיָה שׁוּם אֶתְרוֹג בַּמְּדִינָה עַד עֶרֶב סֻכּוֹת שֶׁעָשָׂה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִסִּים וְסִבֵּב סִבּוֹת בְּדֶרֶךְ נֵס שֶׁבָּאוּ אֶתְרוֹגִים לִקְצָת עֲיָרוֹת,** בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, עֶרֶב סוּכּוֹת אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אֶתְרוֹגִים צוּ עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעט. **וְהָיוּ נוֹתְנִים אָז מָמוֹן הַרְבֵּה בְּעַד אֶתְרוֹג, בִּקְצָת קְהִלּוֹת נָתְנוּ חֲמִשִּׁים אֲדֻמִּים וְיוֹתֵר בְּעַד אֶתְרוֹג אֶחָד,** מֶען הָאט בַּאצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג.

**וְגַם לִקְהִלַּת בְּרֶסְלֶב בָּא אֶתְרוֹג מְהֻדָּר מְאֹד לְיַד רַבֵּנוּ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה,** אוֹיךְ פַארְ'ן רֶבִּי'ן הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט גָאר אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג. **וְהָיָה שִׂמְחָה גְּדוֹלָה מְאֹד לְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה,** דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, **וְאָמַר לְהָבִיא לוֹ כְּלֵי זֶמֶר מִגֹּדֶל הַשִּׂמְחָה,** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מוּזִיק, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְט אוּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען פַאר שִׂמְחָה אוֹיף דִי נֵס אַז מֶען הָאט דִי ד' מִינִים. **וּשְׁלֹשָׁה יָמִים רְצוּפִים הָיָה לוֹ חִיּוּת גָּדוֹל מִן הָאֶתְרוֹג. וְהָיָה בָּרִיא כָּל אוֹתָן הַשְּׁלֹשָׁה יָמִים וְלֹא הָיָה מַרְגִּישׁ כְּלָל הַחוֹלַאַת הַקָּשָׁה שֶׁהָיָה לוֹ, מִגֹּדֶל הַשִּׂמְחָה שֶׁהָיָה לוֹ מִן הָאֶתְרוֹג,** פַאר

גַאנְצֶע דְרֵיי טֶעג הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גוּט גֶעשְׁפִּירְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דִי יְסוּרִים פוּן זַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק; דִי שִׂמְחָה אַז עֶס אִיז דָא אַן אֶתְרוֹג - הָאט אִים גֶעמַאכְט פַארְגֶעסְן אַלֶע יְסוּרִים.

**וְגַם אַחַר סֻכּוֹת סִפֵּר הַרְבֵּה מִן הָאֶתְרוֹג,** אוֹיךְ נָאךְ סוּכּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּנֶעם אֶתְרוֹג, **וְאָמַר,** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: **שֶׁאֵין אָנוּ יוֹדְעִים כְּלָל גֹּדֶל יִקְרַת מַעֲלַת מִצְוַת אֶתְרוֹג,** מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַן אֶתְרוֹג. **וַהֲרֵי אָנוּ רוֹאִין שֶׁיִּשְׂרָאֵל מְפַזְּרִים מָמוֹן הַרְבֵּה בִּשְׁבִיל מִצְוָה זוֹ, יוֹתֵר מֵעַל שְׁאָר מִצְווֹת וּבְוַדַּאי לֹא עַל חִנָּם הוּא,** מֶען זֶעט דָאךְ ווִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעבְּן אוֹיס גָאר אַסַאךְ גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג. **מִסְתָּמָא מִצְוָה זוֹ הוּא יְקָרָה מְאֹד מְאֹד אֲשֶׁר אֵין לְשַׁעֵר,** זִיכֶער אִיז דֶער מִצְוָה גָאר טֵייעֶר וָואס מֶען קֶען עֶס נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן, **רַק שֶׁאֵין אָנוּ יוֹדְעִין גֹּדֶל מַעֲלָתָהּ,** מִיר וֵוייסְן נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוַת אֶתְרוֹג. **אֶפְשָׁר אִם הָיוּ יוֹדְעִין גֹּדֶל מַעֲלַת מִצְוָה זוֹ, הָיוּ עוֹשִׂים מַה שֶּׁהָיוּ עוֹשִׂים בִּשְׁבִיל מִצְוָה זוֹ,** וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוָה וָואלְטְן מִיר זִיךְ נָאכְגֶעמֶער אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט עֶס צוּ מְקַיֵּים ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, **כִּי יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ הֵם חֲכָמִים וְקָשֶׁה לְהַטְעוֹתָם. וּבְוַדַּאי כְּשֶׁהֵם מְפַזְּרִים מָמוֹן הַרְבֵּה בִּשְׁבִיל מִצְוָה זוֹ, לֹא לְחִנָּם הוּא,** וַוייל אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַ קְלוּג פָאלְק, מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט אוֹיסְנַארְן, אוּן אַז זֵיי גֶעבְּן אוֹיס אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר'ן אֶתְרוֹג מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס שְׁטֶעקְט אִין דֶעם מִצְוָה. **וְעוֹד הֶאֱרִיךְ בְּסִפּוּר זֶה וְהִפְלִיג מְאֹד בְּמַעֲלַת מִצְוַת אֶתְרוֹג,** דֶער רֶבִּי הָאט מַאֲרִיךְ גֶעווֶען אִין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוַת אֶתְרוֹג.

**נִישְׁט קְרֶעכְצְן אַז מִצְוֹת קָאסְט גֶעלְט**

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן וֶוען מֶען גֵייט אַיינְקוֹיפְן דִי ד' מִינִים, ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען קֶען מְקַיֵּים זַיין אַזַא טֵייעֶרע אוּן חָשׁוּבְ'עֶ מִצְוָה.

**וֶוען מֶען גֵייט אַיינְקוֹיפְן דִי ד' מִינִים** דַארְף מֶען מִיט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אוּן מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן דֶעם, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוָה, נִישְׁט קְרֶעכְצְן אַז עֶס קָאסְט גֶעלְט.

**פַארְוָואס** דַארְף מֶען גֶעלְט? - דִי גַאנְצֶע גֶעלְט דַארְף מֶען הָאבְּן נָאר אוֹיף צוּ קֶענֶען טוּן דֶערְמִיט מִצְוֹת! וֶוען דוּ גֵייסְט דִינְגֶען אַ קַאר אָדֶער דוּ לֵייגְסְט אַרַיין גֶעז אִין דַיין קַאר אוּן עֶס אִיז צוּ טֵייעֶר, דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ קְרֶעכְצְן: 'אוֹי עֶס אִיז אַזוֹי טֵייעֶר, עֶס קָאסְט מִיר מַיין גַאנְצֶע גֶעלְט!' אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ מִצְוָה, נָאכְדֶערְצוּ דִי מִצְוָה פוּן קוֹיפְן דִי ד' מִינִים, דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵייליךְ.

**בִּפְרַט** אַז מֶען הָאט קִינְדֶער דַארְף מֶען ווִיסְן אַז קִינְדֶער הַאלְטְן אַלֶעס מִיט, קִינְדֶער כַאפְּן אוֹיף יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס טַאטֶע מַאמֶע רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט, אוּן אוּמְווִילֶנְדִיג גֵייט עֶס אַרַיין אִין זֵיי; קִינְדֶער דַארְפְן הֶערְן טַאטֶע מַאמֶע טַאנְצְן: "אָה עֶס קוּמְט שׁוֹין יוֹם טוֹב! אַ מְחַיֶה!" וֶוען קִינְדֶער הֶערְן ווִי דֶער טַאטֶע קְרֶעכְצְט צוּ דִי מַאמֶע: "אוֹי עֶס קוּמְט שׁוֹין יוֹם טוֹב, עֶס גֵייט מִיר אָנְהֵייבְּן צוּ קָאסְטְן גֶעלְט", "שׁוֹין וַוייטֶער קָאסְט עֶס", "עֶס קָאסְט אַזוֹי טֵייעֶר", - וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט וֶועלְן ווִיסְן פוּן קַיין אִידִישְׁקֵייט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**אִין שְׁטוּב** רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן גֶעלְט. וֶוען דִי וַוייבּ בֶּעט גֶעלְט פַאר אַ רוֹימֶערְקֶע טָאר מֶען נִישְׁט קְרֶעכְצְן, קְרֶעכְצְן זָאלְסְטוּ צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּ אִיךְ דָא? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דֶעם יוֹם טוֹב**", אָבֶער אִין שְׁטוּב דַארְף הֶערְשְׁן נָאר שִׂמְחָה, נָאר פְרֵיילִיכְקֵייט.

**דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ** אִיז מִיט דִי סוּכָּה. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע סוּכָּה, אָבֶער וֶוען עֶלְטֶערְן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ זֶענֶען דִי קִינְדֶער פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז פְרֵיילִיךְ שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט אַז דִי סוּכָּה אִיז קְלֵיין, קַאלְט אוּן רֶעגְנְדִיג; אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַלֶעס גוּט.

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַטְעִמֵינוּ טַעַם סוּכָּה**

**אַלֶעס** קֶען מֶען זִיךְ מְסַדֵר זַיין פוּן פָארְאוֹיס, אַ שֵׁיינֶע סוּכָּה, אַ שְׁלַאק, מִיט נוֹי סוּכָּה, אָבֶער אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶער יוֹם טוֹב, בֶּעט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ סוּכּוֹת, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיךְ גָארְנִישְׁט בַּאדֶערְן אִין דִי סוּכָּה, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן ווִי אִיךְ זִיץ אוּנְטֶער'ן שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן**".

**רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי סוּכָּה פַאר זַיין רֶבִּי - רֶבִּי נָתָן; אַ גַאנְצְן עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיף דִי סוּכָּה, עֶס זָאל זַיין שֵׁיין אוּן שְׁטַארְק. בַּיינַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז מֶען שְׁפִּירְט אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט דָאס אוֹיף צוּ שְׁטֶעלְן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן: '**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַטְעִמֵינוּ טַעַם סוּכָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה**', וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט".

**אַז מֶען בֶּעט** דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן פַאר יוֹם טוֹב: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַטְעִמֵינוּ טַעַם סוּכָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן**

**אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה, אִין דִי ד' מִינִים און אִין אַלֶע מִצְוֹת"**, אִיז עֶס אַן אַנְדֶערֶע סוּכּוֹת און אַן אַנְדֶערֶע יוֹם טוֹב.

## וָואס מַאכְט דֶער שַׁיְיכוּת צְווִישְׁן אַ מַאן און זַיין וַוייבּ?

**הַיינְט** אִינְדֶערְפְרִי בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי מַתָּנָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אַז מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער פְּשׁוּט'ע שְׁפְּרַאךְ. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מִיר** הָאבְּן עֶס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל פוּן שָׁלוֹם בַּיִת; מֶען קֶען נִישְׁט אָנְזֶען אוֹיף אַ פָּאר-פָּאלְק אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת וַוייל שָׁלוֹם בַּיִת אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי מוֹיל, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת רֶעדְט מֶען נִישְׁט צְווִישְׁן זִיךְ, קֶען זַיין אַז מֶען זֶעט ווִי זֵיי רֶעדְן, אָבֶּער דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶערֶעדְט, מֶען רֶעדְט נָאר וָואס מֶען מוּז, ווִי "וואוּ לִיגְט דִי בֶּעזֶעם?" "וואוּ לִיגְט דִי שָׁאוְול?" - כְּדֵי עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן כְּאִילוּ אַלֶעס גֵייט אָן פֵיין און וואוֹיל. און מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נָאךְ מְקַנֵא זֵייעֶר שֵׁיינֶע שָׁלוֹם בַּיִת...

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהַאט אַמָאל אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר זִיךְ אָפְּרֶעדְן: "פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן אַזַא גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת ווִי יֶענֶער הָאט", אִיךְ קוּק אִים אָן מִיט וואוּנְדֶער, אִיךְ פְרֶעג אִים: "וואוּ זֶעסְטוּ אַז זֵיי הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת?" זָאגְט עֶר מִיר: "וָואס הֵייסְט? אִיךְ זֶע ווִי זֵיי שְׁפַּאצִירְן אַזוֹי צוּזַאמֶען", פְרֶעג אִיךְ אִים צוּרִיק: "אֶפְשָׁר שְׁפַּאצִירְן זֵיי צוּזַאמֶען וַוייל זֵיי גֵייעֶן יֶעצְט צוּ אֵיינֶעם זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ גֶט'ן, וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער און מִיט דִי גֶעלְט וְכוּ'", און אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער פָּאר-פָּאלְק זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ מִיר זִיךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ גֶטְ'ן, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע גֶעגֶ'ט לֹא עָלֵינוּ.

## וָואס מַאכְט דֶער שַׁיְיכוּת צְווִישְׁן אַ מֶענְטְשׁ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**דֶער** מָשָׁל אִיז גוּט פַאר זִיךְ, מֶען זָאל ווִיסְן אַז 'שָׁלוֹם בַּיִת' אִיז תָּלוּי אִינֶעם מוֹיל, אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְווֵייטְן אִיז דָא שָׁלוֹם. אָבֶּער דֶער נִמְשָׁל אִיז לְגַבֵּי אַ אִיד מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מַאכְט דֶער שַׁיְיכוּת צְווִישְׁן אַ מֶענְטְשׁ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן? דֶער מוֹיל! אֲפִילוּ עֶרְלִיכֶע וואוֹילֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיבּ רֶעדְן זֵיי נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פֶעלְט זֵיי דֶער שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶערְפַאר** דַארְפְן מִיר הָאבְּן דֶער רֶבִּי וָואס בְּרֶענְגְט דָאס אַרַיין אִין אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל און זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אִינְמִיטְן** דֶעם שִׁיעוּר בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט אַ בָּחוּר'ל:

"וָואס טְרַאכְסְטוּ, וָואס וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מֶען זָאל מַמְלִיךְ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" - מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סו) מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם אַז 'מֶען זָאל רֶעדְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער', אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט): "אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה' לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד", יֶעדֶער וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**יֶעצְט** וֶוען מֶען גֵייט שָׁאקְלֶען דִי ד' מִינִים אוּן זִיצְן אִין דִי סוּכָּה אִיז אַ פַּאסִיגֶע צַייט זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין פְּרֵיילִיךְ**".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְלָן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ תִּקְּנוֹ וְגִלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהֹוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִרוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהֹוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

**מִכְתָּם** לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהֹוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהֹוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהֹוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהֹוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

# לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהוָֹה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהוָֹה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהוָֹה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהוָֹה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

# מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהוָֹה: יְהוָֹה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהוָֹה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהוָֹה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

אחר 'אתה סתר לי' - צריך להפסיק מעט (עיין בלקו"מ ח"א סי' רי"ג)

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהֹוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְהֹוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

# מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהֹוָה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

## נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ
אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי
תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה
אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהֹוָה:
בְּלִי־עָוֹן יְרוּצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהֹוָה־אֱלֹהִים
צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי
אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן
בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהֹוָה תִּשְׂחַק־
לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי:
אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ
עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־
שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה,
כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ
סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן
לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר
חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ
אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

## עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי(*) אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה,
קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

---

(*) באמרך 'אל אלהים' תכוון המילוי כזה: אל"ף למ"ד אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי׃ אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה׃ אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר׃ חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים׃ אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי׃ הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד׃ הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר׃ הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה׃ וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן׃ אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ׃ וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה׃ אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים׃ אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ׃ גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה׃ רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת׃ זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ׃ קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ׃ בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נוֹדָעוּ׃ נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן׃

## צ.

תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר׃ בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל, וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל׃ תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם׃ כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה׃ זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף׃ בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ׃ כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ׃ שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ׃

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ
בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל
וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ:
לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְהֹוָה
עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה
וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה:
יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי
אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

# קה.

הוֹדוּ לַיְהֹוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ
זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ
יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהֹוָה: דִּרְשׁוּ יְהֹוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד:
זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם
עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ
מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר
כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק
לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל
נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ
מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם
וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ:
וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם
אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ:
עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהֹוָה צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ: שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ:
לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב
גָּר בְּאֶרֶץ־חָם: וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו: הָפַךְ
לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו: שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן
אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ: שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם:
שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ: הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם
לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם: שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם:
אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם: נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ
לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם: אָמַר
וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר: וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם,
וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם: וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם:
וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל: שָׂמַח מִצְרַיִם
בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם: פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר
לָיְלָה: שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָיו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: פָּתַח צוּר
וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר: כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ,
אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ: וַיּוֹצִיא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו:
וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ
חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ:

# קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן: עַל
עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ: כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ
דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: אֵיךְ נָשִׁיר
אֶת־שִׁיר יְהֹוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר: אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח

## תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה
אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת
יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל
הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי,
שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

# קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ
בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר
הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְּתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים
וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל
הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב
יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהוָה מָעֻזָּם בְּעֵת צָרָה:
וַיַּעְזְרֵם יְהוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ:

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שמעון אליהו אביש**

וזוגתו

**יענטא חי' דבורה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נחמן יהושע איינהארן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה,
ויתברך מפי אל עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ולהצלחה בכל ענינים,
אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שאול חיים איינהארן**

וזוגתו

**מרים ברײנא**

וילדיהם

**יואל יוסף** ומשפחתו, **נתן נחום** ומשפחתו, **מאיר שלמה** ומשפחתו,
**יקותיאל יהודה** ומשפחתו, **שמעון** ומשפחתו, **משה** ומשפחתו,
**נחמן יהושע, גענסא חנה גאלדא.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנשה איצקאוויטש**

וזוגתו

**חיה שבע**

וילדיהם

**שמואל דוד, ישראל יוסף, רוזא בלימא,**
**פייגא, צבי דוב, אברהם קלונימוס.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנחם מענדל באלעבאן**

וזוגתו

**שרה רבקה**

ובתם

**בתיה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אשר יעקב בלום**

וזוגתו

**חיה חנה**

וילדיהם

**לאה פיגא, עטל, נחמן נתן,**
**העניא פרומא, אליעזר שלמה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**משה שמואל בראדי**

וזוגתו

**שרה רייזל**

וילדיהם

**מאלא, חי צילא, בלימא,**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

# יוסף אליהו בריסק

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה,
ויתברך מפי אל עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ולזיווג הגון בקרוב
ולהצלחה בבכל הענינים,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שלמה זאב בריסק**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבו לטובה,
ויתברך מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ולהצלחה בכל הענינים, אמן כן יהי רצון.

**ולע"נ שאול בן ר' שלמה**

**אלטא עטיא בת נתן נטע**

**ת.נ.צ.ב.ה**

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שלמה זלמן גלאנשטיין**

וזוגתו

**אסתר מלכה דינא**

וילדיהם

**אברהם משה, שרה דבורה, הדסה פייגא מיה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אפרים מרדכי שכנא גפן**

וזוגתו

**דבורה**

וילדיהם

**יוטא, שלמה אהרן גרשון, יוסף יהודה, זאב, חיים צבי.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**דוד דייטש**

וזוגתו

**חנה**

ובנם

**שלמה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי אהרן חיים היילפרין**

וזוגתו

**פערל**

וילדיהם

**נתנאל, יחזקאל שרגא, חיה אסתר, נחמן נתן.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי היימליך**

וזוגתו

**מרים**

וילדיהם

**חיה שיינדל, יושע, אדל, אסתר, נחמן נתן.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישראל דוד העסקעל**

וזוגתו

**שרה**

וילדיהם

**נפתלי, מרדכי, יהודית.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**הרוצה בעילום שמו**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יוסף** בן קלונימוס קלמן יהושע **ווייס**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבו לטובה,
ויתברך מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ולזיווג הגון בקרוב
ולהצלחה בכל הענינים,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שמעיה וואקס**

**לע"נ יצחק בן אברהם ראזענבערג**
**ולע"נ ברכה בלה יהודית בת יעקב גדלי'.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבו לטובה,
ויתברך מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ולהצלחה בכל ענינים, אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם חיים וויזל**

וזוגתו

**חוה רבקה שיינדל**

וילדיהם

**יואל יוחנן** ומשפחתו, **חי' אסתר** ומשפחתו, **מיטה** ומשפחתו, **אלתר יעקב משה** ומשפחתו, **אשר מרדכי, ישעי יוסף בענדיט.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם צבי וועבערמאן**

וזוגתו

**לאה שעניא**

וילדיהם

**רייזל, חיה, רבקה, יוטא, אליעזר**
**שלמה, נחמן יואל, חיים, פראדל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**לוי יצחק זאפיר**

וזוגתו

**דבורה**

וילדיהם

**חיים צבי בן דבורה, אליעזר שלמה בן דבורה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אשר לעמיל זוסמאן**

וזוגתו

**פערל חי'**

וילדיהם

**בנימין זאב, יוכבד מידל, נעכא ליבא, שפרה,
נחמן נתן, שלום יואל, אליעזר שלמה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יחזקאל זיגלער**

וזוגתו

**מרים**

וילדיהם

**דוד, דוויזא.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם אליהו זעלקאוויטש**

וזוגתו

**דיסא**

ובתם

**אדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יחזקאל טויסיג**

וזוגתו

**ביילא גיטל**

ובניהם

**ישעי', רחל, חנה יהודית.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל טייטלבוים**

וזוגתו

**בת שבע מדים**

וילדיהם

**שרה רבקה אסתר** ומשפחתה, **פריידה הענדיל גיטל** ומשפחתה,
**פערל** ומשפחתה, **פייגא** ומשפחתה, **משה, אליעזר שלמה, סביאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל בן רבקה**

**ומשפחתו**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יהודה אריה לייב ליבערמאן**

וזוגתו

**אסתר דאבה**

ובניהם

**מלכה רבקה, משה טוביה,**
**אמנואל צבי אלימלך, שמחה בונים.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מו"ה

**פנחס דוד לעבאוויטש**

וזוגתו

**שיינדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אפרים נובוגרודסקי**

וזוגתו

**צפורה**

וילדיהם

**אלישבע, ידידיה אלימלך, תמרה רוזה, הדסה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**זאב סראלאוויטש**

וזוגתו

**מרים**

וילדיהם

**חנה חי', מרדכי, פייגא.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**משולם נחמן פינטער**

וזוגתו

**תמר**

וילדיהם

**פיגא, אסתר, אדל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יעקב שאול פיש**

ווזגתו

**שרה**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, מירל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**משולם פייש פעלבערבוים**

ווזגתו

**באשא הדת**

וילדיהם

**יענטא חי' דבורה, שפרה ליבא, שלום אלי',**
**אלעזר ארי', מירל, בנימין זאב , מאיר.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יוסף פעלדמאן**

וזוגתו

**פריידל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אליהו פערל**

וזוגתו

**רייזל**

וילדיהם

**אדל, רבקה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם אליהו פריעדריך**

וזוגתו

**שרה הענטשא**

וילדיהם

**ישראל, יוסף, חיה פיגא, נחמן נתן.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אליהו ציג**

וזוגתו

**מלכה**

וילדיהם

**יכט, יוסף, שרה פיגא.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק אייזיק קאהן**

וזוגתו

**בילא מדים**

וילדיהם

**צבי אלימלך, אליעזר, אהרן, נחמן נתן, שרה שינדל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם חיים אלטר קלאגסברוין**

ולזכות

**נחמה רחל** בת מלכה ברכה

**מאיר** בן מלכה ברכה

**אהרן** בן מלכה ברכה.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ולהצלחה בבכל ענינים
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם אליהו קנאלל**

וזוגתו

**פיגא**

וילדיהם

**מלכה, ישראל, אליעזר שלמה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אשר ישעי קדויס**

ובנו

**הלל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נחמן נתן קרויס**

וזוגתו

**מרים חיה**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, אברהם מאיר, פיגא, נעכא.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אשר אנשיל דאזנער**

וזוגתו

**בלימא**

וילדיהם

**שיינדל, חיים, ישראל, סאסל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יהודה אריה ראטה**

וזוגתו

**רחל**

ובנם

**יוסף**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישעי ריינער**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אהרן שלמה בן דבורה מלכה שווארטץ**

וזוגתו

**מרים ברכה בת אסתר**

וילדיהם

**אלכסנדר, שרה לאה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יוחנן שור**

וזוגתו

**הינדא**

וילדיהם

**משה, דוד, סימה, חוה ברכה, דבורה רחל,
יפה שיינדל, בלומה, ברוך צבי.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנחם שטיינבערג**

וזוגתו

**חיה**

ובניהם

**אדל, אליעזר שלמה, יוטא, שרה, יהושע, פנחס דוד.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנחם זאב שטערן**

וזוגתו

**עטל**

וילדיהם

**מלכה, שמואל מרדכי, יכט, חיים יושע,**
**אסתר פראדל, פייגא, חי' דבורה, שלמה אליהו, רוזא.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון